STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05543

OYSDERVEHLTE SHRIFTEN

Ahad Haam

Permanent preservation of this book was made possible
by Ann & Paul Sperry
in memory of
Dora & Elias Samols

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אויסדערוועהלטע שריפטען

פון

אחד־העם.

איבערזעצט (מיט ערלויבניש פונ'ם מחבר)

דורך ש. צ. זעצער.

פערלאג „ביכער־פאר־אלע", ווארשא.

תרע"ב.

Избранныя статьи АХАДЪ-ГААМА

Изданіе „БИХЕРЪ-ФАРЪ-АЛЭ".

Въ типографіи М. Кринскаго, Варшава, Долгая 11.

אינהאלט:

חשבון הנפש	5
פרייהייטס-שקלאַפען	18
אַ האַלבע טרייסט	40
הייליגעס און אַלטעגליכעס	50
מדת־הדין און מדת־הרחמים	55
פאָזיטיווע און נעגאַטיווע	63
מאָרגען־אידען און נעכטען־ידען	75
פערגאַנגענהייט און צוקונפט	88
נאָכאַהמונג און אַסימילאַציע	99
דער כהן און דער נביא	116
צוויי וועלטען	130

חֶשְׁבּוֹן־הַנֶּפֶשׁ.

„זעה, ווי גאַטירליך גאָט האָט דעם מענשען בעשאַפען, און זיי יאָגען זיך נאָך פערשיעדענע הַמְצָאוֹת. — זיי נישט קיין צו־גרויסער צַדִיק און קיין צו־גרויסער חָכָם“...

דאַמאָלסט, ווען מיר בעטראַכטען ערנסט די אַלע פערשיעדענע פאַרטייען און סעקטען, אויף וועלכע די מענשען טיילען זיך, לויט זייערע פערשיעדענע לעבענס־אַנשויאונגען; דאַמאָלסט, ווען מיר בעטראַכטען ערנסט די אַלע גרויסע און בעדייטענדע שנויים, וואָס אַט די פּער־שיעדענע פּאַרטייען מאַכען דורך אין זייער ענטוויקלונגס־פּראָצעס, צופאַסענדיג זיך צו פערשיעדענע צייטען און צו פערשיעדענע ערטער; דאַמאָלסט, ווען מיר ווילען זיך איינטראַכטען ערנסט אין די אַלע ספרים, דרשות און ספרים, דורך וועלכע יעדע פּאַרטיי גלויבט, אַז עס וועט זיך איהר איינגעבען איבערצייגען יעדען אין דער גערעכ־טיגקייט פון איהרע מיינונגען, דורך וועלכע יעדע פּאַרטיי גלויבט צו מנצח זיין איהר שונא — די מיינונג, וואָס קעמפפט געגען איהר; דאַמאָלסט, ווען מיר זעהען, אַז אין אמת'ען אָבער דיענען שטענדיג אַט די אַלע ספרים און ויכוחים נאָר אַלס סיבה, אַז עס זאָל נאָך מעהר ברייטער ווערען דער מרחק צווישען די צוויי קעמפפענדע צדדים, עס זאָל נאָך מעהר טיעפער ווערען דער תהום, וואָס ליעגט צווישען זיי, עס זאָל נאָך מיט מעהר היץ פונאַנדערפלאַקערען זיך זייער כעס און עקשנות — דאַמאָלסט, ווען מיר בעטראַכטען ערנסט אַט דאָס אַלעס, איז, ניט ווילענדיג, הויבען מיר אָנגאַנצען אַז צו צווייפלען

אין דער ממשלה פינים אבסאָליוטען אמת אויף דעם מענשליכען גייסט. דאמאָלסט זעהען מיר, אז נישט בלויז די לאָגיק אליין דיקטירט אונזערע מיינונגען ווען עס האנדעלט זיך וועגען זאכען, וועלכע בעריהרען, מעהר אָדער וועניגער, אונזער מאטעריעלען אָדער גייסטיגען גליק. דאמאָלסט זעהען מיר, אז אין דער צייט, וואס מיר גלויבען, אז מיר זוכען נאָר אמת און גערעכטיגקייט, אין דער צייט, וואָס מיר זוכען-נאָך פערשיעדענע לאָגישע בעווייזען אויף צו פערפעסטיגען דורך זיי, פאר אונז און פאר אנדערע, אונזערע מיינונגען — אין דער איינענער צייט פיהרט אָן מיט אלע אונזערע געדאנקען גאָר אן'אנדער כח, וועלכער ליעגט בעהאלטען טיעף, טיעף אין אונזער נשמה, און בויגט זיי, אין וואס פאר א ריכטונג ער וויל, און אלעס, וואס ער, אָט דער פערבאָרגענער כח, דיקטירט אונז, שרייבען מיר צו דער לאָגיק און דעם אמת. און דער שטייגער איז פון אָט דעם מעכטיגען כח איבערצוטהאָן זיך עדעס מאָל אין פערשיעדענע טויזענדער פאָרמען, כדי צו בלייבען אונבעמערקט. פאר דעם דורכדרינגענדען אויג אָבער איז ניט שווער צו דערקענען איהם, אפילו ווען ער בעווייזט זיך פאר אונז אין זיינע טויזענדער פערשיעדענע לבושים, דורך וועלכע ער פערמאסקירט זיך. אָט דער מעכטיגער כח, וועגען וועלכען מיר רעדען, איז די שטרעבונג צו עקזיסטירען און גליקליך זיך פיהלען, וואס די נאטור האָט איינגעפלאנצט אין הארצען פון יעדען לעבעדיג בעשעפעניש, אָט די שטרעבונג, וועלכע טרייבט אלעס, וואס האָט לעבען אין זיך, נאָכצוזוכען אלעס, וואס קאָן ברענגען לעבען מיט זיך, אלעס, וואָס קאָן פערגעניגען פערשאפען, און אויסצומיידען אלעס, וואס קאָן גורם זיין פערניכטונג אָדער צער. אָט די שטרעבונג, וועלכע איז דער אָנהויב און דער סוף פון אלע מעשים, וואָס אלע לעבעדיגע בעשעפענישען טהוען, איז אויך אָט יענער העכערער כח, וואסווירקט אָפען און בעהאלטען, בעוואוסטזיניג און אינבעוואוסטזיניג נישט נאָר אויף די מעשים און האנדלונגען פינים מענשען, נאָר אויך אויף זיין גלויבען און געדאנק.

ווארום גאנץ אנדערש איז דער קאמפף, וואס דער מענש פיהרט פאר זיין עקזיסטענץ און גליק, פון דעם איינענעם קאמפף ביי אלע אנדערע לעבעדיגע בעשעפענישען. אלע אנדערע האָבען נאָר אין מלחמה צו פיהרען, אַן'אויסערליכע מלחמה, מיט די

כחות פון דער נאטור און מיט דעם גאנצען ארומיגען לעבען, וואס שטעלט זיך זיי, ווי א שטן אויף זייער וועג צום לעבען און גליק. דער מענש אָבער האָט נאָך אחוץ דער אויסערליכער מלחמה, נאָך אַן אַנדער מלחמה, אַן אינערליכע, מיט זיך אליין, מיט זיינע איינענע געדאנקען און געפיהלען, וועלכע שטערען איהם, מעהר אָדער וועניגער, זיין גייסטיגען פריעדען און רוה, און דורכדעם ווערט שוין אויך געשטערט זיין גליק אין אלגעמיין. יעדער אומגליק, יעדער שלעכטער צופאל, מיט וועלכען דער מענש בעגעגענט זיך אויף דעם פלאַץ פון דער אויסערליכער מלחמה, וואָס ער פיהרט, פילט-אָן זיין האַרץ מיט געפיהלען פון טרויער און אומעט, וועלכע פערביטערען איהם דאָס לעבען אויך פיעל שפעטער, אפילו נאָכדעם, ווען די מלחמה האָט זיך שוין געענדיגט. יעדע האַרצרייסענדע ערשיינונג לאָזט איבער אין זיין האַרץ טיעפע שפורען, וועלכע לעבען און עקזיסטירען נאָך דאָרט אפילו דאַן, ווען די סיבה, וועלכע האָט זיי ארויסגערופען, איז שוין פערשוואונדען; און אָט די טרויעריגע זכרונות, אָט די ירושה, וואָס בלייבט פון דער פערגאַנגענהייט, פערביטערען איהם דאָס לעבען, דערמיט, וואָס זיי וועקען אין איהם פחד און דאגה פאַר דער צוקונפט אויך אין דער געגענוואַרט און לאָזען איהם נישט נהנה זיין אפילו פון דעם ביסעל פרוכטען, וואָס ער האָט שוין יאָ אראָב-בעקומען פונ'ם עץ-החיים. אַזאַ צושטאַנד קאָן דער אינסטינקט פון לעבען נישט איבערטראָגען, וואָרום דאַמאָלסט, ווען עס איז קיין גייסטיגע מנוחה נישטאָ, איז אויך קיין גליק און קיין לעבען נישטאָ. און דעריבער איז דער מענש געצוואונגען, חאָטש ער פיהלט עס נישט און וויל עס נישט, צו ענדערען אָט יענע אַלע ערשיינונגען און צופאַלען, וועלכע פייניגען די נשמה, און צו זוכען פון זייערטוועגען אזוינע ערקלערונגען, וואָס זאָלען איהם בערוהיגען און צופריעדען-שטעלען זיינע וואונשען און פערלאַנגען.

גאָר אין די אלטע צייטען, ווען די מענשהייט איז נאָך גאָר יונג געווען, דאַמאָלסט, ווען דער מענש האָט נאָך נישט געהאַט אָנגעריהרט זיך אינ'ם עץ-הדעת, ווען ער האָט נאָך גאָר וועניג געקלערט וועגען לעבען און וועגען וועלט; דאַמאָלסט, ווען ער האָט זיך נאָך געלאָזט פיהרען מיט פערמאַכטע אויגען פון זיינע נאַטירליכע ציהונגען, וועלכע האָבען אָהן שום אַנדערע זייטיגע הילף אָנגעפיהרט

מיט אַלע כחות פון זיין גוף און נשמה, אין האָבען בעפריעדיגט אַלע זיינע פרימיטיווע בעדערפנישען, אָהן איבעריגער אָנשטרענגונג — דאַמאָלסט זענען אָט די ביידע מלחמות זיינע געווען איבערגעגעבען אין די הענד פון צוויי פערשידענע כחות: אין די הענד פונם שכל און פונ'ם דמיון, און איבער זיי איז געשטאַנען דער לעבענס-אינסטינקט, וועלכער האָט אָנגעוויזען יעדען איינציגען פון זיי זיין אָרט, אויף וועלכען ער בעדאַרף זיך שטענדיג האַלטען, און די מעשים, וואָס ער האָט צו טהון, כדי צו ברענגען גליק דעם מענשען. דער שכל, געפינענדיג דעם צוזאַמענהאַנג פון די ערשיינונגען און זייערע סבות, האָט איהם געלערנט, מיט וואָסערע מיטלען ער זאָל זיך בענוטצען, אום צו דערגרייכען זיינע וואונשען און צו בעזייטיגען אַלע שטערונגען, וואָס ליעגען אויסער איהם, און דער דמיון האָט ערהליך אויסגעפיהלט זיינע אויפגאַבען, צו טרייסטען איהם אין יעדען אומגליקליכען צופאַל און צו שטאַרקען זיין האַרץ מיט גיטע האָפנונגען, כדי ער זאָל הענד און פיס נישט אַבלאָזען און זאָל פערצווייפעלט פון שלאַכט-פעלד נישט אַנטלויפען. דער שכל איז געווען דער קאָמאַנדיר, וואָס געהט פאַר דער אַרמעע, כדי צולערהנען די סאָלדאַטען וואָס זיי האָבען צו טהון. און דער דמיון — דער גייסטליכער, וואָס געהט-מיט מיט די סאָלדאַטען, כדי צו שטאַרקען די אָבשטעהענדע אין פערוואונדעטע און אויסריידען זיי דאָס האַרץ מיט גוטע טרייסט-רעד. שטענדיג, ווען דער שכל איז ניט אים-שטאַנד געווען צו ערקעמפפען פאַר דעם מענשען דאָס, צו וואָס ער האָט געגאַרט, פלעגט דאַן דער דמיון אַרויסטרעטען צו בערוהיגען איהם, געבענדיג גאָר אַ נייע פאָרם דער גאַנצער קייט פון די ערשיי-נונגען מיט זייערע סבות, און גאָר אַ נייע פרעהליכע ליכטיגקייט האָט אַ שיין געטהון איבער די אַלע גוטע און שלעכטע צופאַלען און ערשיינונגען. דאַמאָלס, ווען שרעקליכע דונערען הויבען אָן די וועלט צו ערציטערען און שרעקליכע בליצען רייסען זיך פון הימעל-אַראָב און וואַרפען אָן אַנ'אימה אויף יעדען און אַלעם, וואָס אין דער נאַטור, דאַמאָלס, ווען פאַר גרויס שרעק וואַרפט אויך דער מענש אַוועק זיין אַרבייט אין פעלד אָדער אין וואַלד און אַ פערצי-טערטער און אַ פערצאַפּעלטער לויפט ער אויסצובעהאַלטען זיך ערגיץ פון דעם שרעקליכען צאָרן פונ'ם פערבאָרגענעם גאָט — קומט איהם דער דמיון צו הילף און ווייזט איהם יופּיטער'ן, זיצענדיג אויף

דער הויך פונ׳ם אלמת: דאס יאגט ער עם די דונערען און בליצען אויף די קעפ פון זיינע שונאים, וואס האבען זיך פערזינדיגט געגען איהם. און דער מענש איז מתפלל דאמאלס צו זיין גאט, בעט איהם איבער מיט א קרבן פון זיינע שאף און רינדער, אדער מיט וועלכע עס איז ערד־פראדוקטען, און מיט א בערוהיגט הארץ קעהרט ער זיך צוריק צו זיין ארבייט, מלחמה צו האלטען פאר זיין עקזיסטענץ מיט זיינע איסערליכע שונאים אונטער דער אנפיהרונג פונ׳ם שכל. אפילו דאן ווען ביי איהם שטארבט עמיצער, דאן ווען ער זעהט אליין מיט זיינע אויגען דעם שרעקליכען משחית, וואס פערניכטעט אלעס, דאן ווען ער מוז זיך זאגען, אז אויך אויף איהם וועט קומען אלעמענס סוף — אפילו דאמאלס האט איהם דער לעבענס־אינסטינקט נישט פערלאזט און האט נישט געלאזט אריינדרינגען אין זיין הארץ פערצווייפלונג און שנאה צום לעבען. ווארום עס איז נישט שווער געווען דעם דמיון זיינעם, צו עפענען פאר איהם די טויערען פון קבר און וויזען איהם לעבען און גליק אויך דארטען, אונטער דער ערד. און דוקא נישט קיין אנדער לעבען, נישט קיין גייסטיג און פרעמד לעבען, נאר א פשוט מענשליך לעבען, א לעבען פון א גוף מיט א נשמה: יעדער לעבט דארט פונקט, ווי ער האט געלעבט דא אויף דער ערד — דער קליינער בלייבט קליין און דער גרויסער בלייבט אויך דארט גרויס. דער שררה בלייבט דארטען אויך שררה, און דער קנעכט בלייבט אויך דארט א קנעכט. אט דער וואונדערבארער גלויבען, וואס שפירען פון איהם האבען זיך בעמערקט אפילו ביי די קלוגע פארצייטיגע פעלקער, און וואס געפינען זיך נאך היינט אויך, לויט די רייד פון די רעליגיאנס־פארשער, ביי פערשידענע פרימיטיווע פעלקער — דער פאטער פון אט דעם וואונדערבארען גלויבען איז די שטרעבונג צו עקזיסטירען. ער שטאמט נאך פון יענע אוראלטע צייטען, ווען דער מענש האט נאך זיין נאאיוויטעט נישט אנגעווארען, ווען זיין נאטירליך לעבען איז אויף איהם נאך קיין שווערע משא נישט געווען, דעריבער האט ער אויך אינ׳ם איביגען לעבען מעהר נישט געזוכט. און אט דער גלויבען האט געווירקט נישט נאר אויף צו פערטרייבען פון איהם דעם פחד פאר דעם טוידט, נאר אויך אויף צוציגעבען איהם מוט און כח אין זיין לעבענס־קאמפף. ער האט איהם שטענדיג דערמאהנט, אז אין דעם מצב, אין וועלכען דער טוידט וועט איהם

טרעפען, וועט ער שוין איביג פערבלייבען, און וואָס העכער ער וועט זיך צום גליק אויפהויבען ביים לעבען, אַלץ מעהר גליקליך וועט ער זיין אויך טוידטערהייד.

אַט אַזוי טרעפען מיר אומעטום, וואו מיר ווענדען זיך, דעם שכל מיט דעם דמיון, דעם טהאַט מיט דער האָפנונג, געהענדיג האַנד-ביי-האַנד אינים לעבען פונים נאַטירליכען מענשען, און יעדער איינער פון זיי העלפט דעם צווייטען אויסצופיהרען זיין אויסערליכען און אינערליכען קאַמפף. כיהלען אַ שנאה צום נאַטירליכען לעבען רעכענט זיך נאָך ניט ביי איהם פאַר אַ פרומער אָדער קלוגער מדה. ער יאָגט זיך דערבער אָפען נאָך דעם גליק און שעמט זיך כלל נישט. און דעריבער פאַלט איהם אויך גאָר נישט איין צו זוכען זיך עפּעס אַנאַנדער ציעל אין לעבען, אויסער אַט דעם איינעם, אויסער דעם נאַטירליכען ציעל: צו עקזיסטירען און צו לעבען אַ גוט גליקליך לעבען. און אום אַט דעם ציעל צו ערדרייכען ערמוידיגט ער זיך גאָר נישט צו קעמפפען מיט אַלע כחות זיינע, מיט אַלע מיטלען, וואָס דער שכל איז איהם אימשטאַנד צו געבען. און דער דמיון שטעהט איהם ביי דער רעכטער האַנד, אום צו פערטרייבען פון איהם יעדען געדאַנק אָדער געפיהל, וואָס קאָן איהם שטערען פון זיין אַרבייט.

עס קומען אָבער אַנדערע צייטען: דאָס לעבען פון דער געזעלשאַפט, וואָס ענטוויקעלט זיך אַלץ מעהר און מעהר, ברענגט מיט זיך נייע זאָרגען און נייע בעדערפעני שען, פון וועלכע די אַמאָליגע דורות האָבען גאָר נישט געוואוסט. דער לעבענס-וועג ווערט פול מיט פערשידענע קינסטליכע שטערונגען, דאָס בעזייטיגען פון וועלכע פאָדערט פיעל קלוגשאַפט, טאַלענט און וויסען. דער קאַמפף פאַר'ן עקזיסטענץ ווערט פערוואַנדעלט דעריבער אין אַ שווערער און שרעקליכער פריעדליכער מלחמה, אין וועלכער די צאָל פון די בעזיעגטע זענען אין צעהנדליגער טויזענד מאָל מעהר פון די בעזיעגער. פיעל פון די גרויסע מענשען, וואָס לעבען אין דער דאָזיגער עפּאָכע, פיעל פון די, וואָס זענען בעשענקט מיט אַ שאַר-רוח, מיט אַ העכערען גייסט, קוקען זיך אַרום דאַמאָלסט, אַז שלעכט איז דעם מענשען אויף דער וועלט, די נאַאיווע חלומות פון די קינדערשע יאָהרען זענען שוין נישט אימשטאַנד צופריעדען-צושטעלען זייער ענטווי־

קעלטען פערשטאַנד, די האָפנונג צו געפינען דאָס געוואונשטע גליק אויף דער ערד און אונטער דער ערד ווערט אינגאַנצען פערשוואונדען, און צוזאַמען מיט איהר געהט אויך פערלוירען די לעבענס-לוסטיגקייט, עס ווערט אָבגעשוואַכט דער ווילען צו אַרבייטען און צו ווירקען אין לעבען. און נאָכדעם, ווי זיי ווערען גייסטיג צובראָכען, צוזעהענדיג די צרות און ליידען, וואָס הערשען אויף דער וועלט, נאָכדעם, אַז זיי זענען זיך שוין אינגאַנצען מיאש פון צו געפינען דעם גוטען עלעמענט אין לעבען, קעהרען זיי אָב זייערע אויגען פונ'ם אויסערליכען שלאַכט-פעלד, וואָס איז בעדעקט מיט טויטע פגרים, און קאָנצענטרירען זייער גאַנץ גייסטיג לעבען אין זייער איינענעם אינערליכען איך: צו זוכען מנוחה און טרייסט פאַר זיך אַליין און פאַר אַלע אַנדערע, וועלכע זענען עהנליך צו זיי. דאַן ווערט אַמיש-מאַש אין זייער גייסטיגער וועלט, און די האַרמאָניע צווישען זייערע גייסטיגע קרעפטען ווערט צושטערט. דער דמיון און דער שכל פאַלען אַריין איינער אין דעם אַנדערענ'ס גרעניץ. אַמאָל האַלט זיך דער מענש ביי איינעם, אַמאָל ביים צווייטען, אָבהענגיג פון זיינע נייגונגען און זיין בילדונגס-צושטאַנד. און אַמאָל, ווען עס ווערט איהם שטאַרק שלעכט, ווענדעט ער זיך גלייכצייטיג אויך צו זיי ביידען, צו געפינען ביי זיי אַ תשובה אויף דער גרויסער פראַגע, וואָס פילט אָן אַלע פיברען פון זיין נשמה: די פראַגע פון לעבען און טויט, פון גוטס און שלעכטס; און ביידע בעמיהען זיך דאַן דעריבער צו געבען איהם דעם ריכטיגען ענטפער, יעדערער אויף זיין שטייגער, און אָט אַזוי אַרום ווערען געבוירען צוויי נייע אַנשויאונגען וועגען דעם מהות פון לעבען און זיין ציעל; צוויי נייע אַנשויאונגען, וואָס דער יסוד זייערער איז אפילו אויך אין דעם ווילען צו עקזיסטירען און צו געניסען פון גליק. דאָס גליק אָבער וואָס זיי געבען — ווי שרעקליך איז זיין אויסזעהן! — און די עקזיסטענץ — ווי אונעהנליך זי איז צו יענער געזונדטער, נאַטירליכער עקזיסטענץ, וואָס קאָן שטרעבען, אַרבייטען און דערגרייכען!... פון אָט די צוויי נייע אַנשויאונגען הויבט זיך איינע אויף אויף די פליגעל פון דער פאַנטאַזיע איבער די גרעניצען פון דער נאַטור און דעם מענשליכען לעבען און טראָגט איבער דעם מענשען גאָר אין אַן אַנדער וועלט, אין אַ העכערער און וואונדערבאַרער וועלט. זי טראָגט איהם איבער אין אַן אַנדער לעבען, אין אַ גייסטיג און

איִיבּיִג לֶעבֶּען. פוּן דֶער הוֹיך פוּן אָט דֶעם נַייֶעם רַייכֶען לֶעבֶּען
קוּקט דֶער מֶענש וו.דֶער אַראָבּ אוֹיף דֶעם אָרט, וואָס עֶר פֶערנֶעהמט
אוֹיף דֶער וועֶלט, בֶּעטראַכט דֶעם בּיִטֶערֶען גוֹרל, וואָס פֶערפָאלגט
איִהם שטֶענדיִג איִן לֶעבֶּען. קוּמט עֶר דאַמאָלסט צוּם בֶּעשלוּס, אַז:
„הבל הבלים, הכל הבל!“ עֶס איִז ניִשטאָ ניִשט קֵיין גוּטס אוּן ניִשט
קֵיין שלֶעכטס, עֶס איִז ניִשטאָ ניִשט קֵיין לֶעבֶּען אוּן ניִשט קֵיין
טוֹידט איִן דֶער יאָמֶערליִכֶער וועֶלט איִנזֶערֶער, וואָרוּם אַלֶעס איִז
מֶעהר ניִשט ווי אַ נוֹיטווענדיִגֶע פאָרבֶּערֵייטוּנג צוּ יֶענֶעם לֶעבֶּען,
אַלֶעס איִן לֶעבֶּען איִז מֶעהר ניִשט, ווי שרֶעקליִכֶע שטרוֹיכל.נִים-
שטֵיינֶער, שווערֶע נסיונות, פוּן ווֶעלכֶע נאָר אֵיינֶער פוּן טוֹיזֶענד
גֶעהט בּשלוֹם אַרוֹיס. אוּן ווֵאיל איִז איִהם אָט דֶעם אֵיינֶעם. פאַר
איִהם איִז עֶס דאָס גאַנצֶע לֶעבֶּען אוּן דאָס גאַנצֶע גוּטס אוֹיף דֶעם
עוֹלם האמת... אָט די וועֶלט-אַנשויאוּנג, אוֹיפהֵייבֶּענדיִג זיִך איִבֶּער
די גרֶעניִצֶען פוּן דֶער נאַטוּר, לאָזט איִבֶּער איִנטֶער זיִך אוֹיך די
לאָגיִק אוּן די עֶרפאַהרוּנג, זי בֶּעהילפיִגט זיִך ניִשט מיִט זיי, וואָרוּם
זי האָט בּכלל קֵיין שוּם גֶעשֶעפטֶען ניִשט מיִט זיי. דֶעריִבֶּער קאָן
זי צוּפריִעדֶען שטֶעלֶען די אַלֶע, וואָס זֶענֶען בֶּעשֶענקט מיִט גַייסטיִגֶע
פליִגֶעל, אוֹיף ווֶעלכֶע זיי קאָנֶען זיִך אוֹיפהוֹיבֶּען איִן אַן אוּנבֶּע-
גרֶענצטֶער הוֹיך. עֶס זֶענֶען אָבֶּער פאַראַן מֶענשֶען, וואָס זֶענֶען עֶנג
צוּנוֹיפגֶעבּוּנדֶען מיִט דֶעם פֶערשטאַנד, וואָס וויל אַלֶעס נאָר זֶעהֶן
מיִט די אוֹיגֶען. די מֶענשֶען קאָנֶען שוֹין ניִשט פליִהֶען איִן דֶער
הוֹיך. אוּן דֶעריִבֶּער, ווען אָט די מֶענשֶען הוֹיבֶּען אָן זוּכֶען אַן עֶנטפֶער
אוֹיף דֶער לֶעבֶּענס-פראַגֶע אוּן קוּקֶען זיִך אַרוּם איִן אַלֶע זַייטֶען
צוּ גֶעפיִנֶען היִלף: זיי גֶעפיִנֶען אָבֶּער גאָרניִשט אוֹיסֶער דֶער קאַלטֶער
לאָגיִק מיִט איִהרֶע טרוּקֶענֶע בֶּעווייזֶען אוּן גֶעזֶעצֶען, ווֶעלכֶע זאָגֶען
צוּ אַסך אוּן גֶעבֶּען גאָרניִשט, — אוּן רוה בֶּעדאַרף דאָך זֵייעֶר גַייסט
פאָרט האָבֶּען, וואָרוּם דֶער וויִלֶען צוּ עֶקזיִסטיִרֶען לֶעבּט דאָך אוּן
פוּנקציאָניִרט דאָך אוֹיך איִן זיי — דאַמאָלסט גֶעבֶּען זיי זיִך איִבֶּער,
גֶעגֶען זֵייעֶר וויִלֶען, צוּ אַן אַנדֶער וועֶלט-אַנשויאוּנג, צוּ אַ פיִלאָזאָ-
פיִשֶער וועֶלט-אַנשויאוּנג, ווֶעלכֶע שרַייט אוֹיך, ווי די עֶרשטֶע: „הבל
הבלים“, זי שיידט זיִך אָבֶּער אָבּ פוּן דֶער עֶרשטֶער בּנוּגע צוּם
מאָטיִוו פוּנ'ם אוֹיסרוּף. וואָרוּם דאַמאָלסט, ווען די עֶרשטֶע לֵייקֶענט
אָבּ דֶעם טוֹידט, גלוֹיבּט ניִשט די צווייטֶע איִן לֶעבֶּען; יֶענֶע
האָט גֶעזוּכט פאַקטיִשֶעס גליִק איִן פֶערגֶעניִגֶען אוּן האָט זיי

געפונען אין אַנ׳אַנדער וועלט, און די זוכט נאָר פּאַלשטענדיגע מנוחה און געפינט זי, — טויטענדיג אינ׳ם מענשליכען האַרץ יעדען געפיהל, יעדען פערלאַנג, וואָס קאָן זי צושטערען, ערקלערענדיג, ווי יענער פיקס אינ׳ם אַלטען משל, אַז ביטער זענען די וויינטרויבען, צו וועלכע ער קאָן נישט צוקומען, אַז אַלע מענשליכע פערגניגען זענען נישט מעהר, ווי פערביילויפענדע שאָטענס, וואָס נאָר נאַראָנים יאָגען זיך נאָך זיי, קלוגע אָבער לאַכען זיך אויס פון זיי. נאָר אין דעם שכל אַליין, זאָגט אָט די פילאָזאָפישע וועלט־אַנשויאונג, בעשטעהט דער מענש, אין דער גרעסטער גליק איז — צו לעבען אַ דענקענדען לעבען, וואָרום דאַן קאָנען די אַלע אומגליקען און שלעכטע צופאַלען קיין שום שליטה אויף איהם נישט האָבען.

אָט די ביידע וועלט־אַנשויאונגען, ווען די ממשלה זייערע איז געוואָרען גרויס אין לעבען, האָבען אינגאַנצען אָבגעצויגען דאָס מענשליכע האַרץ פונ׳ם נאַטירליכען לעבען. די ערשטע וועלט־אַנשויאונג, וועלכע רעכענט די שנאה צום לעבען פאַר אַ פרומער מדה, האָט בעשאַפען גאַנצע מחנות פון איינזאַמע נזירים אין אַסקעטען, וועלכע זענען אַנטלאָפען פונ׳ם לעבענס־טומעל אין וועלדער און מדבריות, צו פערברייננגען די יאָהרען דאָרטען מיט פערלאָגטע הונד, פערטיעפט אין פערשידענע פאַנטאַזיעס אין פאָרשטעלונגען. און די צווייטע, וועלכע רעכענט די שנאה צום לעבען פאַר אַ חכמה האָט איבערפולט די גריכישע אין רוימישע שטעדט מיט בטלנים, וואָס האָבען כסדר נאָר געפילאָזאָפירט. דאָס זענען געווען מענשען, וואָס זענען „אוכלים ואינם עושים״, מענשען, וואָס טהוען גאָר נישט אין לעבען, מענשען, וואָס האָבען געקוקט מיט גרויס גאוה אויף אַלע אַרומיגע, מענשען, וואָס האָבען אַלעמען פיינד געהאַט און אַלע האָבען זיי פיינד געהאַט. פון די ערשטע האָט געשטאַמט יענער אַמאָליגער קדוש, וועגען וועלכען עס ווערט דערצעהלט, אַז ווען מען האָט איהם אָנגעזאָגט די שרעקליכע בשורה, אַז זיין פאָטער איז געשטאָרבען, האָט ער אָנגעשריען אויף דעם אָנזאָגער: „שטיל דו, בעליידיגער, דער מענש איז אינשטערבליך!״ און פון די לעצטע איז געווען יענער גריכישער פילאָזאָף, וואָס דערווייסענדיג זיך, אַז זיין זוהן איז געשטאָרבען, האָט ער גאַנץ קאַלטבלוטיג אַזאָ געגעבען: „ווען ער האָט נאָך געלעבט האָב איך שוין געוואוסט, אַז איך האָב נישט געבוירען קיין אינשטערבליכען״.

די דאזיגע ערשיינונג, וואס מיר האבען דא געזעהן אין דער געשיכטע פון דעם מענשענ'ס אנשויאונגען אויף זיין פערזענליכען לעבען, קאן בעלייכטען אנ'אנדער ערשיינונג, וואס איז ענהליך צו איהר, וועלכע מיר געפינען אין דער געשיכטע פון דער יודישער פאלקס-אנשויאונג אויף דעם יודישען נאציאנאלען לעבען. און נאך דעם אלעם, וואס מיר האבען שוין פריהער גערעדט, קאנען מיר זיך יעצט בענוגענען מיט ווייניג ווערטער.

ווען די יודען זענען נאך א יונג פאלק געוועזען, ווען זיי זענען נאך פול געוועזען מיט פרישע כחות, און האבען נאך קיין סך שווערע צרות נישט געהאט איבערגעלעבט, האט אויך דער נאציאנאלער עקזיסטענץ-אינסטינקט געלעבט ביי זיי א געזונט און נאטירליך לעבען. און דאס פאלק איז איהם נאכגעגאנגען, וואוהין ער האט איהם געפיהרט, און האט נישט געפילאזאפירט צופיעל. מיט פערשטאנד און וויסען האט דאס פאלק מלחמה געהאלטען פאר זיין עקזיסטענץ מיט זיינע אויסערליכע שונאים, און א מתנה נביאים זענען איהם כסדר געשטאנען צו הילף אינווייניג, צו שטארקען זיין הארץ און צו דערוועקען זיינע קרעפטען צו ארבייטען, שילדערענדיג פאר איהם מיט ליכטיגע און זיסע פארבען דאס נאציאנאלע גליק, צו וועלכען ער שטרעבט. און נישט אויף דעם הימעל, נישט אויף יענער וועלט איז אט דאס גליק, נישט איבער די גרעניצען פון דער נאטור. דאס איז עולם-הזה גליק, גשמיות'דיג גליק, וואס איז זעהר נאהענט צום מענשליכען הארץ. דאס גליק בעדארף מען אייביג זוכען נאר אין דער געגענווארט, נאר פאר אט דעם גליק קעמפפען...

אט די גוטע צייט האט זיך אבער נישט לאנג געצויגען. גרויסע און שטארקע מלוכות האבען זיך געגרינדעט ביי די גרעניצען פון יודישען לאנד פון מזרח און מערב, און געהענדיג איינגעהמען פועמדע לענדער האט זיי זיין קליין לאנד געדיענט פאר א דורכגאנג, און מיט א שטאלצער פוס האבען זיי געטראטען דאס קליינע און שוואכע פאלק, וואס איז זיך געזעסען רוהיג און אבגעזונדערט אין זיין קליין לאנד. אין דאס קליינע יודישע פאלק, אויפהויבענדיג זיינע אויגען צו די דאזיגע ריעזען, וואס רינגלען איהם ארום פון אלע זייטען, און פרובענדיג עטליכע מאל אהן ערפאלג אהאבצווארפען פון זיך זייער עול, — האט ער איינגעזען דעם מוט פערלארען און איז איבערפולט געווארען מיט פערצווייפלונג.

און דאַמאָלסט, ווען ער האָט שוין יעדע האָפנונג פערלאָרען צו ערקעמפפען צוריק זיין לעבען און פרייהייט, האָט ער זיך שוין גאָר איינגאַנצען אָבגעזאָגט פון דער אויסערליכער לעבענס-מלחמה, און האָט אָנגעהויבען צו דאַגה'ן נאָר פאַר דער אינערליכער וועלט פון זיין נשמה: אויסצוהיילען די וואונדען פון זיין צובראָכענע האַרץ און צו טרייסטען זיך אַ ביסעל פון'ם גרויסען טרויער. די נאַציאָנאַלע האָפנונגען, וועגען וועלכע זיינע נביאים האָבען נביאות געזאָגט אַמאָל, האָבען אונבעמערקט פערלאָרען זייער אַמאָליגע פאָרם. זיי זענען געוואָרען גאָר איינגאַנצען איבערגעענדערט, אָהן אַ קערפערליכען געשטאַלט זענען זיי אַרויסגעשוואומען פון די גרעניצען פון צייט און נאַטור. דער „חפץ-הקיום" האָט אַרויסגענומען פאַר זיך פון אָט יענע נאַציאָנאַלע האָפנונגען פונדאַמענט-שטיינער און אויפגעבויט אַ הויכען, ריעזיגען פאַלאַץ, דער שפיץ פון וועלכען דערגרייכט ביז צום הימעל... וואָס נידריגער דאָס פאָלק איז געפאַלען אויף דער ערד, האָט זיך דער גייסט זיינער אַלץ העכער און העכער אויפגעהויבען צום הימעל, אַלץ ווייטער און ווייטער זיך דערווייטערט פון'ם ממשות'דיגען לעבען, אַלץ מעהר און מעהר אָנגעוואָהרען דעם רצון צו אַרבייטען אין דער גֶעגֶענוואַרט פאַר דער גֶעגֶענוואַרט, אַלץ מעהר און מעהר זיך דערנאָהענט צו אַ לעבען פון פאָרשטעלונגען און פאַנטאַזיעס, וואָס זענען בעהאַלטען אין'ם שויס פון דער אונבעגרענצטער צוקונפט. די דאָזיגע גייסטיגע קראַנקהייט, זענענדיג אַ נויטווענדיגער רעזולטאַט פון דעם פאָלקס-צושטאַנד און פון זיין געשיכטע, האָט אין אַ קורצער צייט בעהערשט זיין גאַנצען איך, און האָט שוין איהם נישט געלאָזט מעהר אַראָבקוקען פון הימעל אויף דער ערד, צו בעטראַכטען און פיהלען דאָס שענקייט פון לעבען, דאָס זיסקייט פון דער פרייהייט און ווי גרויס אומגליקליך ער אַליין איז; אינסטינקטיוו האָט דאָס יודישע פאָלק געפיהלט, אַז אַזאַ בעטראַכטונג איז פאַר איהם אַנ'אומגליק, אַז זי שטעלט אין סכנה זיין אינערליכע מנוחה און אפשר אויך זיין עקזיסטענץ...

צענדליגער דורות זענען אַזוי אַריבער, און אָט די אַנשויאונג איז געווען דער איינציגער מושל איבער אונזער פאָלק און איז געווען די איינציגע טרייסט אין זיין פיין און דאָס איינציגע גליק אין זיין אומגליק. אָט איז אָבער געקומען די נייע צייט. אַ גייסט פון פערשטאַנד און חכמה איז דורכגעלאָפען דורך אַלע לענדער און

האָט חרוב ונחרב געמאַכט אַלע פאַנטאַסטישע בנינים פון יעדען פאָלק. און אויך דעם ריעזען־פּאַלאַץ פון דער יודישער פאַנטאַזיע האָט ער אָנגערירט — אין די ווענט זיינע האָבען אָנגעהויבען צו ציטערען. דאַן איז שוין ביי אונז אויך די צווייטע וועלט־אַנשויאונג געבאָרען געוואָרען, די פילאָזאָפיע פונ'ם פוקס. וואָרום אַ נייער דור איז דאַמאָלסט אויפגעשטאַנען ביי יודען, אַ דור, וואָס האָט אויך, ווי זיינע טאַטען, נישט געגלויבט אין דער מעגליכקייט צו ערהייכען דאָס נאַציאָנאַלע גליק מיט דעם נאַטירליכען וועג, אינאיינעם מיט דעם אָבער האָט ער, נאָכגעהענדיג נאָך דעם גייסט פון דער צייט, שוין אויך אויפגעהערט צו גלויבען אין דעם וואָס זיינע עלטערן האָבען יאָ געגלויבט און אין דעם גלויבען האָבען זיי אַ נחמה פאַר זיך געפונען. דער נאַציאָנאַלער „חפץ הקיום" איז אָבער נאָך געבליבען לעבען אפילו אין אָט דעם אונגלויבענדען דור. ער לעבט אין איהם געגען זיין ווילען און לאָזט איהם נישט רוהען; אָט דער דור געפינט אַלזאָ נישט קיין אַנדער מיטעל, אויף צו בערוהיגען זיין האַרץ, ווי צו מאַטערען זיך מיט אַלע כחות איבערצומאַכען אָט דאָס געפיהל, וואָס פערשאַפט איהם כעס און וועהטאָג. און ער מאַטערט זיך דעריבער צו גלויבען און צו דערווייזען אַפילו מיט ראיות, אַז „נאַציאָנאַלע ליעבע איז אַלגעמיינע שנאה" און נאַציאָנאַלע איינהייט — איז אַ קינדער־שפּיעל, וואָס איז אַ שאַנדע פאַר אַנ'אַלט און קלוג פאָלק. ער מאַטערט זיך צו דערווייזען, אַז דאָס יודישע פאָלק קאָן און דאַרף עקזיסטירען און פיהלען זיך גליקליך אָהן די „ביטערע ווייַנטרויבען", אַז איהם האָט גאָט איבערגעגעבען גאָר אַנ'אַנדער מיסיע, ווי אַלע אַנדערע פעלקער, אַ מאָראַלישע גייסטיגע מיסיע, וואָס פאָדערט נישט קיין שום פראַקטישע אַרבייט — אַחוץ רבנים און דרשנים...

און אָט אַזוי זעהען מיר, אַז פּונקט ווי בנוגע צום מענשליכען גייסט, אַזוי אויך בנוגע צום פאָלקס־גייסט, האָט „גאָט אַלעם נאַטירליך בעשאַפען און נאָר זיי האָבען עס אָנגעהויבען פערשיעדענע חשבונות צו מאַכען". און אָט די חשבונות, וואָס נעהמען אָן די פאָרם פון רעליגיע אָדער פון פילאָזאָפיע, זענען נישט דער רעזולטאַט פון פרייער בעטראַכטונג און נישט דאָס שטרעבען צו דערגעהן דעם ריינעם אמת האָט זיי צו־זאַמען־געופען, דאָס זענען נאָר גייסטיגע קראַנקהייטען, מיט וועלכע עס איז אָנגעשטעקט געוואָרען דער מענש

אָדער דאָס פאָלק צוליעב געווייסע היסטאָרישע סבות; קראַנקהייטען, וואָס זענען פערשידען לויט זייער חאַראַקטער, זיי זענען אָבער גלייך לויט זייערע רעזולטאַטען, וואָרום אויך די ערשטע, וואָס זוכען דאָך לעבען אין טוידט, ווי אויך די לעצטע, וואָס געפינען דעם טוידט אין לעבען — שטערען דעם מענשען און דאָס פאָלק פון פערנעהמען זיך מיט דער איינפאַכער לעבענס־טהעטיגקייט און דער־ווייטערען זיי פון דעם נאַטירליכען וועג, וועלכער איז אָנגעצייכענט פאַר יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש: צו זוכען לעבען אין לעבען און צו שיצען די אייגענע עקזיסטענץ ביז צום לעצטען אָטעם.

און צו אַט די ביידע עקסטרעמע וועלט־אַנשויאונגען ביים יודען און ביים מענשען שרייט די נאַטור: צו דער ערשטער: „זיי ניט קיין צו־גרויסער צדיק“, און צו דער צווייטער: „זיי ניט קיין צו־גרויסער חכם“.

פריי־הייטס־שקלאפען.

אונזערע רוסיש־יודישע שריפטשטעלער, וועלכע האבען פערפיהרט יעצט א קאמפף געגען די „חובבי־ציון", רעכענען פאר מעגליך צו בענוצען זיך אויך אין אט דעם קאמפף זייערען מיט דעם איינענעם לייכטען כלי־זין, מיט וועלכען זיי האבען זיך בענוצט אין יענע פערגאנגענע צייטען, קעמפפענדיג פאר דער „השכלה" געגען די „פינסטערע פאנאטיקער": אויפ'ן ארט פון צו קריטיקירען דעם אינהאלט פון אונזערע אנשויאונגען, אויף דעם ארט פון צו דערווייזען אונז מיט פעסטע ראיות, וואס שפארען זיך אן אויף דער לאגיק און אויף דער ווירקליכקייט, אז מיר זענען זיך טועה, ווילען זיי אונז מבטל זיין דורך „בעוואוסטע נעמען"; ווילען אויף אונז אנווארפען א אימה דורך דעם, וואס זיי ווייזען אונז, אויף וויפיעל מיר שטעהען אב פון אונזערע ברידער אין מערב און זייערע געלעהרטע. און עס קומט זיי גאר אויפ'ן געדאנק נישט ארויף, אז צווישען אט די נייע געגנער זייערע, מיט וועלכע זיי פיהרען זייער קאמפף, געפינען זיך גאר פיעל, וועלכע האבען אויך עפעס א ידעה אין דער השכלה פונ'ם מערב, וועלכע וויסען דעריבער אויך דאס, אז אפטמאל קאנען אפילו „פראפעסארען" אויך רעדען אומגעלומפערטע זאכען און אז אפילו „אקאדעמיקער" קאנען אויך א מאל זיין פערברענטע אנהענגער פון קאנסערוואטיווע אנשויאונגען, וועלכע האבען שוין נישט אונטער זיך קיין שום באזיס...

דאס געדענקט אונזערע יודיש־רוסישע שריפטשטעלער גאר אויפ'ן געדאנק נישט ארויף און דעריבער לעגען זיי עס אזוי פיעל כחות אוועק, אויף צו ווייזען אונז, כדי מיר זאלען זיך א מוסר אראבגעדמען, אויף וואס פאר א הויכער מדרגה עס געפינט זיך דער־

„גרויסער גייסט“ פון אונזערע ברידער אין פראנקרייך, אז אפילו די אנטיסעמיטישע בעוועגונג איז נישט געווען אימשטאנד צו ברענגען זיי צו „קטנות המוחין“, צו עצבות'דיגען אינגלויבען. זי, די אנטי־סעמיטישע בעוועגונג, בלייבט אינגאנצען אינבעמערקט פאר זייער „גרויס און ברייט אויג“, וואס נעהמט ארום ווייטע האריזאנטען, און זיי פארטזעצען זיכער און רוהיג זייער וועג צו די „אייביגע אידעאלען“, וועלכע עס האבען אנגעצייכענט פאר זיי זייערע גרויסע עלטערען אינ'ם פערגאנגענעם דור; דאמאלסט, ווען מיר, קליינמיטיגע, האבען זיך דערשראקען און אנגעהויבען געהן „צוריק“. אין פערשידענע גרויסע מפורסמים שטעלען זיי ארויס פאר עדות, אז דאס אלעס, וואס זיי זאגען איז ריכטיג. ווער־זשע קאן עס, אלוא, האבען די העזה צו צווייפלען דערין?

און פונדעסטוועגען געפין איך ביי זיך די נויטיגע דרייסטקייט, צו צווייפלען אי אין דער גייסטיגער רוהיגקייט פון אונזערע ברידער אין פראנקרייך, צוזעהענדיג, ווי עס בליהט און וואקסט ביים פראנצויזישען פאלק דער אנטיסעמיטיזם, אי אין דעם „הויכען גייסט“ זייערען און אין דעם גרויסען ווערט פון די „אייביגע אידעאלען“, נאך וועלכע זיי יאגען זיך. און נאך מעהר, אט די אלע ספקות מיינע האבען א גרונד און א סמך פאר זיך טאקי אין די רעד פון אט יענע „מפורסמים“ אליין, מיט וועלכע אונזערע געגנער שרעקען עס אונז אזוי.

נאך פריהער מיט פיער יאהר, האט טעאדאר ריינאק, דער סעקרעטאר פון דער פאריזער „חברה צו פארשען דאס יודענטום“, אין איינע פון די פערזאמלונגען פון יענער חברה, אויפמערקזאם געמאכט די פערזאמעלטע אויף דער סכנה, וואס שטעהט פאר די פראנצויזישע יודען דורך דעם, וואס עס שטארקט זיך דארטען דער אנטיסעמיטיזם. „אוי! — האט אויסגעשריען ה' ריינאק — דער אנטיסעמיטיזם, וועלכען מיר האבען שוין געהאלטען גאר פאר אבגעשטארבען אין אונזער שענער פראנקרייך, פרובירט נאכאמאל אויפצוהויבען דעם קאפ. איינער א פאמפלעטיסט האט געגעבען דעם ערשטען סיגנאל און יעצט חדוש'ט ער זיך אליין אויף דעם וואונדערבארען ערפאלג, וואס ער האט געהאט. אמת, אט דער ערפאלג, וויל איך גלויבען, איז נאר א דערווייליגער, דאך א שלעכטער סימן איז ער פארט“. אנאיינעם מיט דעם רעכענט ווידער ה' ריינאק, אז „עס גיבט נישט קיין רויך אהן פייער“: אודאי געפינען זיך איינציגע קערענדלעך פון

אמת אין די אַנטיסעמיטישע טענות. „זייענדיג די קלענסטע פֿון אַלע אומות, זייענדיג נייע געסט ביים פֿראַנצויזישען פֿאָלק, שטעלט מען זיך אויף אונז בעזונדערס אָב מיט קנאה און קריטיק". אפֿילו אונזערע פֿעהיגקייטען אין אונזערע נצחונות, וואָס מיר דערגרייכען אין אַלע פֿערשידענע לעבענס-צווייגען, קאָנען אונז נישט בעשיצען, פֿערקערהט, „זיי דערוועקען נאָך מעהר קנאה צו אונז". דעריבער האָבען מיר נישט קיין אַנדער עצה, אויסער ווי צו בעטראַכטען יעדען טריט און שריט, וואָס מיר טהוען, כדי מיר זאָלען נישט געבען קיין שום פּתחון-פּה אונזערע שונאים. „זאָלען אונזערע סוחרים זיין אַלע אָרענטליכע, אַלע אונזערע גבירים — בעשיידענע און גרויסע צדקה-געבער, אַלע אונזערע געלעהרטע — פּראָסט ביי זיך, אַלע אונזערע שריפֿטשטעלער אמת'ע פּאַטריאָטען אָהן אַ שום אייגענער פּניה". דאַמאָלסט, — פֿערשטעהט זיך שוין אַליין, אַז אַזעלכע מלאכים מוזען אויסנעהמען אַפֿילו ביי די פֿראַנצויזען...

צו בעדאַרף מען דען זאָגען, אַז ה' רייגאַקס גוטע עצה איז נישט מקוים געוואָרען און וועט אויך קיינמאָל נישט מקוים ווערען; צו ברויכט מען דען זאָגען, אַז דער מצב הענין איז בכלל נישט פֿערבעסערט געוואָרען פֿון דאַמאָלסט אָן ביז יעצט, נאָר, פֿערקערהט, אויף דעם אָרט פֿון איין „פּאַמפֿלעטיסט", איז יעצט דאָ אַ סך פּאַמפֿלעטיסטען, און קיינער פֿון זיי קאָן זיך אויף קיין שלעכט מזל נישט בעקלאָגען: די „שענע פֿראַנקרייך" הערט זיי אויס מיט גרויס השק, די ווערטער זייערע דרינגען איהר אין האַרץ אַריין און גאָר מיט גרויס ערפֿאָלג. מאַכען זיי פֿון טאָג צו טאָג אַלץ מעהר שטאַרקער און מעהר גרעסער די קנאה און די שנאה צום יודישען פֿאָלק. אונזערע ברידער אין פֿראַנקרייך מאַטערען זיך אבער צו גלויבען איינאיינעם מיט דעם ה' רייגאַק, אַז אָט דער ערפֿאָלג איז נאָר אַ צייטווייליגער; נישט פֿיעל אָבער פֿון זיי פֿיהלען עס, ווי ער, און נישט אַלע, וואָס פֿיהלען עס, זאָגען עס אַרויס מיט דעם פֿולען מויל, ווי ער, וואָרום אָט דער גלויבען זייערער האָט נישט אויף וואָס אָנצושפּאַרען זיך. דאָס איז נאָר אַ מין „אָט אַזוי ווילען מיר גלויבען", אָדער ריכטיגער געזאָגט, זיי מוזען אָט אַזוי גלויבען, אויב זיי ווילען נאָר נישט פֿערלאָזען דאָס שלאַכט-פֿעלד מיט אַ פֿערצווייפֿעלט האַרץ נאָך אַ הונדערטיעהריגען קאַמפּף. און פֿונדעסטוועגען—יעדער, וואָס הערט זיך גוט צו צו זייער ציטערדיגער שטימע.

דאמאלסט, ווען עס שיט זיך ביי זיי פונ'ם מויל גלויבען און האפנונג, דער הערט אויך דעם בעהאלטענעם, פערבארגענעם זיפץ, דער הערט אויך די פיינענדע ספקות, וואס הויבען זיך אן צו דערוועקען אויפ'ן טיעפען תהום פון דער נשמה, וועלכע ווילען זיך איך פון מויל ארויס־רייסען אינאיינעם מיט די ארויסגעזאגטע האפנונגען. נאר זיי, די אפטימיסטישע ברידער אונזערע אין פראנקרייך, לעגען ארויף אויף זיי זייער האנד און מיט געוואלד קעהרען זיי צוריק אויף זייער ארט און דערטרינקען זיי אינ'ם מבול פון זייערע הויכע פראזען...

אט ליעגט פאר מיר א ניי פראנצויזיש בוך (אין וועלכען עס האבען עס געזוכט און געפונען די איבערנדערמאהנטע שרייבער אט יענע אלע זיעבען גוטע זאכען). דאס בוך האט ארויסגעגעבען אין פערגאנגענעם יאהר דער ארויסגעבער פונ'ם זשורנאל „דער יוד. ארכ.“ אלס זכרון צום טאג, אין וועלכען עס איז געווארען פינפציג יאהר, זינט דער זשורנאל האט אנגעהויבען צו ערשיינען. אזא ספר־זכרון, ווען ער זאל געווען ארויסגעהן פריהער מיט צוואנציג יאהר, וואלט ער אונז געוועזן דערצעהלט בלי שום ספק מיט קולי־קולות וועגען די אלע נצחונות, וואס די „פראנצויזען פון יודישען גלויבען“ האבען אפגעהאלטען אינ'ם משך פונ'ם יובל־יאהרען, ער וואלט אונז מיט פרעהליכע פארבען געשילדערט דעם גרויסען ערפאלג און די פארשריט, וואס זיי האבען געמאכט אויף אלע לעבענס־געביטען, ער וואלט אונז געשילדערט זייער גליק און כבוד אין דער געגענווארט און זייערע אלע האפנונגען אויף דער צוקונפט. יעצט אבער, ווען דער ספר איז ערשיענען נישט מיט צוואנציג יאהר פריהער, נאר מיט איין יאהר פריהער, וואס הערען מיר? — זאלען זיינע אנהענגער און ליבהאבער קיין פערדרוס נישט האבען — מיר הערען א שוואכע ציטערענדע שטימע. אומזיסט ועט איהר זוכען אין ספר זכרון אמת'ע שמחה, אומזיסט וועט איהר זוכען דארט אמת'ע „געהויבענע שטימונג“, ווי עס פאסט פאר אזא „יובל יום־טוב“: א שטילער טרויער הערשט אינ'ם גאנצען ספר פון אנהויב ביז צום סוף.

ראשית־כל קומט דער בעל־שמחה אליין, דער ארויסגעבער, אבצוגעבען פאר אונז דין וחשבון פון דעם, וואס זיין צייטונג האט אויפגעטהון אינ'ם משך פון זיין ביז־אהעריגען לעבען. „אין יאהר 1840 — דערצעהלט ער אונז — א יובל יאהרען נאכדעם, ווי עס

זענען פובליקירט געוואָרען די פרינציפען פון יאָהר 1789, זענען די רעכט פון יודען, אמת, געווען אויפגעשריבען שוואַרץ אויף ווײַס. אין לעבען אָבער האָבען זיך קײַן שום סימנים פון זיי נישט בעמערקט". און דערבײַ פרעגט ער אין אַ מאמר המוסגר: „צי געפינען מיר זיי פאָלשטענדיג אפילו אויך אין יאָהר 1890?" נאָך אָט דער פראַגע, וועלכע פאָדערט קײַן תשובה נישט, רעכענט ער אויס אַלע מלחמות זײַנע געגען די פאָראורטיילען, וואָס האָבען געהערשט אין זײַן צײַט. ער דערצעהלט אונז, ווי אַזוי ער האָט אָהן אויפהער כסדר בעמיהט זיך אײַנצופלאַנצען אין אַלע הערצער דעם גרויסען פרינציפ פון דער „סאָציאַלער אַסימילירונג" מיט אַלעס, וואָס ערפאָלגט פון אָט דעם גרויסען פרינציפ. און דער היוצא לנו פון אַלע זײַנע רעד איז, אַז אויך דער צווייטער יובל נאָך די פרינציפען פונ'ם 1789-טען יאָהר האָט נאָך אונז אויך נישט געבראַכט דאָס געוואונשטע גליק, וואָרום די שנאה צו יודען האָט נאָכאַמאָל אויפגעלעבט אין פראַנקרײַך, טראָץ די גרויסע פרינציפען פונ'ם 89-טען יאָהר, טראָץ די אָנגע-שטרענגטע מלחמות געגען די פאָראורטיילען, טראָץ דער גאַנצער אַגיטאַציע פאַר אַסימילירען זיך. און בכן? — בכן זאָגט אינז צו דער געעהרטער אַרויסגעבער, אַז אויך אויף ווײַטער וועט ער נישט אויפ-הערען צו קעמפפען און צו אַגיטירען...

נאָך דעם אַרטיקעל פונ'ם אַרויסגעבער געהען נאָך פיעל אַר-טיקלען, כמעט אַלע זענען זיי פון „אנשים מפורסמים", און, כמעט, אין אַלע, מעגען זיי זײַן אויף וואָס פאַר אַ טעמאַ עס איז, קומט עפּיס, ווי פון זיך אַליין, אַרויף דער שמועס וועגען דער אַנטיסעמי-טיזם-פראַגע. איז דען דאָס נישט אַ אמת'ער סימן, אַז אָט די פער-שאָלטענע פראַגע לעבט אין אַלע פיברען פון זייער נשמה, אַז זיי קאָנען אפילו אויף קײַן רגע נישט פערגעסען זיך אָן איהר, און וועגען וואָס זיי זאָלען נישט רעדען, מוזען זיי אויף איהר אַרויס-קומען נישט ווילענדיג?

די שרײַבער פון זאַמעלבוך זענען אָבער גרויסע מענשען, מפורסמים, און פאַר אַזוינע מענשען פאַסט עס נישט איבערצושרעקען זיך און אָבטרעטען צוריק, דערזעהענדיג דעם שונא, ווער שמועסט נאָך, אַרויסצעווײַזען סימנים פון פחד און מורא פאַר י ע נ ע ם. זיי קאָנען בעהערשען זייער פחד, זיי ווײַזען אַ מינע גלײַך ווי זיי קוקען אויף דעם אַלעם פון אויבען אַראָב, זיי קאָנען טרייסטען זיך און

זייערע לעזער מיט גוטע האפנונגען און מיט זיסע הבטחות, וועלכע שמעקען נאך דערצו צייטענווייז ממש מיט נבואה. אט אזוי, למשל, פערזיכערט אונז איינער פון זיי, אז יעצט פיהרען עס די יודען די לעצטע מלחמה מיט זייערע שונאים, וועלכע וועט אונז ברענגען א פאלשטענדיגען נצחון און אמת'ען שלום אויף אייביג. די גרויסע רעוואלוציע פון יאהר 89 געהט גאר פון זייער מויל נישט ארויס. זיי האלטען אין איין דערמאהנען די „מענשען-רעכט", אדער, ווי איינינע פון זיי דריקען זיך אויס, די נייע „עשרת הדברות", וואס יענע רעוואלוציע האט פראקלאמירט, און יעדעס מאל זאגען זיי ארויס זייער האפנונג, אין וועלכער עס הערט זיך עפיס אויך א מין געבעט, א מין בקשה, אז דאס פראנצויזיש פאלק וועט נישט געהן צוריק, אז עס קאן נישט געהן צוריק, אז דאס פראנצויזיש פאלק איז נאך אויך יעצט, ווי פריהער, גרויס, ציוויליזירט, מעכטיג וכו' וכו' וכו'.

צי די דאזיגע נבואות וועלען מקוים ווערען, צי ניין — דאס איז א פראגע, פאר וועלכער דא איז נישט דער פלאץ. נאר צי אזוי, צי אזוי, בעדארף מען נישט זיין בעשענקט מיט קיין שארף קריטיש אויג, אויף צו זעהען פון אט די נבואות, און איבערהויפט פון צווישען די שורות פונ'ם זאמעלבוך, דעם אמת'ען מצב, אין וועלכען עס געפינט זיך דער גייסט פון אונזערע ברידער אין פראנקרייך אין דער יעצטיגער צייט. אט דער מצב, וואס אנדערע געפינען איהם פאר א געהויבענעם, איז פונקט דער היפוך פון גע-הויבענקייט, און דער אמת'ער פאסענדער נאמען זיינער איז: איינער-ליכע שקלאפערי, וועלכע ציהט אויף זיך ארויף דעם לבוש פון אויסערליכער פרייהייט. אט די אינערליכע עבדות האבען יענע ברידער אונזערע ארויפגעצויגען אויף זיך נאך פריהער מיט הונדערט יאהר, אינאיינעם מיט די רעכט, וואס זיי האבען דאמאלסט בעקומען. ביז יעצט האט זי זיך אבער נישט אזוי שטארק געמערקט. אין היינטיגע שלעכטע צייטען אבער טרעט זי ארויס פאר אונז אין איהר גאנצען פראכט און גלאנץ.

די שרייבער בעמיהען זיך למשל איבערצייגען אונזערע גוטע פריינד און שונאים, אז דער גורל פון יודען אין יעדען לאנד איז ענג צונויפגעבונדען מיט דעם גורל פון די איבעריגע בעפעלקערונגען פון דער מדינה, אדער, אפילו מיט דעם גורל פון דער גאנצער מענשהייט בכלל; און דעריבער... דער היוצא לנו מזה, פערשטעהט

זיך שוין אליין. איינער פון זיי ווילענדיג בערוהיגען אונזערע יודישע גבירים אין פראנקרייך, וועלכע האבען מורא פאר א שלעכטען סוף דורך דער אנטיסעמיטישער בעוועגונג, דערצעהלט זיי א שען מעשה׳לע: אין יאהר 1840, אין דער פעברואר-רעוואלוציע, האט זיך פערשפרייט ערגיץ אין דער פראווינץ עלואס א קלאנג, אז די רעוואלוציאנערען ווילען בעפאלען די הייזער פון די יודישע גבירים און בערויבען זיי. די יודען האבען זיך זעהר דערשראקען און האבען גיך געבעטען הילף ביים קאמאנדיר פון שטענדיגען חיל, וואס געפינט זיך אין שטאדט. ער האט אבער נישט געוואלט בעשיצען זיי, כדי די נאציאנאלע גווארדיע וועט אויך אנ׳אנטייל נעהמען. האבען זיך די יודען געווענדעט צו די קאמאנדירען פון דער נאציאנאלער גווארדיע. די קאמאנדירען האבען זיי נאר אויסגעלאכט, זיי האבען גאר קיין גרויסען אומגליק נישט געפונען דערין, וואס עטליכע יודען וועלען צוראבירט ווערען. און אט אזוי האבען זיך די יודען צוריק אהיים געקעהרט פול מיט פחד און שרעק. אויף מארגען אבער איז בעוואוסט געווארען, אז די רעוואלוציאנערען האבען געווארפען א שלעכט אויג אויף אלע קאפיטאליסטען, אהן אונטערשיעד פון גלויבען, און גרייטען זיך, צו בעזוכען אויך די הייזער פון די קריסטליכע נגידים, — האבען זיך באלד בעוויזען אויף די גאסען, אי דאס שטענדיגע חיל, אי די נאציאנאלע גווארדיע, „און די יודען-פראגע איז פערענטפערט געווארען“ — ענדיגט דער שרייבער מיט א צופריעדענעם געלעכטער, צוגעבענדיג נאך דערצו, אז ער רעכענט פאר איבריג, „מאריך זיין וועגען דער גרויסער מאראלישער לעהרע, וואס פאלגט ארויס פון דער מעשה“. און,ווירקליך, קומט אונז א וויכטיגער מוסר ארויס פון דער מעשה, בעטראכטענדיג איהר פון אונזער שטאנדפונקט... צי קענען מיר אבער אין איהר אויך געפינען אט דעם מוסר, וואס דער שרייבער וויל פון איהר ארויסבעקומען? יעדענפאלס איז דאס נישט קיין איבריג געהויבענער מוסר...

אט דער דרך, צו וועקען רחמנות אויף יודען צום נוצען פון אנדערע איז אויך אונז גאנץ גוט בעקאנט. אויך אונזערע רוסיש-יודישע שריפטשטעלער, פון אָ ר ש אַ נ ס ק י׳ ן אן ביז יעצט, ווערען גאר נישט מיעד צו זוכען פערשיעדענע ראיות און סטאטיסטישע ציפרען, כדי צו דערווייזען דורך זיי, אז דאס יודישע פאלק איז א מילך-קוה, און די בעלי-בתים איהרע דארפען אויף איהר רחמנות האבען צוליעב

דער מלך, וואָס זיי בעקומען פון איהר. עס פערשטעהט זיך, אַז אונזערע פראַנצויזישע געלעהרטע קאָנען אויף אַזוי פיעל נידעריג נישט פאַלען, זיי זאָלען אַרויסזאָגען אָט דעם געדאַנק אין אַזאַ מאוס'ער פאָרם. זיי מאַטערען זיך דעריבער צו מלביש זיין איהם אין אַ שענעם לבוש, צו געבען איהם אַנ'אידעאַליסטישע פאָרם. דער געדאַנק איז אָבער פאָרט דער אייגענער און דער זעלבער ביי זיי, ווי ביי אונז. און אַ שרעקליכער געדאַנק איז דאָס. אָט דער געדאַנק אַליין איז שוין גענוג צו ווייזען אונז, אויף וויפיעל אונזערע ברידער אין מערב זענען נאָך אויך ווייט מיט זייער אַרט פיהלען פון אמת'ע פרייע מענשען. בעטראַכט עס נאָר — גזלנים מיט וואָפען בעפאַלען מיר, און איך שטעה און שריי: העלפט, אַ מענש איז אין געפאַהר! — איז דאָס דען נישט גענוג דערויף, אַז יעדער מענש, וואָס הערט מיין געשריי, זאָל פיהלען אויף זיך אַ חוב קומען מיר צו הילף? איז דאָס דען נישט קיין שרעקליכע טוידט-שאַנד דאָס, וואָס איך בעדאַרף פריהער דערווייזען, אַז די סכנה מיינע בעריהרט אויך אַנדערע, די גאַנצע מענשהייט, גלייך, ווי מיין בלוט קאָן אַנדער'ש נישט רויט זיין נאָר סיידען, ווען עס ווערט אויסגעמישט מיט פרעמד בלוט, גלייך, ווי די מענשהייט וואָלט עפּיס זיין פאַר זיך אַ בעזונדער בעשעפעניש, צו וועלכער איך האָב קיין שום מגע ומשא נישט?

אָט די שקלאַפערייַ, וועגען וועלכע איך רעד, שפּראָצט אַרויס פאַר אונז נאָך מעהר, דאַן, ווען די שרייבער פונ'ם זאַמעלבוך הויבען אָן צו רעדען וועגען די אינערליכע ענינים פונ'ם יודענטום. זיי זענען גרויסע גבורים צו קריגען זיך פאַר דער יודישער אמונה מיט די איבעריגע אמונות, וואָס שטעלען זיך געגען איהר, וויסענדיג, אַז דאָס מעג מען אין פראַנקרייך: נישט דער רעגירונג, נישט דעם פאָלק אַרען היינט אַזעלכע זאַכען. דערפאַר אָבער דאַמאָלס, ווען עס קומט זיי אוים צו רעדען וועגען דער נאַציאָנאַלער פערבינדונג, וואָס עקזיסטירט צווישען די פראַנצויזישע יודען און צווישען די יודען פון אַנדערע לענדער, אָדער וועגען דער פערבינדונג, וואָס עקזיסטירט צווישען זיי און צווישען ארץ-ישראל, דאַמאָלסט, ווען עס קומט זיי אוים צו רעדען וועגען אָט דער פערבינדונג, אין וועלכער מען קאָן שוין געפינען אַ סתירה צום עקסטרעמען און שאָוויניסטישען פאַטריאָטיזם, וואָס הערשט אין פראַנקרייך, — דאַמאָלסט דערזעהען

מיר שוין װידער אַ מאָל זײער מאָראַלישע שקלאַפערײ, װעלכע װערגט זײער נשמה און קלאַפּט זײ אַראָב פון דער פּאָזיציע.

אײנער פון די שרײבער פונ'ם זאַמעלבוך, דער בערימטער פילאָזאָף אַדאָלף פראַנק, זאָגט אַרויס קאַטעגאָריש זײַן מײנונג, אַז יעדער יוד, אָהן אונטערשיעד פון נאַציאָנאַליטעט, װאָס געניעסט פון די פרוכטען פון דער עמאַנסיפּאַציע, אין װאָס פאַר אַ לאַנד עס זאָל נישט זײַן, איז מחויב צו דאַנקען דערפאַר ראשית-כל די פראַנצויזען פון דער צײַט פון דער רעװאָלוציע, און דעריבער דאַרף ער רעכענען פראַנקרײַך אַלס זײַן ערשטעס געבורטס-לאַנד, ערשט אויף דער צװײטער מדרגה בעדאַרף בײַ איהם שטעהן זײַן אמת'ע געבורטס-לאַנד! און דערבײַ געפינט ער פלוצלונג פאַר נויטיג צו-געבען די דאָזיגע װערטער: „ירושלים איז פאַר דעם יודען מעהר נישט, װי אַ געבורטס-אָרט פון זכרונות" און פון זײַן אמונה. אמת, אַז ער מעג איהר אָבגעבען אַ געװיסען אָרט אין זײַן גאָטעס-דיענסט, ער אַלײן אָבער איז אַ קינד פון זײַן געבורטס-לאַנד". — אָט די אַנשויאונג אויף „ירושלים" איז אין אמת'ען אפילו מעהר נישט, װי איבערגעמאָהלענע מעהל, װאָס אונזערע געלעהרטע אין מערב מאָהלען יעדעס מאָל איבער אויף פערשידענע אופנים. ערשט נישט לאַנג האָט אַנ'אַנדער יודישער פילאָזאָף אין דײַטשלאַנד אָבגעדרוקט אַ נײַעם ספר, אין װעלכען עס געפינט זיך אויך אַ װיסענשאַפטליכער אַרטיקעל װעגען „מגלת איכה". און חאָטש אין פלוג האָט דאָך קײַן װיסענ-שאַפטליכער אַרטיקעל קײַן שום שייכות נישט מיט „אסור והיתר", דאָך האָט דער מחבר געפונען פאַר נויטיג צו בעשעפטיגען זיך צום סוף פון זײַן אַרטיקעל מיט אַ פראַקטישער פראַגע: צי מעגען מיר הײַנטיגע צײַטען לײענען די מגילה אין שוהל, און ער פסק'ענט די הלכה, אַז מען מעג, װאָרום די קריסטען לײענען זי אויך אין זײערע קלויסטערס דרײַ טעג פאַר זײער פסחא. „און אויב מענשען װעלען אונז פרעגען: װאָס איז ציון פאַר אײַך און װאָס זענט איהר פאַר ציון? װעלען מיר זײ קאַלט-בלוטיג ענטפערען: ציון איז גאָר דאָס אינערליכסטע פון דעם אינערליכסטען בעװאוסטזײַן בײַ די נײַע פעלקער" — דער ענטפער איז אפילו נישט זעהר איבעריג פערשטענדליך, נישט נאָר אין דער איבערזעצונג, נאָר אפילו אויך אין דעם דײַטשען טעקסט, דאָס ציעל אָבער פון מחבר אין די װערטער זײַנע זענען גראַדע זעהר פערשטענדליך... און אויב אַזוי, האָבען מיר קײַן שום

רעכט נישט צו תרעומות האבען אויף דעם פראנצויזישען פילאזאף, וועגען וועלכען מיר רעדען, אמאי ער האלט זיך אן אזא וועלטאנשויאונג. ווער עס לייענט אבער דעם גאנצען ארטיקעל אין זאמעלבוך און ווייסט, אז דער מחבר קומט דארטען צו א מסקנא, אז דאס יודישע פאלק האט א בעזונדער מיסיאן, וועלכע זיי האבען אויף זיך גענומען דארט, אין ירושלים, און זיי האבען זי נאך עד היום נישט אויסגעפילט בשלימות, — אט דער לעזער פרעגט דא א גרויסע פראגע: אויב דער חיוב פון דאנקבארקייט איז אזוי וויכטיג ביים מחבר, אז צוליעב דעם הייסט ער יעדען יודען טייערער האלטען פראנקרייך פון זיין אייגען געבורטס־לאנד, איז דאך שוין א קל־וחומר: מה־דאך פראנקרייך, וואס איז פאר אונז געוועזען מעהר נישט ווי א סיבה צו קריגען אויסערליכע רעכט, וועלכע מיר וואלטען אויך אהן איהר קריגען, ווען מיר וואלטען נאר געוועזען וועלען זיך אויסקעריווען מיט דער פלייצע צו דער „מיסיאן“, — איז דאך ירושלים, וועלכע האט אונז געגעבען די מיסיאן אליין, ירושלים, וועלכע איז די סיבה און דער תכלית פון אונזער לעבען — דארפען מיר זיך איהר על אחת כמה וכמה זיין דאנקבאר און שטעלען זי העכער אפילו פון פראנקרייך.... דאכט זיך מיר, אז אפילו דער גרויסער פילאזאף, דער שרייבער פונ'ם ארטיקעל אליין, וועט אויך נישט קאנען געפינען קיין שום לאגישען טעות אין דעם, וואס איך זאג, און דאך האט ער געשריבען דאס, וואס ער האט געשריבען. איז דאס נישט קיין מאראלישע שקלאפעריי?

אנ'אנדער געלעהרטער — וואס טראגט אויף זיינע פלייצעס דאס גאנצע פראנצויזישע יודענטום און אינאיינעם מיט דעם איז ער אויך א גרויסער עסקן אין כלל־ישראל זאכען — דערצעהלענדיג די גרויסע זאכען פונ'ם בעל־שמחה'ס צייטונג, רעכענט ער צווישען זיי אויך דאס, וואס דורך איהר איז שטארקער געווארען די פערבינדונג צווישען די פראנצויזישע יודען און צווישען זייערע ברידער אין די איבעריגע לענדער. און תוך כדי דבור, דערמאהנענדיג זיך אודאי אן דער „שענער פראנקרייך“ און אן דעם אנטיסעמיטיזם, וואס הערשט אין איהר, הויבט ער זיך אן צו פערענטפערען אויף אט יענע טרפ'ע ווערטער, וואס האבען זיך פון אונטער זיין פען ארויסגעחאפט, אמאי ער, דער פראנצויז, רעכענט פאר א גוטער און נוצליכער זאך די פערבינדונג צווישען דעם פראנצויזישען יודענטום

און צווישען דעם יודענטום פון די אנדערע לענדער. ער הויבט אן צו דערווייזען, אז חאטש די יודען אין פראנקרייך זענען, ווי בעוואוסט, גרויסע פאטריאטען, און האבען ליעב מיט זייער גאנץ הארץ און נשמה זייער לאנד, איז דאס נאך נישט קיין מוז, אז זיי טארען נישט קיין רחמנות האבען אויף זייערע איבעריגע ברידער, וואס ליידען נאך פיעל צרות אין אנדערע לענדער, אדער, אז זיי טארען זיך נישט פרעהען אינאיינעם מיט די פון זייערע ברידער, וואס זייער לאגע פערבעסערט זיך. — און איך בין אזוי זיכער אט אין דעם מערקווירדיגען מענשען און אין זיין איבערגעגעבענקייט און ליעבשאפט צום יודישען פאלק, אז ווען מען וואלט איהם אפילו דערוויזען מיט טויזענדער בעווייזען, אז דער פראנצויזישער פאטריאטיזם פערווערט איהם ליעב צו האבען זיינע ברידער, וואס פון יענער זייט גרענעץ פון פראנקרייך, וואלט ער זיי אויך דאמאלסט ליעב געהאט טיעף, טיעף אין הארצען; אז, ווען אפילו אלע זיינע ברידער וואלטען שוין זוכה זיין צו אלע רעכט און עס וואלט שוין נישט געווען אויף וועמען צו רחמנות האבען און מיט וועמען צו פרעהען זיך, אפילו דאמאלסט וואלט ער אויך וועלען געפינען זיך אין שטענדיגער פערבינדונג מיט אלע און צו נעהמען אנטהייל אין אלעם, וואס מיט זיי קומט פאר. און אויב אזוי, טא וואס דען איז אלזא אט דאס פערענטפערען זיך און אט די מאטיווען, וואס ברענגען צו אזא מין פערענטפערען זיך, אויב נישט קיין מאראלישע שקלאפעריי?

נאר אט די שקלאפעריי איז ערשט א העלפט פון דער פרייז, וואס אונזערע ברידער אין מערב האבען בעצאהלט פאר זייערע רעכט. נאך א שקלאפעריי, וועלכע איז נאך ערגער פון דער ערשטער, ליעגט בעהאלטען אונטער זייער פאליטישער פרייהייט. א חוץ זייער מאראלישער שקלאפעריי איז אויך זייער שכל און פערשטאנד פערשקלאפט. און די שפורען פון אט דער שקלאפעריי געפינען מיר אין בוך, וועגען וועלכען מיר רעדען.

ווארום נאכדעם, וואס אט די ברידער אונזערע האבען מסכים געווען אבצולייקענען די עקזיסטענץ פונ'ם יודישען פאלק, כדי צו בעקומען דורך דעם גלייכבערעכטיגונג, נאכדעם, וואס זיי האבען אנידערגעשטעלט דאס יודענטום נאר אויף דער רעליגיע, איז דאך מיט דעם אליין האבען זיי שוין געצוואונגען אויף זיך, איינצוהיטען

שטרענג די רעליגיעזע איינהייט צווישען אלע יודען. די „רעכט" אבער האבען געפאדערט פערשידענע פראקטישע רעפארמען אויך אין די רעליגיעזע ענינים. דעם דאזיגען קרבן האבען אבער נישט אלע געקאנט ברענגען, און אט אזוי ארום האבען זיך די „בירגער פון יודישען גלויבען" צושיידט אויף פערשידענע סעקטען און די איינהייט פון דער פראקטישער רעליגיע איז צושטערט געווארען. איז שוין מעהר אלזא נישט איבערגעבליבען נאר די פערבינדונג פון דער טעארעטישער רעליגיע. איינעגע אבסטראקטע אידעען, וועלכע זענען געמיינזאם פאר אלע יודען. אט די פערבינדונג, א חוץ וואס זי איז אן און פאר זיך שוואך, ווי יעדער ענין רוחני, וועלכער פערקערפערט זיך נישט אין קיין טהאט, איז די לעצטע יאהרען נאך מעהר אבגעשוואכט געווארען. און וואס וויטער און וויטער ווערט זי נאך אלץ מעהר שוואכער. די ענטוויקלונג פון דער וויסענשאפט האט אונטערגעבראכען אלע פונדאמענטען פון דער אמונה איבערהויפט, און פון דער יודישער אמונה אויך אין כלל, אזוי, אז אפילו דער ארויסגעבער פונ'ם ספר זכרון איז אויך מודה מיט א ביטערען זיפץ, אז „די וויסענשאפטליכע אפיקורסות, וואס טראגט אויף זיך דעם נאמען פון דארווין" שטארקט זיך אלץ מעהר און פון יוצא וועגען פיהרט ער עס נאך דעם קאמפף געגען אט דער כפירה. וואס זשע אלזא זאלען טהון אט די יעניגע פון אונזערע ברידער, פאר וועלכע א חוץ אט דער טעארעטישער תורה, איז מעהר גאר נישט געבליבען, און זי אליין פערנעהמט דאך אויך נאך נישט אזא פעסטע פאזיציע ביי זיי אין הארצען? זאלען זיי אינגאנצען פערלאזען דאס יודענטום און זאלען ווערען גאר פראסטע בירגער? א קליינער טייל פון זיי האבען טאקי אזוי געטהון, פאר וואס אבער זאלען זיי אלע אינאיינעם דאס אייגענע נישט טהון? פארוואס פיהלט עס דער רוב, אז ער קאן אזוי נישט טהון? וואו זענען עס די פעדעם, אויף וועלכע זיי זאלען קאנען אנווייזען אז זיי בינדען זיי צוזאמען מיט דעם יודענטום און לאזען זיי נישט זיך בעפרייען פון איהם? אפשר דאס נאציאנאלע נאטירליכע געפיהל, וואס גערט איבער צו זיי בירושה פון די עלטערן זייערע און איז נישט אבהענגיג פון קיין גלויבען און ריטועלע אקטען? חס ושלום מען זאל גאר דערמאהנען אזעלכע זאכען! אט דאס דאזיגע געפיהל האבען זיי נאך פערקויפט פריהער מיט הונדערט יאהר און האבען בעקומען פאר איהם רעכט. אמת,

נישט נאך פון זייער אייגענעם ווילען איז בעלאנגט צו קאנען ארויסרייסען אט דאס געפיהל פון הארץ, אין טראץ זייער גאנצער בעמיהונג צו פערניכטען איהם, טראץ וואס זיי וואלטען וועלען אויסבעהאלטען איהם פון זיך און פון אנדערע — לעבט ער דאך און ווירקט טיעף, טיעף אין זייער נשמה, געגען זייער ווילען. דער ענטפער, וואס בעפריעדיגט זעהר גוט אונז, בעפריעדיגט אבער נישט זיי: זיי האבען בפרהסיא אבגעלייקענט זייער יודישע נאציאנאליטעט און טארען דעריבער קיין חרטה נישט האבען, טארען נישט מודה זיין, אז זיי האבען פערקויפט א זאך, וואס געהערט נישט צו זיי. מיט וואס פארט קאנען זיי אלזא פערענטפערען זייער עקשנות, וואס זיי טראגען נאך אויף זיך דעם יודישען נאמען, וועלכער ברייגנט זיי כלל קיין כבוד נישט אריין, צוליעב עפעס אבסטראקטע אנשויאונגען אין וועלכע זיי גלויבען שוין נישט מעהר, און ווען אפילו זיי גלויבען נאך יא אין זיי מיט דעם גאנצען הארצען, וואלטען זיי דאך געקאנט גלויבען אין זיי, אפילו נישט טראגענדיג אויף זיך דעם יודישען נאמען, ווי אלע אנדערע דעאיסטען פון נישט-יודען?

אט די פראגע, וועלכע בעאונרוהיגט אונזערע געלעהרטע אין מערב שוין פון לאנג אן, האט זיי נאך אין פריהערדיגען דור געבראכט דערצו, זיי זאלען ממציא זיין עפעס א נייע משונה'דיגע תורה, פאר וועלכער זיי האלטען זיך מיט אלע זייערע כחות נאך ביז היינט. דאס איז די בעוואוסטע תורה וועגען דער יודישער מיסיאן צווישען די פעלקער. די דאזיגע תורה איז געגרינדעט אויף א פאראורטייל, וועלכער איז געגען אלע יסודות פון דער וויסענשאפט ביי איהר יעצטיגען צושטאנד, גלייך, ווי יעדעס פאלק וואלט טאקי מיט אן אמת בעשאפען געווארען פון אנהויב אן צוליעב א געוויסען צוועק, און דעריבער האט אלזא יעדעס איינציגעס פאלק זיין „מיסיאן", וועלכע ער בעדארף דורכפיהרען אין משך פון זיין לעבען, וואס ער לעבט געגען זיין ווילען ביז ער וועט פערענדיגען דאס, וואס מען האט אויף איהם ארויפגעלעגט פון אויבען. אט אזוי, למשל, זענען די גריכען בעשאפען געווארען צו פערפאלקאמען און ענטוויקלען די שענע אויסערליכע פארמען, און די רוימער אויף צו ענטוויקלען און פערפאלקאמען די פיזישע קראפט! אט אויף אזא אופן האבען זיי געפונען א תשובה אויף יענער פראגע, פאר וואס בעדארף מען בלייבען יודען, א תשובה, וואס פון איין זייט שטערט זי נישט די ערהואר-

בענע רעכט, פון דער צווייטער זייט לאָזט זי נאָך איבער אַ געוויסען פּלאַץ פאַר דער איינהייט פונ'ם יודענטום: דאָס יודיש פאָלק איז, ווירקליך, געשטאָרבען, נאָר די כנסת ישראל, די יודען עקזיסטירען נאָך און מוזען עקזיסטירען, וואָרום די יודישע מיסיאָן איז נאָך נישט דורכגעפיהרט געוואָרען אינגאַנצען, כל זמן דער אַבסאָלוטער מאָנאָטעאיזם, מיט אַלע זיינע פירושים האָט נאָך נישט בעהערשט די גאַנצע וועלט, — ביז דאַמאָלסט וועלען די יודען מוזען לעבען נישט ווילענדיג אַפילו, זיי וועלען מוזען לעבען און ליידען און מלחמה האַלטען, וואָרום דערויף זענען זיי בעשאַפען געוואָרען: „צו בעגרייפען ריכטיג גאָט און ברענגען אויך אַנדערע דערצו".

אַלזאָ, כדי דורכצופיהרען עהרליך אונזער מיסיאָן, דאַרפען מיר אפשר זיין גאָט'ס שלוחים, ווידמען אַלע אונזערע קרעפטען, אויף צו פערשפּרייטען אָט יענעם ריינעם „בעגריף" צוליעב וועלכען מיר לעבען?

חלילה! — ענטפערען אייך אונזערע „מיסיאָנערען". די מאָטיווען זייערע בעדאַרפען קיין פירושים נישט — „אויף אונז איז נישט מוטל צו ברענגען דעם קץ; אונז האָט גאָט דעם אמת איבערגעגעבען, ער האָט אונז אָבער נישט געהייסען צו פערשפּרייטען איהם".

איז דאָך ווידער די קשיא, ווי אַזוי זשע וועלען מיר רעאַליזירען אונזער מיסיאָן און לעבען?

דערויף ענטפערט מינק: „אָט די מיסיאָן ווערט אָהן אויסהער דורכגעפיהרט דורך דעם פראָגרעס פון די רעליגיעזע אַנשויאונגען". און היות אונזערע הייליגע שריפטען זענען דער יסוד פון אָט דעם פראָגרעס און די סבה זיינע, דעריבער ווערט עס פערעכענט אויף אונזער חשבון, גלייך, ווי מיר אַליין וואָלטען טהון דאָס אַלעס, וואָס בעדאַרף געטהין ווערען לטובת פונ'ם רעליגיעזען פראָגרעס און דעריבער, נאָר דעריבער, בעדאַרפען מיר איבערבלייבען טריי אונזער יודישע פאָהן ביז עס וועט קומען די רעכטע צייט...

געגען אָט דער „מיסיאָן" אַליין איז אַפילו נישטאָ וואָס צו רעדען. דאָס איז זעהר אַ בעקוועמע און לייכטע מיסיאָן. יעדענפאַלס, איז דאָך קיין חרפה נישט צו זיין אַ „מלמד" פאַר אַלע פעלקער און קוקען אויף דער גאַנצער מענשהייט, ווי אויף אייביגע תלמידים, וואָס שלינגען דורשטיג איין אַלע אונזערע תורות, ווער שמועסט

נאָך דאַמאָלסט, ווען אַט די שטעלע פאָרערט נישט קיין שום מיה און אַרבייט פון אונזער זייט: דער פּראָגרעס, וואָס אונזער תנ"ך איז משפיע, ער אַליין קעמפפט עס פאַר אונזער מיסיאָן, מיר בעדאַרפען נאָר צוזעהן דאָס גרייטע און זיך משמח זיין. דאָס וואָלט אָבער גוט זיין, ווען די „תלמידים" אונזערע וואָלטען אויך זיין פיינע און שטילע תלמידים און זאָלען זיך בעגעהן מיט'ן רבי'ן מעשה-כבוד. יעצט אָבער, ווען מיר זעהן, וואָס פאַר גרויסע עזות-פּנים'ער די תלמידים זענען, ווי זיי זענען איהם שטענדיג מבזה דעם רבי'ן, און דאָס לעבען ווערט איהם אַזש נמאס, יעצט בלייבט אַליין איבער שטעהן די אייגענע קשיא נישט פערענטפערט: היות אונזער אייגען לעבען ברענגט שוין נישט קיין נוטצען אויף דורכצופיהרען די מיסיאָן, היות דער תנ"ך וועט אָהן אונז אויך נישט פערלוירען געהן און דער רעליגיעזער פּראָגרעס וועט זיך טהון דאָס זייניגע אָהן אונז אויך, היות מיר זענען מעהר נישט ווי אַ „מצבה" אויף דעם וועג פון אַט דעם פּראָגרעס, וועלכער ווערט דורכגעפיהרט אָהן אונזער הילף, — אויב אַזוי, צו וואָס זשע טויג אונז אינגאַנצען אונזער לעבען, וואָס איז אַזוי פול מיט צרות און ליידען? אַט, למשל, די גריכען, וואָס זענען בעשאַפען געוואָרען, לויט אַט דער תורה, אויף צו ענטוויקלען דעם עלעמענט פון שעהנהייט אין לעבען, האָבען בעשאַפען טאַקי אַט יענע אַלע שעהנע פאָרמען, געשריבען אַלע יענע שעהנע ביכער, און מחמת זיי האָבען שוין נישט געהאַט מעהר וואָס צו טהון, האָט זיי די היסטאָריע אַראָבגעפיהרט פון דער לעבענס-אַרענע, חאָטש זייער מיסיאָן איז נאָך אויך נישט אינגאַנצען דורכגעפיהרט געוואָרען, חאָטש אין אַ משך פון פיעל הונדערטער יאָהרען נאָך דעם, וואָס זיי זענען פון סצענע אַראָב, ביז דער „רענעסאַנס-עפּאָכע", האָט זייער „שענקייט" געוואַלגערט זיך ערגעץ אין אַ ווינקעל. דאָס איבעריגע האָט די היסטאָריע איבערגעלאָזט פאַר דעם פּראָגרעס, וועלכער איז ענטשטאַנען פון אַט יענע שעהנע פאָרמען און ביכער, וואָס די גריכען האָבען איבערגעלאָזט בירושה. פאַר וואָס זשע זאָל אויך אונז די היסטאָריע נישט לאָזען אַראָב פון סצענע נאָך דעם, וואָס מיר האָבען שוין אָבגעטהון פאַר אונזער מיסיאָן אַלעס, וואָס מיר זענען געוועזען בכח צו טהון, נאָך דעם, וואָס מיר האָבען דעם תנ"ך געשאַפען, און מעהר האָבען מיר שוין נישט וואָס צו טהון?

איינער פון די מיסיאָן-אָנהענגער, אַ געלעהרטער רב, וואָס

האט געווידמעט אין ספר הזכרון א גאנצען ארטיקעל אט דער פראגע אונטער דעם נאמען: „פאר וואס בלייבען מיר יודען?“ — פרובירט צו ענטפערען אויף דער פראגע שוין אויך פון אנ'אנדער זייט: מיר בלייבען ביי אונזער יודישקייט, ווארום מיר האבען נישט קיין שום אנדערע רעליגיע אויף דער וועלט, אויף וועלכער מיר וואלטען אונזער רעליגיע קאנען פערבייטען. ווארום אין זיי אלע געפינען זיך אזוינע זאכען, וועלכע מיר קאנען נישט אננעהמען. די נאטירליכע רעליגיע וואלט אונז יא געקאנט בעפרידיגען. נאר דאמאלסט, ווען מיר ווילען אננעהמען די נאטירליכע רעליגיע, מוזען מיר דאך פריהער וויסען איהרע דאגמאטען. און ווען מיר געהען זוכען אט די דאגמאטען אין די ספרים, וועלכע זענען ספעציעל געשריבען צו דעם צוועק, אין סימאנ'ס בוך „די נאטירליכע רעליגיאן“, למשל, געפינען מיר, אז דריי דאגמאטען האט אט די רעליגיע: „חדוש העולם“, אז די וועלט איז בעשאפען געווארען איש מאין, התגלות האלהות, אז עס קאן גיעבען, דאס די געטהייט זאל זיך צום מענשען בעווייזען, און שכר ועונש. באלד אבער דערמאהנען מיר זיך, אז פריהער נאך מיט פינף הונדערט יאהר האט דער „בעל העקרים“, ר' יצחק אלבו אויך דאס יודענטום אנידערגעשטעלט אויף דעם באזיס פון דריי עהנליכע צו יענע דאגמאטען. קומט דאך אויס, אז דאס יודענטום איז דאס די נאטירליכע רעליגיע און מיר האבען קיין שום סבה נישט צו אויסבייטען דאס יודענטום אויף אנ'אנדער רעליגיע.

און איך וועל היקא דאס נישט פרעגען דעם רב: וואס וועט ער ענטפערען צו די פון אונזערע ברידער, וואס קוקען אויך אויף סימאנ'ס רעליגיע, ווי אויף אנ'אלטער פילאזאפיע, וועלכע עס פעהלט נאך זעהר פיעל צו זיין „נאטירליך“, און דאך ווילען זיי בלייבען יודען און וויסען נישט פאר וואס זיי ווילען עס? איך וועל עס איהם נישט פרעגען, ווארום ער איז דאך א רב, א רב, וואס האט עסקים נאר מיט גלויבענדע פילאזאפען. איך וועל איהם אויך דאס נישט פרעגען: צי גלויבט ער טאקי באמת, אז עס איז גאר קיין שום אונטערשיעד נישטא צווישען סימאנ'ס התגלות האלהות און צווישען דעם אלמ'ס „תורה מן השמים“? איך וועל עס איהם נישט פרעגען, ווייל איך וויים, אז פון שטענדיג אן איז זי זיך אזוי נוהג די רעליגיאנס-פילאזאפיע, צו מחדש זיין פערשידענע המצאה'לעך, אבי נאר א וואנד מיט א וואנד צונויפפיהרען. עס איז שוין ביי איהר

אַ וואָכענדיגע זאַך געוואָרען. איך וועל איהם אט וואָס פרעגען, און צו דער פראַגע מוז ער זיך ערנסט צוהערען: ממה נפשך, אויב דאָס יודענטום ענטהאַלט אין זיך אַ חוץ יענע דאָגמאַטען נאָך אויך עטוואָס אַזוינס, וואָס אין דער נאַטירליכער רעליגיע געפינט זיך עס נישט, בלייבט זיך דאָך אַליץ די אַלטע קשיא: פאַר וואָס זאָלען מיר טאַקי נישט אויסבייטען דאָס יודענטום אויף דער נאַטירליכער רעליגיע. אלא וואָס דען, זענען ביידע היינו הך, נאָר מיט דעם נאָמען טיילען זיי זיך איינע פון דער צווייטער, ווערט זיך דאָך נאָך שטאַרקער די פראַגע: פאַר וואָס זאָלען מיר נישט אויסטוישען אַ נאָמען אויף אַ נאָמען, אויב דורך אט דעם אויסערליכען הלוף קאָנען מיר פטור ווערען פון אַלע אונזערע צרות. נישט דער נאָמען איז דאָך דער עיקר פאַר אונזער מיסיאָן, נאָר די מעגליכקייט צו דורכפיהרען זי, דאָס הייסט, די מעגליכקייט צו פערשפרייטען דעם ריינעם געטליכען בעגריף, ווי דאָס יודענטום פערשטעהט איהם, און די מעגליכקייט וואָלט דאָך בלי ערך גרעסער געוואָרען, ווען אויף דעם אָרט פון דער יודישער אמונה, וואָלטען מיר זאָגען די נאַטירליכע אמונה. אַלזאָ, נישט נאָר מיר מעגען, נאָר מיר זענען אויך מחויב צו טהון עס צום נוטצען פון דער מיסיאָן, פאַר וועלכער מיר זענען בעשאַפען געוואָרען...

איך רעכען פאַר איבעריג צו מאריך זיין נאָך וועגען דעם ענין, וועגען וועלכען עס איז גאָר אונמעגליך ערנסט צו רעדען אין אונזערע צייטען. נישט ווילענדיג בעווייזט זיך אויף אונזערע ליפען אַ שמייכעל, ווען מיר זעהען, ווי אַזוי גרויסע מענשען, וואָס וואָלטען, ווירקליך, געקאָנט בעלייכטען דעם אומגליקליכען יודישען פאָלק זיין שווערען און ביטערען וועג, פערברענגען די צייט מיט אַזוינע שפיעל־כערייען, גלויבען אַליין און ווילען, אַז אַנדערע זאָלען אויך גלויבען, אַז אַ גאַנץ פאָלק לעבט און עקזיסטירט און טראָגט אויף זיך דעם שווערען עול פון תורה און מצוות, דעם שווערען אייזערנעם יאָך פון צרות און וועהטאָגען און בזיונות שוין טויזענטער יאָהרען, אַליץ נאָר צוליעב דעם, כדי איינצופלאַנצען ביי אַנדערע עפּעס אַ פילאָזאָפישע אידעע, וועלכע איז שוין פון גאַנץ לאַנג ערקלערט געוואָרען אין פיעל ספרים אויף פערשיעדענע שפראַכען און אין פערשיעדענע פאָרמען, און ווער עס וויל זי לערנען קאָנען, קאָן עס טהון אָהן אַ שום הילף פון אונזער זייט — און נאָך ביי הייניגע

צייטען, ווען די, וואָס ווילען לערנען ווערען וועניגער פון טאָג צו טאָג, ווען מיר אַליין פערגעסען אויך פון טאָג צו טאָג דאָס, וואָס מיר האָבען געלערנט...

נאָר אויב מיר חדוש'ען זיך נישט דערויף, וואָס אַזאַ געלעהרטער ווי מונק אָדער די אַלע אַנדערע יודישע געלעהרטע זקנים אונזערע האָבען געקאָנט און קאָנען נאָך יעצט אויך גלויבען אין דער יודישער מיסיאָן אינ'ם אויבענערקלעהרטען זין, — אויב מיר חדוש'ען זיך נישט דערויף, געדיינקענדיג, אַז מונק האָט געשריבען דאָס, וואָס ער האָט געשריבען אין די פערציגער יאָהרען, געדיינקענדיג, אַז די „זקנים" אונזערע פונ'ם „ספר הזכרון" זענען אויך מיט'ן גאַנצען לייב און לעבען קינדער פונ'ם פערגאַנגענעם דור, אין וועלכען זיי האָבען זיך ערצויגען, קינדער פון יענעם דור, אין וועלכען מ'האָט געגלויבט, אַז יעדע זאַך עקזיסטירט נאָר אַלס סבה פאַר אַ געוויסען ציעל, קינדער פון יענעם דור, אין וועלכען אָט די אַנשויאונג האָט זיך גערעכענט פאַר אַ וויסענשאַפטליכען בעגריף און איז געווען גאָר אַ גאַנגבאַרער אַרטיקעל; ווי אַזוי אָבער זאָלען מיר זיך ערקלערען די ווירקליך וואונדערבאַרע ערשיינונג, ווען מיר זעהען אויך שרייבער און געלעהרטע שוין פון נייעם דור, די, וואָס ווייסען און זענען מודה, אַז „די וויסענשאַפטליכע כפירה, וואָס טראָגט אויף זיך דאַרווינ'ס נאָמען, פערשטאַרקט זיך אַלץ מעהר", דאָס הייסט, אייגענטליך, אַז עס פערשטאַרקט זיך אַלץ מעהר אָט די וויסענשאַפטליכע שיטה, וועלכע לייקענט אָב דעם גאַנצען ענין פון מיסיאָן און תכלית אפילו דאָרט, וואו אין פלוג ווייזט זיך אויס, אַז מען זעהט זיי ממש בחוש — דאַמאָלסט ווען מיר זעהען עס, בלייבען מיר שטעהן פער'חדוש'ט, נישט קאָנענדיג ערקלערען זיך אָט די וואונדערבאַרע ערשיינונג. ווי אַזוי קאָנען עס — פרעגען מיר זיך דאַמאָלסט — אַזוינע געלעהרטע האַלטען שטאָל און אייזען פאַר דער תורה פון יענעם דור, וועלכע פאָדערט צו גלויבען אין דער פעלקער-מיסיאָן בכלל און דער יודישער מיסיאָן בפרט און נאָך אין אַזאַ וואונדערבאַרע מיסיאָן? עס מיז זיין אַז זיי טהוען עס געגען זייער ווילען, ווייל זיי געפינען נישט קיין אַנדער מיטעל, ווי אַזוי צו מאַכען אַ שלום צווישען יודענטום און צווישען די רעכט: פון איין זייט מעגען יודען זיין נאָר אַ „לשם-שמים"-פאָלק, אַ פאָלק, וואָס די בעזונדערע אינדיווידואומען זיינע זענען פערבונדען צווישען זיך נאָר

אין רעליגיעזע ענינים און דורך רעליגיעזע ענינים; פון דער צווייטער זייט איז דאך אט די הימעלישע פערבינדונג צופיעל אבגעשוואכט געווארען אין דער לעצטער צייט; און פון דער דריטער זייט, און דאס איז דער עיקר, נישט ווילענדיג פיהלען זיי ביי זיך טיעף אין הארצען, אז זיי זענען יודען און ווילען זיי פערבלייבען. אויף צו מאכען אונבעמערקט פאר זיך אליין אט די סתירה, וואס געפינט זיך אין אט די צוויי אמת'ן, מוזען זיי זוכען רעטונג אין אט יענער פערצייטיגער תורה און ווערענד אין אלע אנדערע פראגען פון לעבען און וויסענשאפט זענען זיי קינדער פון זייער דור, איז אין דער יודען-פראגע קאנען זיי אויף קיין איין טריט נישט אבטרעטען פון דעם פונקט, אויף וועלכען זייערע עלטערן האבען זיך נאך צוריק מיט 50 יאהר געשטעלט, גלייך, ווי אינ'ם משך פון אט דעם גאנצען יובל יאהרען זענען אויף קיין האר נישט געענדערט געווארען די בעגריפען און די אנשויאונגען אינ'ם יודענטום.

———————

אויך אט די עבודות, אט די קייטען, מיט וועלכע מען האט דעם פערשטאנד געבונדען, איז אלזא א פראדוקט פון דער פאליטישער פרייהייט. ווארום ווען נישט אט די פרייהייט זייערע, וואלטען אט די ברידער אונזערע אין יודיש פאלק נישט געלייקענט און וואלטען נישט בעדארפט קלעטערען אויפ'ן הימעל איבער אט אזא אלטען און צובראכענעם לייטער, כדי צו זוכען דארט דאס, וואס זיי וואלטען אויך אויף דער ערד געקאנט געפינען.

און ווען מיר וואלטען אפילו אננעהמען, אז דאמאלסט וואלטען זיך אויך געפונען געלעהרטע, וואס וואלטען נוטה זיין צו זוכען פאר זייער פאלק עפעס א מין מיסיאן, אדער, מעהר דייטליכער — וועלכען עס איז מאראלישען תכלית אין לעבען לויט די אייגענשאפטען פון זיין גייסט, — וואלטען זיי געקאנט געפינען א גאנץ אנדערע מיסיאן פאר אדם, אויב נישט קיין שענערע פון יענער בעוואוסטער מיסיאן, דערפאר אבער וואלט זי געקאנט זיין מעהר מתקבל על הלב און מעהר ענטשפרעכענד צו די בעגריפען פון אונזער צייט און דעם לאגישען און היסטארישען אמת. זיי וואלטען, למשל, אזוי זאגען: שוין באלד צוויי טויזענד יאהר, אז אונזער פאלק נע ונד'ט צווישען פרעמדע פעלקער, און פאר אט דער גאנצער צייט געפינען מיר נישט, אז עס זאל אויפטהון עפעס אייגענס, בעשאפען א נייע פילא-

זאָפּישע שיטה, אָנווייזען אַ נייעם וועג אין לעבען. כל ימיו פערנעהמט עס זיך נאָר מיט „מעקלעריי", אונזער פאָלק „האַנדעלט" מיט מאַטעריעלער אָדער גייסטיגער סחורה, וואָס ווערט געשאַפען דורך אַנדערע. וואָרום בעשטעהט דאָך טאַקי מעהר נישט, ווי נאָר אין מעקלעריי און האַנדלעריי אויך דאָס, וואָס די יודען האָבען געטהון פאַר די וועלט=השכלה אין מיטעלאַלטער. ער האָט איבערגעטראָגען וויסענשאַפט פון מזרח קיין מערב. „וואָרום נישט אין מחדש זיין נייע המצאות בעשטעהען זיינע אויפגאַבען" — פערענטפערט זיך מונק. זאָל זיין, ווי ער זאָגט! היות אָבער, מיר האָבען דאָך שוין געזעהען, אַז יודען זענען פעהיג צו זיין, און זיי זענען עס דאָך שוין אויך געווען, „השכלה=מעקלערס", איז עס דאָך פשוט, אַז ער בעדאַרף אויך יעצט אויף זיך נאָר אַזאַ אַרבייט נעהמען, אויב ער זוכט באמת אַ תכלית אין לעבען; ער בעדאַרף יעצט איבערטראָגען די השכלה, וואָס ער האָט ערוואָרבען אין מערב — קיין מזרח... און אויב דאָס „קנעלעריי" נעהמט טאַקי, ווירקליך, אַזוי אויס ביי אונז, איז דאָך אונז גלייכער צו געהן אין אַזוינע ערטער, וואו עס פיהלט זיך אַ מאַנגעל אין לעהרער, אין אַזוינע ערטער, אין וועלכע עס איז גרינג צו קריגען געהאָרכזאַמע תלמידים.

דער אמת איז אָבער אָט וואָס: ווען אונזערע ברידער אין מערב וואָלטען נישט געווען פערקנעכטעט צו זייערע רעכט, וואָלט זיי גאָר אויף דעם געדאַנק נישט אַרויסגעקומען אָנצובינדען זייער פאָלק וועלכע עס איז מאָראַלישע אויפגאַבען און תכליתים פאַריענעם, כל זמן עס האָט נאָך נישט רעאַליזירט זיין גשמיות'דיגע אויפגאַבע, די נאַטירליכע אויפגאַבע, וואָס יעדע לעבעדיגע בעשעפעניש בעזיצט; כל זמן עס האָט נאָך נישט בעשאַפען פאַר זיך די נויטיגע לעבענס=בעדינגונגען, וועלכע זאָלען זיין צוגעפּאַסט צו די אייגענשאַפטען פון זיין גייסט און זאָלען איהם געבען די מעגליכקייט צו ענטוויקלען זיינע כחות און טאַלאַנטען, זיין אייגענע גייסטיגע פיזיאָגנאָמיע, לויט די פאָדערונגען פון זיין אייגענער טבע. קודם כל בעדאַרף ער אָט דאָס אַלעס צו ערווערבען. ערשט נאָך דעם וואָלט געקאָנט מעגליך זיין צו גלויבען, אַז דער ענטוויקלונגס=פּראָצעס פון זיין לעבענס=וועג זאָל איהם ברבות הימים אַרויספיהרען אויף אַזאַ געביעט, אויף וועלכען ער זאָל פעהיג זיין אַרויסצוטרעטען אַלס לעהרער פאַר אַנדערע און צו ברענגען נאָך אַמאָל נוצען פאַר דער

מענשהייט לויט דעם גייסט פון דער נייער צייט. און אויב דאמאלסט וועלען קומען אונזערע געלעהרנטע דענקער און וועלען זאגען, אז צו ארבייטען אויף דעם געביעט איז די אויפגאבע פון אונזער פאלק, די אויפגאבע, צוליעב וועלכע אונזער פאלק איז בעשאפען געווארען, וועל איך אמת נישט קאנען נעהמען אנ'אנטייל אין אט דעם גלויבען זייערען, איך וועל אבער אויך נישט ארויסטרעטען צו קריגען זיך מיט זיי צוליעב „שנוי־השם" אליין...

נאר צו דער צייט וועט שוין בלי ספק גראז פון מיין קבר ארויסוואקסען. און יעצט, ווען איך לעב נאך, איז דאמאלסט, ווען איך וויל זיך אוועקקוקען אביסעל פונ'ם טפשות, שפלות און שרעקליכער ארימקייט, וואס ארום מיר, און זוכען אביסעל טרייסט פאר דער נשמה דארטען, פון יענער זייט גרענעץ, דארטען, וואו מיר געפינען יודישע פראפעסארען, יודישע אקאדעמיקער, יודישע גענעראלען און בעאמטע, — איז אויך דארט געפין איך, אונטער דעם אויסערליכען גלאנץ, אונטער דעם אויסערליכען פראכט נאר דאפעלטע גייסטיגע שקלאפעריי: פערשקלאפט איז ביי זיי אי דער שכל, אי דאס מאראלישע געפיהל. און איך פרעג זיך דאמאלסט: צי בין איך ווירקליך מקנא אונזערע ברידער אין מערב אויף זייערע רעכט? און איך ענטפער זיך באמת ובתמים: ניין און ניין! לא הן ולא שכרן. איך וויל נישט די רעכט און איך וויל נישט די עבדות. איך, אויב קיין רעכט האב איך נישט, האב איך תאטש מיין נשמה אויך נישט פערקויפט; איך קאן זאגען בקול רם, אז וואו נאר יודען געפינען זיך, זענען זיי מיר בעליעבט, נישט זייענדיג געצוואונגען צו זוכען פערשידענע „ויש־לישב־בדוחק־תירוצים". איך קאן דערמאהנען ירושלים נישט נאר בשעת גאטעס־דיענסט, איך קאן זאגען „איכה" בצבור און ביחידות, און האב כלל קיין מורא נישט, טאמער וועט מען מיר פרעגען: „וואס איז ציון פאר מיר און וואס בין איך פאר ציון". איך בעדארף נישט אויפהויבען מיין פאלק ביז צום הימעל, שטעלען איהם העכער פאר אלע פעלקער, כדי צו געפינען א היתר פאר זיין עקזיסטענץ; איך ווייס ווידער אויך, פאר וואס איך בלייב עס אבער א יוד, אדער ריכטיגער געזאגט, איך פערשטעה גאר נישט, וואס איז דאס פאר א פראגע, פונקט ווי איך וואלט נישט פערשטאנען, ווען מען וואלט מיר פרעגען, פאר וואס בלייב איך עס אבער מיין פאטערס זוהן. איך קאן ארויסזאגען די פרייעסטע

מיינונג וועגען דעם גלויבען און וועגען די אנשויאונגען, וואס מיינע עלטערן האבען מיר איבערגעלאזט בירושה, נישט מורא האבענדיג, טאמער וועט זיך צוליעב דעם איבעררייסען די פערבינדונג צווישען מיר און צווישען מיין פאלק; איך קאן אפילו אויך זיין אנ׳אנהענגער פון יענער „וויסענשאפטליכער כפירה, וואס טראגט אויף זיך דארווינ׳ס נאמען”, און עס זאל אין קיין שום סכנה מיין יודישקייט נישט שטעלען; — קורץ, איך בין שטענדיג דאס, וואס איך בעדארף זיין, אויך מיינע אנשויאונגען און געפיהלען, מיט וועלכע איך טרעט ארויס, זענען שטענדיג ווירקליך מיינע אייגענע, און איך האב קיינמאל קיין שום סבה נישט צו אויסבעהאלטען אדער צו פער־ניכטען זיי, יענעם אבצונארען אדער זיך אליין אבצונארען... און אט די אינערליכע פרייהייט — זאל פון מיר לאכען ווער עס וויל זיך — וועל איך נישט פערבייטען פאר קיין שום רעכט אין דער וועלט.

א האלבע טרייסט.

מעהר פון אלע אנדערע צרות, וועלכע זענען בעניט געהארען אויף אונז אין דער לעצטער צייט, מאכט א בעזונדער טרויעריגען איינדרוק אויף יעדען יודען דער בלבול פון „עלילת דם“, דער בלבול, אז מיר יודען געברויכען קריסטליך בלוט צוליעב ריטואלע צוועקען. אט דער אבשייליכער בלבול, ווי אלט ער זאל נישט זיין, איז געוועזען און וועט שטענדיג בלייבען פאר אונז ניי. פון מיטעלאלטער ביז יעצט צייכענט זיך אויס דער דאזיגער בלבול מיט זיין גוואלדיג־שרעקליכען איינדרוק אויף אונזער יודישען פאלקס־גייסט נישט נאר במקום המעשה, אויף דער יודישער קהלה, וועלכער עס קומט אויס ליידען פון דעם בלבול, נאר אויך אויף די וויטסטע יודישע קהלות פון די וייטסטע לענדער, צו וועלכע עס דערגרייכט נאר די שלעכטע בשורה וועגען דעם עלילת־דם־בלבול.

איך האב געזאגט: „אויף אונזער פאלקס־גייסט“, ווארום איך געפין, ווירקליך, אז דער מקור פון אט דער ערשיינונג ליגט נישט אין אויסערליכע סבות, נאר טיעף, טיעף אינים פאלקס־גייסט. אויב אין מיטעלאלטער פלעגט דער גאנצער כלל ישראל קוקען אויף זיך אין אזוינע פאלען גלייך, ווי אויך איהם משפט, מען איניינעם מיט יענער אומגליקליכער קהלה, אויף וועלכער עס איז געפאלען דער ביטערער גורל צו ווערען זיין כפרה־היהגדעל, קאן מען עס ערקלערען דערמיט, וואס אזא בלבול האט, ווירקליך, געשמעקט אין יענע צייטען מיט גרוים סכנה פאר דעם גאנצען כלל. דאס, וואס דער עלילת דם אין דמשק האט אנגעמאכט אזא גרויסען רעש אין דער גאנצער יודישער וועלט, איז פערשטענדליך, חאטש דאס איז געוועזען ערשט צוריק מיט 50 יאהר, אין די גוטע און רוהיגע יאהרען

פאר אונזערע ברידער אין מערב: זענען זיי דאך ערשט בעפרייט געווארען פון זייערע קייטען. זענען זיי דאך ערשט ארויסגעגאנגען מעבדות לחרות. דעריבער האבען זיי עס מיט אזא פאנאטיזם פער־טיידיגט זייער כבוד און רעכט. אין אונזערע צייטען אבער, דאמאלסט, ווען פון איין זייט איז די גשמיות׳דיגע סכנה פון אט דעם בלבול נישט אזוי גרויס, בעזונדערס פאר די ווייטע קהלות, און פון דער צווייטער זייט, האבען מיר זיך דאך שוין לאנג צוגעוועהנט אויס־צוהערען קאלטבלוטיג אלערליי בזיונות און זידלערייען, און מיר נעהמען זיך שוין כמעט גאר נישט אן פאר אונזער געשענדעטען כבוד — און אויב אויך יעצט ווערען מיר דאך אויפגערעגט און פערציטערט, הערענדיג די ווערטער „עלילת־דם", און דאס פעראיי־ניגטע פאלקס־געפיהל, דאס געפיהל פונ׳ם גאנצען כלל, רייסט זיך דאמאלסט מיט אלע כחות ארויסצועווארפען פון זיך אט די מאוס׳ע, שווערע און בלאטיגע משא — איז דאס א סימן, אז נישט די מורא און נישט דער אויסערליכער כבוד זענען עס די הויפט־פאקטארען פון אט דער ערשיינונג, נאר, אז דא האבען מיר צוטהון מיט דעם פאלקס־גייסט, וועלכער דערפיהלט דא א שרעקליכע בעליידיגונג, און נישט מיר, נאר אט דער פאלקס־גייסט ווערט עס אזוי אויפגערעגט און פערציטערט. ווארום חאטש בנוגע צו אלע אנדערע צרות האט שוין אונז לאנג געבראכט דער שרעקליכער מצב, אין וועלכען מיר געפינען זיך, צו דער מדרגה פון „אין בשר המת מרגיש באיזמל" — דאס טוידטע פלייש פיהלט נישט, ווען דו שניידסט עס, — דא אבער שניידט דאס מעסער נישט נאר דאס „פלייש" אליין, ביז דער נשמה דערלאנגט עס...

נאר עס גיבט אבער נישט קיין שלעכטעס אהן קיין גוטעס. אפילו אט אין דעם שלעכטען, אט אין דעם שרעקליכען בלבול, וועגען וועלכען מיר רעדען, געפינט זיך אויך עטוואס גוטעס. עס קאן דיענען פאר אונז אלס גוטע לעקציאן. מיר, יודען, וואס אויף אונז איז אויסגעפאלען דער ביטערער גורל, מיר זאלען נישט קאנען זיין קיין איינענע בעלי־בתים איבער אונזער מזל און מיר מוזען שטענדיג, חאטש נישט ווילענדיג, צונעהמען אלעס, מיט וועלכען אנדערע זענען אונז מזכה, סיי גוטעס, סיי שלעכטעס, בעדארפען זוכען אין אלע צרות רעות, וואס קומען אויף אונז, דעם מאראל, וואס ליעגט אין זיי בעהאלטען, אט יענעם טעארעטישען נוצען, וואס מיר קאנען פון זיי

אַרויסבעקומען. דאָס וועט אונז דיענען לכל הפחות פאַר אַ האַלבער טרייסט.

איינער פון די גרעסטע כחות אינ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען איז — די הסכמה כללית; דאָס, אין וועלכען דער גאַנצער כלל מענשען גלויבט אָדער אָנערקענט, ווערט אָנגענומען אַלס אמת. עס זענען געווען צייטען, ווען אַפילו די פילאָזאָפען האָבען אויך אָנערקענט אָט די הסכמה כללית אַלס בעסטען בעווייז, אין זייער בעהאַנדלען פערשיעדענע פילאָזאָפישע פראָבלעמען. צווישען די איבעריגע בעווייזען, מיט וועלכע זיי האָבען זיך בענוצט, אויף צו דערווייזען מציאת השם, האָבען זיי פיעל פלאַץ אויך דעם בעווייז פון הסכמה כללית אָבגעגעבען. יעצט ווייסען שוין אַפילו די פילאָזאָפען, אַז עס איז גאָר דער ליגען נישטאָ, אַז עס איז גאָר דאָס נאַרישקייט נישטאָ, אויף וועלכע מען זאָל די הסכמה כללית נישט קאָנען בעקומען, ווען די לעבענס-בעדינגונגען זענען נאָר גינסטיג דערויף. אָבער נאָר די פילאָזאָפען ווייסען עס, פאַר דעם המון איז נאָך היינט אויך נישטאָ קיין גרעסערער אויטאָריטעט פון דער הסכמה כללית: אויב די גאַנצע וועלט גלויבט, אַז אַזוי איז דאָס, איז דאָס טאַקי ווירקליך אַזוי. און אויב איך פערשטעה עס נישט, פערשטעהען עס אַנדערע; און אויב איך געפין אַ סתירה צו דעם, זעהען דאָך אַלע אַנדערע אויך דאָס אייגענע, און דאָך גלויבען זיי, בין איך דען קליגער פון דער גאַנצער וועלט? — דאָס איז בערך דער געדאַנקען-גאַנג פונ'ם פראָסטען מענש, און אָט אַזוי איז ער אויך פון זיין זייט מסכים, אָט אַזוי ווערט ער אַליין אַ טייל פון דער „הסכמה“.

און דער כח פון דער „הסכמה“ איז אויף אַזוי פיעל גרויס, אַז אָפטמאָל קאָן דער מענש נישט אויסמיידען איהר ווירקונג אויף זיך, דאַן אַפילו, ווען ער אַליין איז דער „דבר המוסכם“, דער אָביעקט אויף וועלכען די הסכמה איז אָנגעווענדעט. אויב די גאַנצע וועלט זאָגט אויף דעם אָדער אויף יענעם, אַז ער איז גרויס אין חכמה אָדער אין יראת שמים, אַז ער האָט אין זיך די אָדער יענע גוטע אָדער שלעכטע מדה, — וועט ער, ענדליך, אויך זיין חתימה צולעגען, אויך זיין הסכמה געבען דערויף, האָטש פריהער, אין אָנהויב, ווען מ'האָט איהם אָנגעהויבען צושרייבען יענע מדה, האָט ער זי אין זיך נישט געפונען. און נישט גאָר דאָס אַליין, נאָך מעהר, אָט די

„הסכמה“, וואָס ער גיט אויך אויף זיך, סוף כל סוף, ווירקט טאַק: ביסלעכווייַז אויף זייַן גייסט ביז זי דערנעהנטערט איהם (אָדער, אַמוועניגסטען שאַפט זי בייַ איהם אַ נייַגונג צו דערנעהנטערען זיך) צו דער מדרגה, וועלכע עס געפינט אין איהם די גאַנצע וועלט. דעריבער פערבאָטען דאָך מיט רעכט די פּעדאַגאָגען, אויפמערקזאַם צו מאַכען קינדער אויף זייערע מאָראַלישע פעהלערען אין דער ערשטער צייט פון זייער ענטוויקלונג, נאָך מעהר פערבאָטען זיי צושרייַבען זיי אַזוינע פעהלערען, וועלכע זיי האָבען אין זיך נישט, וואָרום דורך דעם קאָנען מיר נאָך מעהר פערשטאַרקען אין זיי די ערשטע און שאַפען אין זיי אַ נייַגונג צו די לעצטע.

עס פערשטעהט זיך אָבער, אַז די „גאַנצע וועלט“ איז נישט פאַר אַלעמען גלייַך. יעדערער האָט זיך זייַן „גאַנצע וועלט“. די „גאַנצע וועלט“ פון יעדען איינציגען איז נאָר, אָט די געזעלשאַפט, אַלס טייל פון וועלכער ער רעכענט אויך זיך, די אינדיווידואומען, צו וועלכע ער האָט וועלכע-עס-איז שייכות. עס האָט אָבער בייַ קיינעם קיין שום ווערטה נישט די הסכמה פון מענשען, וועלכע זענען איהם אינגאַנצען פרעמד, מיט וועלכע ער האָט נישט קיין שום אינערליכע בעריהרונג. אָט אַזוי, למשל, רעכענען זיך כלל נישט אונזערע אָרטאָדאָקסען מיט דער הסכמה פון אונזערע משכילים אין דאָס זעלבע פערקעהרט, אַפילו אין זאַכען, וואָס זענען נישט נוגע צום דת אָדער צו דער אמונה.

עס קימערט זיי גאָר וועניג דאָס שפּעטען און אָבלאַכען, וואָס זיי שפּעטען און לאַכען-אָב איינער פונ'ם צווייטען, עס מאַכט אויף זיי קיין שום רושם נישט, וואָרום פאַר יעדער איינציגער פון אָט די צוויי בעזונדערע כתות עקזיסטירט גאָר כלל נישט די צווייטע. ווען די לעבענס-בעדינגונגען צווינגען אָבער די מיטגליעדער פון די בעזונדערע כתות צו געפינען זיך איינער מיט דעם צווייטען אין אַ שטענדיגער בעריהרונג, ווען זיי געוועהנען זיך צו אָט אַזוי אַרום צו זעהען ראשית-כל איינער אינ'ם צווייטען דעם מענשען — דאַמאָלסט ווערט ברייטער זייער „וועלט“ און זייערע אַנשויאונגען מאַכען דורך פיעל ענדערונגען, לויט עס דיקטירט די הסכמה פון דער „גאַנצער וועלט“ שוין אינ'ם נייעם זין פונ'ם בעגריף.

און דעריבער, אין די פערגאנגענע דורות, ווען אונזערע עלטערען האבען נאך גאר פשוט געגלויבט אינ'ם „אתה בחרתנו“, האבען די בזיונות, וועלכע זיי האבען פון די אומות העולם געליטען, כלל נישט געווירקט אויף זייער אינערליכען צושטאנד, אויף זייער נשמה און גייסט. זיי האבען זיך צו הויך געשעצט, אז זיי זאלען קאנען נתפעל ווערען פון דער הסכמה כללית, וואס קומט פון אויסער זיי. די גאנצע „חברה מסכימים“ האט אויסגעזעהען ביי זיי, ווי עפיס א בעזונדער מין פון משונה'דיגע בעשעפעני שען, וועלכע זענען אזוי אנדערש פון זיי, מיט וועלכע זיי האבען קיין שום ענהליכקייט נישט. דאמאלסט האט דער יוד געקאנט גאנץ רוהיג אויסהערען אלע מאראלישע חסרונות און פאקטישע חטאים, מיט וועלכע די הסכמה פון אלע פעלקער האט איהם בעשולדיגט, נישט פיהלענדיג דערביי קיין שום בושה, קיין שום אראבגעפאלענקייט ביי זיך. וואס פאר אנ'עסקים האט ער עס מיט דעם, וואס די „גויים“ טראכטען וועגען איהם. הלואי וואלטען זיי איהם נאר לאזען לעבען רוהיג; עס מאכט גאניץ ווייניג אויס, צי ער האט ביי זיי א ווערט, צי ניין. גאנץ אנדערש איז דאס אבער יעצט אין אונזער דור. יעצט איז די יודישע וועלט פיעל ברייטער געווארען, די איראפעאישע הסכמה ווירקט אויף אונז שטארק אין אלע לעבענס-צווייגען. יעצט שליסען מיר שוין נישט אויס אלע אנדערע א חוץ אונז פונ'ם כלל, מיר קוקען שוין נישט אויף אונז, ווי אויף די איינציגע, וואס בילדען דעם כלל, דעריבער ווערען מיר נישט-ווילענדיג נתפעל דערפון, וואס אלע אנדערע שליעסען שוין אונז אויס פונ'ם כלל. איינער א רוסישער שריפטשטעלער האט גאנץ נאאיוו געפרעגט די טעג: היות מיר זעהען, אז די גאנצע וועלט האט פיינט יודען, קאן דען זיין, אז די גאנצע וועלט איז חייב און נאר די יודען זענען זכאי? און אט די אייגענע פראגע גנבה'ט זיך אויך אריין צו פיעל פון אונזערע ברידער אין הארץ: צי קאן דען זיין, אז אט די אלע שלעכטע אייגענשאפטען און מעשים רעים, מיט וועלכע די גאנצע וועלט בעשולדיגט אונז, יודען — צי קאן דען זיין, אז דאס אלעס איז מעהר נישט, ווי אנ'אויסגעטראכטע מעשה?

און אט דער ספק, ווייבאלד ער גנבה'ט זיך נאר אריין, בלייבט ער שוין א שטענדיגער תושב. ער בעפעסטיגט זיין פאזיציע דורך אט יענע פאלשע היקישים, דורך אט יענע פאלשע פערגלייכונגען צווישען

דעם כלל און צווישען דעם פרט, מיט וועלכע די מענשליכע מאסען האבען זיך אזוי ליעב בענוצען. דער בעוואוסטער אנעקדאט וועגען אט יענעם רייזענדער, וועלכער איז געקומען אין א שטאדט און איז גראדע פערפאהרען אין אן אכסניא, דער משרת פון וועלכער איז געוועזען א כבד-פה, און ער האט פערשריבען אין זיין ביכעלע: אין דער שטאדט נ. זענען די אכסניא-משרתים כבד-פה׳ס — אט דער אנעקדאט שילדערט אונז אב אין א סאטירישער פארם דעם לאגישען אופן-דענקען פונ׳ם המון, ווען ער בעהאנדעלט וועלכען עס איז ענין. אלעס וואס זיי בעמערקען, אין וועלכען עס איז פרט פון א געוויסען כלל, שרייבען זיי צו צום גאנצען כלל, צו וועלכען אט יענער פרט רעכענט זיך לויט זיין שטענדיגען נאמען, נישט פערשטעהענדיג, אז איין פרט קאן געהערען גלייכצייטיג צו עטליכע פערשידענע כללים: ער קאן אין א געוויסער אייגענשאפט זיין א שותף מיט די פרטים פון איין כלל און אין אן אנדער געוויסער אייגענשאפט קאן ער ווידער זיין א שותף מיט די פרטים פון אן אנדער כלל. דער נאמען, וועלכען ער טראגט אויף זיך, שטרייכט-אונטער נאר איין זייט זיינע, די זייט, וועלכע שטעהט אין א בעשטימטער בעציהונג צום כלל, נישט אבער אלע זייטען זיינע. אויף אט אזא לאגישען אופן-דענקען קאן זיך אויך שטיצען, און שטיצט זיך טאקי באמת, די הסכמה כללית אין איהר בעציהונג צו אונז: די-און-די זענען יודען לויט זייער נאמען און שוינדלער לויט זייער נאטור; משמעות, אז יודען זענען בטבע שווינדלער. די אמת׳ע לאגיק וועט אמת דערויף ענטפערען, אז ווען אפילו עס וואלטען מיט אן אמת׳ען אלע יודען פון אונזער דור שווינדלער געוועזען, וואלט דאס נאך אויך קיין ראיה נישט זיין, אז אלע יודען זענען בטבע שווינדלער, אז די מדה פון שווינדלעריי, וואס מיר געפינען ביי יודען, געפינט זיך אין איהם, ווייל ער איז א פרט פונ׳ם כלל יודען, און נישט דערפאר, וואס ער איז אחוץ דעם אפשר אויך א פרט פון אן אנדער כלל, פונ׳ם כלל פון „סוחרים״, למשל, צו וועלכען דער יוד געהערט אויך אלס פרט אינאיינעם נאך מיט אנדערע, וואס האבען קיין שום שייכות נישט צום כלל פון „יודען״. צו קלאהר מאכען די זאך גענוי בעדארף מען פריהער בעטראכטען אט יענע „אנדערע״, וועלכע זענען זיך משתתף אינאיינעם מיט די יודען אין אנדערע כללים. און נאר ערשט, ווען מיר וואלטען דאן איינגעפונען, אז די שווינדלעריי-אייגענ-

שאפט בעמערקט זיך נישט אין קיין שום אנדער כלל, וועלכער בעשטעהט פון יודען און נישט־יודען, — ערשט דאמאלסט, וואלטען מיר געהאט דאס רעכט צו בעשליסען, אז דאס שווינדלעריי איז די טאכטער פונ'ם יודענטום. — נאר, ווי געזאגט, איז נישט אין דער טבע פונ'ם מענשען צו איינטיעפען זיך לאגיש, און אויך פון אונזערע יודישע מאסען קאנען מיר עס נישט פאדערען. זיי עהרען די קאטעגאריש ארויסגעזאגטע מיינונג פון דער הסכמה כללית, אינאיינעם מיט דעם זעהען זיי ווידער, אז פיעל פון אונז זענען טאקי ווירקליך, פונקט ווי די הסכמה כללית זאגט אויף אונז — איז דאס שוין גענוג פאר זיי, אז זיי אליין זאלען שוין אויך געבען זייער הסכמה דערויף. און אט אזוי טראגט מען זיך ארום מיט די „יודישע מדות" מיד ליד, ווי מיט א גאלדענער מטבע. פון אויסערליכער פעלקער־הסכמה געהען זיי איבער אין אינערליכער פאלקס־הסכמה נאר מיט דעם אונטערשייד, וואס די פעלקער רע־כענען אויס אלע אונזערע שלעכטע מדות אחת לאחת פרעהליך, בקול רם, מאכענדיג אונז דערביי צו שפאט און צו שאנד, און מיר זאגען זיי נאך דאס אלעס מלה במלה מיט עפעס א מין שוואך פערענטפערען זיך; זיי פערגלייכען אונז צו כלי חרס, צו ערדענע כלים, די בעסטע תקנה פאר וועלכע איז נאר, אז מזאל זיי צו־ברעכען, און מיר פערגלייכען זיך צו מעטאלענע כלים, וועלכע מען קאן נאך אויס'כשר'ן און אויסווייסען...

און אויב אט דער צושטאנד וועט נאך לאנג דויערען, קאן ער אונז גורם זיין א גרויסען מאראלישען שאדען. עס איז נאך נישטא נאך אזא געפעהרליכע זאך פאר א פאלק אדער פאר א מענשען, ווי מודה זיין זיך אויף חטאים, וועלכע עס געפינען זיך אין איהם נישט. ווער עס האט באמת געזינדיגט, זענען דאך שערי תשובה נישט פערשלאסען געווארען, און מיט זיין איגענעם גוטען ווילען קאן ער דאך דעם פלעק פון זיך אראבנעהמען. דער אבער, אויף וועלכען אנדערע ווירקען, ער זאל זיך אנהויבען צו חושד זיין אין אזוינע פערברעכען, וועלכע זענען כלל אין איהם נישטא, ווי אזוי קאן ער ריין ווערען ביי זיך אין די אויגען? פון איין זייט גלויבט ער אין די, וואס זאגען איהם: טול קורה מבין עיניך — נעהם אראב דעם באלקען פון דיינע אויגען, און פון דער צווייטער זייט פיהלט ער, אז ער קאן איהם נישט אראבנעהמען, ווארום אט

דער באַלקען איז דאָך באמת נישטאָ, ער איז דאָך נאָר אין דמיון, ער בלייבט אַלזאָ אינ'ם צושטאַנד פון יענע געוויסע מאָנאָמאַנען, וועלכע הויבען אָן צו גלויבען, אַ דאַנק וועלכע עס איז סבה, אַז עס הענגט זיי עפּעס אַ שווערע משא אויף דער נאָז, וועלכע זיי קאָנען בשום אופן נישט אַראָבנעהמען. און נאָך מעהר, עס קאָן אויך געבען, אַז אָט דער גלויבען זאָל ווירקען אויף דעם אינדיווידואום, ער זאָל אָנהויבען בעזיצען אָט די מיאוס'ע מדה, וועלכע איז, לויט זיין גלויבען, דעם גאַנצען כלל'ס איינגעשאַפט, האָטש ער אַליין איז נישט מסוגל צו איהר, לויט זיין אינערליך וועזען. עס איז גאָר קיין ספק נישט, למשל, אַז צווישען יודישען פאָלק, וועלכעס האָט פערמאָגט אַזוינע מענשען, ווי דער רמב"ם, געפינען זיך נאָך היינט אויך מענשען פון געזעצטען געדאַנק, וועלכע האָבען ליעב אַנ'אָרדנונג און אַ סיסטעם אין יעדען ענין, און ווען אָט די מענשען וואָלטען נעהמען אַנ'אַנטייל אין צרכי צבור, וואָלטען זיי געקאָנט אַריינטראָגען אין איהר זייער גייסט און ווירקען אויך אויף די איבעריגע אַרבייטער. האָט אָבער די „הסכמה כללית" שוין פון לאַנג אָן גוזר געוועזען, אַז מיר יודען צייכענען זיך אויס מיט אונזער פיינדשאַפט צו אָרדנונג, אַז דאָס איז אַ יודישע מדה, און מיר אַליין האָבען אויך מסכים געוועזען מיט דער הסכמה כללית (האָטש אין אמת'ען איז נאָך נישט פעסטגעשטעלט געוואָרען, צי אָט די מדה, וועלכע עס געפינט זיך באמת אין אַ גרויסען טייל פון אונזער פאָלק, בעדאַרף צוגעשריבען ווערען צום כלל פון יודען אָדער — וואָס לעגט זיך מעהר אויפ'ן געדאַנק — צום כלל פון „חדר-לערנער") און אָט אַזוי אַרום לאָזען שוין אָב הענד און פיס אויך די, וואָס האָבען חקא יאָ ליעב אָרדנונג, גלויבענדיג, אַז געגען די פאָלקס-איינגעשאַפטען איז קיין שום עצה און תחבולה נישטאָ. און ווען זיי זענען נאָך פאַטריאָטען אויך דערצו, רייסען זיי פון האַרצען אַרויס אָט דאָס ליעבשאַפט צו אָרדנונג, וואָס איז געגען דעם גייסט פון זייער פאָלק, און הויבען זיך אָן צו פיהרען, ווי עס פאַסט פאַר אמת'ע יודען...

———————

בעדאַרף מען אַלזאָ געפינען עפּעס אַ מין מיטעל, ווי אַזוי מיר זאָלען זיך בעפרייען פון אונטער דעם איינפלוס, וואָס האָט אויף אונז די הסכמה כללית בנוגע צו די איינגעשאַפטען, וואָס מען

שרייבט צו אונזער פאלק, אין בנוגע צו זיין מאראלישער ווערטה, כדי מיר זאלען ביי זיך אליין נמאס נישט זיין, און מיר זאלען נישט מיינען, אז מיר זענען, ווירקליך, ערגער פון אלע אנדערע פעלקער, וואס געפינען זיך אויף דער וועלט, און כדי מיר זאלען מיט דער צייט טאקי ווירקליך נישט ווערען דאס, וואס יעצט זענען מיר מעהר נישט ווי נאר אין דמיון.

און אט דעם מיטעל גיעט אינז טאקי די „הסכמה כללית“ אליין דורך דעם עלילת=דם=בלבול. אט דער בלבול איז דער איינציגסטער צווישען אלע חברים זיינע, וועלכער קאן שוין בשום אופן נישט אריינווארפען אינז אין ספקות, מיר זאלען זיך זאגען: א סברא, אז די גאנצע וועלט איז חייב, נאר די יודען זענען זכאי, היות ער איז אינגאנצען געגרינדעט אויף אבסאלוטען ליגען, היות ער האט קיין שום אחיזה נישט, זאל שוין זיין אפילו אין א פאלשען היקש, אין א וועלכער עס איז פאלשער פערגלייכונג פונ'ם פרט מיט דעם כלל. פאר יעדען יוד, וואס איז צווישען פאלק ערצויגען געווארען, איז קלאר ווי דער טאג, אז עס געפינט זיך נישט אין כלל ישראל אפילו איין פרט, וואס זאל עסען מענשען=בלוט לשם מצוה. און אט די ידיעה ברורה, וואס מיר וויסען ווי וויט דא איז זיך טועה די הסכמה כללית, אט די ידיעה ברורה, וועלכע ווערט בעניים יעדעס מאל ביי אינז אין הארצען דורך דעם, וואס עס ווערט אויך דער עלילת=דם=בלבול בעניים, בעדארפען מיר שטענדיג ביי אינז אין זכרון היטען. זי וועט אינז מיטהעלפען, מיר זאלען קאנען אויסרייסען פון הארצען די נייגונג צו ווערען מלא הכנעה פאר דעם אויטאריטעט פון דער „גאנצער וועלט“ אויך אין אנדערע זאכען. זאל זיך זאגען די וועלט, וואס זי וויל זיך וועגען דעם, ווי אזוי מיר שטעהען מאראליש נידעריג, — מיר וויסען, אז אט די הסכמה שפארט זיך אן נאר אויף מאכען=לאגיק, וועלכע האט נישט קיין שום וויסענשאפטליכען באזיס אונטער זיך. ווארום ווער האט עס זיך אראבגעלאזט אין די אינערליכסטע און די טיעפסטע ערטער פון אונזער פאלקס=נשמה, ער זאל קאנען זעהען דעם יודען, ווי ער איז ווירקליך פון זיין אייגענער נאטור, נאר אלס יוד? ווער האט עס געפרובט פערגלייכען פערשיעדענע יודישע קאטעגאריעס מיט די אייגענע פערשיעדענע קאטעגאריעס ביי נישט=יודען: יודישע סוחרים מיט נישט=יודישע סוחרים, יודישע נרדפים מיט נישט=יודישע

נרדפים, הונגער־ליידענדע ביי יודען און הונגער־ליידענדע ביי נישט־יודען — ווער האט עס געפרובט מאכען אט דעם פאראלעל און האט איינגעזעהן, אז די רעזולטאטען זענען נישט לטובת פון די יודען?

„צי קאן דען אבער זיין, אז די גאנצע וועלט זאל זיין חייב און די יודען זכאי?“.

אודאי און אודאי קאן עס זיין. דער בעסטער באווייז איז דער בלבול פון עלילת־דם.

דא זענען מיר דאך ריין און הייליג, ווי אמת'ע מלאכי השרת: א יוד און בלוט! צי קאנט איהר דען געפינען נאך צוויי זאכען אזוינע, וועלכע זאלען זיין אזוי קאפויר איינע פון דער צווייטער, ווי די זענען, און דאך...

הײליגעס און אַלטעגליכעס.

צווישען דעם אַלעם, מיט וועלכען עס אונטערשײדט זיך הײליגעס פון אַלטעגליכעס, קאָן מען אויך דאָס רעכענען: אין וואָכענדיגע, אַלטעגליכע ענינים ווערען אונז ליעב די מיטלען, דורך וועלכע מיר ווילען דאָס ציעל ערדײכען, טאַקי נאָר אויף אַזוי פיעל, אויף וויפיעל זײ דיענען אונז אַלס מיטלען פאַר דעם ציעל, און דעריבער ענדערען מיר זײ און מיר טוישען זײ לויט ווי עס פאָדערט פון אונז דאָס ציעל, צו וועלכען מיר שטרעבען, און ווען דאָס ציעל ווערט בטל, ווערען שוין במילא אויך די מיטלען בטל; אין הײליגע ענינים אָבער מאַכט דאָס ציעל הײליג די מיטלען און פאַר זיך, און דעריבער ענדערען מיר זײ שוין נישט און טוישען זײ שוין נישט, און ווען עס ווערט אפילו בטל דאָס ציעל, ווערען די מיטלען זײנע נישט בטל אינאײנעם מיט איהם. מיר זוכען נאָר צו פערבײטען דאָס ציעל אויף אַנ'אַנדער ציעל פאַר די מיטלען, וואָס זאָל זײן צוגעפּאַסט צו זײ. מיט אַנדערע ווערטער: אין אַלטעגליכע ענינים היטען מיר אײן די קליפּה, די שאָלעכץ, צוליעב דעם תוך, צוליעב דעם אינווײניגסטען, און אין הײליגע ענינים דערהויבען מיר די קליפּה ביז צו דער מדרגה פונ'ם תוך, און זי געדט שוין נישט אַראָב פון דאָרטען, ווען דער תוך אַפילו בלײבט שוין נישט, מיר שאַפען נאָר אַ נײעם תוך פאַר איהר.

די ערשטע מצריים פלעגען ניצען אין געוויסע יום-טובים נאָר שטײנערנע כלים. אט דער מנהג איז זײ איבערגעבליבען בירושה פון זײערע אורעלטערן, וועלכע האָבען נאָך געלעבט אין דער „שטײנערנער תקופה", דאַן, ווען מענשען האָבען נאָך נישט געוואוסט ווי צו בענוצען זיך מיט אַנדערע מעטאַלען און פלעגען מאַכען אַלע

זייערע כלים פון שטיין (Lubock). און האָטש שפּעטער האָבען זיי זיך אויסגעלערנט מאַכען כלים פאַר זייער נוצען פון בעסערע מעטאַלען, דאָך האָבען זיי פערבּיטען דעם ערגערען מיטעל, די שטיינערנע כלים, אויף דעם בעסערען, אויף כלים פון אַנדערע מע־טאַלען נאָר אין די פּראָסטע וואָכענדיגע טעג, אין די הייליגע טעג אָבער האָבען זיי נישט געוואַגט דאָס אַלטע אויף דעם נייעם אויס־בּייטען, ווארום דאָ איז דאָס מיטעל אַליין אויך שוין געוואָרען הייליג. און די עגיפּטישע כהנים האָבען געמיזט אַדאי זוכען און געפינען דערויף וויכטיגע טעמים על פי הסוד, דאָס הייסט, זיי האָבען געטהון דאָס, וועגען וועלכען איך האָב פריהער גערעדט: זיי האָבען געזוכט און געפונען אַ נייעם ציעל פאַר דעם אַלטען מיטעל, אַ נייעם תוך פאַר דער פוסטער קליפה.

און מיר יודען, פאַר וואָס שרייבען מיר עס ספר-תורה'ס דוקא אויף פּאַרמעט און דוקא אין אַ מגלה-פאָרמאַט? צו וואָס טויג אָט די גאַנצע שווערע אַרבּייט 400 יאָהר נאָך גוטענבערג'ען? דערפאַר, וואָס אָט אַזוי האָבען אונזערע עלטערן (און אויך אַלע אַנדערע מענשען) געשריבען אַלע זייערע ספרים אין דער צייט פון בית-המקדש, אין יענער צייט, ווען די וועלט האָט נאָך פון קיינע בע־סערע מיטלען נישט געוואוסט; און מיר בעניצען זיך, ווירקליך, פאַר אונזערע פּריוואַט-געברויך-ספרים מיט די נייע בעסערע מיטלען, אין ספרים אָבער, וואָס ווערען פאַר עבודת הקדש בעשטימט, זענען אַלע פּרטים הייליג און די שרייב-מיטלען אויך בתוכם.

———————

אָט דעם אונטערשיעד געפינען מיר אויך אין די ספרים אַליין. צלטעגליכע ספרים (אַחוץ בעלעטריסטישע ספרים, אין וועלכע די שענע פאָרם איז זייער גאַנצער עיקר) זענען מעהר נישט נאָר מיטלען, צו אויסלערנען דורך זיי אַ געוויסען אינהאַלט, זענען מעהר נישט, ווי ראַמען, אין וועלכע געוויסע געדאַנקען זענען איינגעפּאַקט; און דעריבער, וואָס דער אינהאַלט זייערער ווערט אַליין מעהר מפורסם, ווערט אויך דער ספר אַליין מעהר פערגעסען. די וויכטיגסטע ספרים, וועלכע האָבען מיטגעבראַכט די ענטוויקלונג פונים מענשליכען גע־דאַנק, דער תוכן פון וועלכע איז געוואָרען אַ קנין כללי פאַר אַלע דורות, ליגען ערגיץ אין אַ ווינקעל אין די ביבליאָטעקען און ווערען

נאָר זעלטען אויפגעפּעפּענט. קאָפּערניק׳ס, קעפּלער׳ס און גאַליליי׳ס טעאָריעס ווערען געלערנט מיט קליינע קינדער אין די שולען, דאַגעגען אָבער, געפינען זיך אפילו צווישען די געלעהרטע פיזיקער גאָר ווייניג מענשען, וועלכע זאָלען לערנען אַט די טעאָריעס פון דער ערשטער קוועלע, פון זייערע מחברים׳ס ביכער. און פּלאַטאָנ׳ס ביכער! אַט דער גרויסער ים, די וואַסער פון וועלכען מיר טרינקען נאָך עד היום דורך פערשידענע רעהרען, וויפיעל מענשען ווענדען זיך צו זיי יעצט און וויפיעל וויסען פון זייערע נעמען אפילו? — אמת, אַ שטילער טרויער דערוועקט זיך ביי אונז אין האַרצען, ווען מיר זעהען, אַז אונזערע גייסט-קינדער לעבען נישט אייביג, ווען מיר זעהען, אַז מיט דער צייט ווערט אַלעס פערגעסען, נאָכדעם, ווי עס האָט זיין אויפגאַבע אויסגעשפּילט. אין עס איז גלויבליך, אַז די מחברים פון אַט די ספרים, ווען די ברירה וואָלט ביי זיי געווען, וואָלטען בעסער וועלען, אַז די טעאָריעס זייערע זאָלען זיך נישט פערשפּרייטען אויף אַזוי פיעל, אַבי די ספרים זייערע זאָלען נישט פערגעסען ווערען. די ברירה איז אָבער נישט געווען ביי זיי אין די הענד. און אויב דאָס האַרץ טרויערט און ליידט שמערצען, געפינט די לאָגיק איין, אַז אַזוי בעדאַרף עס זיין אייגענטליך, אַז נאָך דעם, וואָס מיר האָבען דעם תוך פון פרי אויפגעגעסען, בעדאַרפען מיר שוין דעם לבוש זיינעם נישט האָבען.

דאָס איז בנוגע צו די ספרי חול, צו די אַלטעגליכע ספרים. ביי ספרי קודש, ביי הייליגע ספרים, איז דאָס אָבער נישט אַזוי. דאָ מאַכט דער אינהאַלט הייליג דעם ספר, און דערנאָך ווערט דער ספר דער עיקר, און דער אינהאַלט ווערט דער טפל. דער ספר בלייבט לעבען אויף אייביג, און דער אינהאַלט זיינער ווערט אַלץ איבערגעענדערט לויט די פאָדערונגען פונ׳ם לעבען און ענטוויקלונג. וואָס האָבען די מענשען נישט געפינען אין אונזערע הייליגע ספרים פון פילאָנ׳ען אָן ביז יעצט? אין אלכסנדריא האָט מען פּלאַטאָנ׳ען אין זיי געפונען, אין שפּאַניען האָט מען אין זיי אַריסטאָטעלעס׳ען געפונען, די מקובלים האָבען אין זיי זייערס געפונען, אַפילו אָנהענגער פון אַנדערע רעליגיעס האָבען אויך זייערס אין זיי געפונען, און אייניגע געלעהרטע מאמינים האָבען אויך קאָפּערניקוס׳ען און דאַרווינ׳ען אין זיי געפונען! אַט די אַלע האָבען געזוכט אין די הייליגע ספרים נאָר דעם אמת,

יעדער איינציגער נאר זיין אמת, און אלע האבען געפונען אין זיי דאס, וואס זיי האבען געוואלט אין זיי געפינען, זיי האבען געמוזט געפינען, ווארום, ווען זיי וואלטען נישט געפונען, וואלט אדער דער אמת קיין אמת נישט זיין אדער די היילינע שריפטען וואלטען היילינ נישט זיין.

און נישט קוקענדיג אויף דעם אלעם, געפינען זיך נאך ביי אונז „רעפארמאטארען“, וואס רעכענען, אז מיר קאנען אראבציהען דעם לבוש פון דער רעליגיע, די אויסערליכע פארם איהרע, די פראקטישע מצוות און איינהיטען נאר דעם תוך איהרען, די אבסטראקטנע אידעען; נישט קוקענדיג אויף דעם אלעם, געפינען זיך ביי אונז מענשען, וואס רעכענען, אז מ'קאן אראבנעהמען, למשל, דעם לבוש פון אונזערע היילינע שריפטען, פון תנ"ך — די העברעאישע שפראך, אין וועלכער זיי זענען געשריבען, און איינהיטען נאר דעם תוך, זייער אינהאלט און איראפעאישע איבערזעצונגען. אט די בײדע קאטעגאריעס רעפארמאטארען פערשטעהען נישט, אז הייליג איז די פארם דוקא, אז הייליג איז די אלטע פארם איהרע, וועלכע מאכט אויך דעם אינהאלט הייליג, מעג ער זיך אפילו בייטען פון צייט צו צייט. און דאס זעלבע איז אויך פערקעהרט, ווען די פאס זאל, למשל, צובראכען ווערען אדער זי זאל אנ'אנדערע פארם בעקומען, דאמאלסט ווערט אויך דער טעם פוג'ם ווײן אויסגעוועבט, דאמאלסט ווערט ער אויך זיין קדושה אן, ווי אלט ער זאל נישט זיין, מעג ער אפילו זיין פון ששת ימי בראשית.

די רעפארמאטארען פערשטעהען עס נישט. דאס פאלק האט עס שטענדיג מיט זיין נאטירליכען אינסטינקט געפיהלט, און לויט אט דעם אינסטינקט האט עס זיך אין לעבען געפיהרט. דאס פאלק האט זיך קיינמאל נישט געשטעלט געגען די יעניגע יודישע חכמים, וועלכע האבען אנגעפילט זיין פאס מיט נייעם ווײן פון פרעמדע ווײנשטאקען, ווי דער רמב"ם, למשל, מיט זיינע חברים, ער האט זיי נישט אויפגעהערט הייליג צו האלטען און פערגעטערען צוליעב דעם. די קאראימען אבער און זייער גלייכען, וועלכע האבען געוואגט ארויפלעגען זייער האנד אויף דער פאס, און ענדערען זי, לויט זייער פערשטאנד — זיי האט דאס פאלק אבגעשטויסען פון

זיך מיט זיין גאנצען כח, חאטש זיי האבען נישט אויפגעהערט צו לויבען פאר איהם זייער ווייַן, אז ער איז דאס דער אמת'ער אלטער וויין, דער אמת'ער יין המשומר, וועלכער איז קיינמאל נישט געפעלשט געווארען.

מען בעדארף די פאס אבהיטען, און לאזען זיי לאכען די, וואס לאכען דערפון, וויפיעל זייער הארץ גלוסט. די רעזולטאטען, וואס דאס איינהיטען דעם וויין האט געבראכט, שלאגען זיי גלייך אין פנים אריין.

מִדַת־הַדִין[1] און מִדַת־הָרַחֲמִים[2].

דער חלוק צווישען מדת הרחמים און מדת הדין איז נאר אט און וואס: מדת הדין משפט די מעשים, וואס דער מענש טהוט, און מדת הרחמים משפט דעם מענשען. מדת הדין בעטראכט נאר דעם כאראקטער פונ'ם טהאט אליין. אויב זי געפינט אין איהם וועלכען עס איז פערברעכענס־עלעמענט, איז שוין גענוג פאר איהר צו בעשטראפען דעם מענשען, וועלכער האט אט דעם טהאט געטהון. ער הייסט שוין ביי איהר אין די אויגען א פערברעכער. דאגעגען אבער מדת הרחמים נעהמט ראשית כל צו בעטראכטען דעם צושטאנד, אין וועלכען דער מענש האט זיך געפונען, בעת ער האט דעם טהאט געטהון, ווי אויך די סבות, וואס האבען דעם טהאט ארויס־גערופען. ערשט נאכדעם בעטראכט זי דעם טהאט אליין. אין דעם איינענעם און זעלבען טהאט קאן זי אמאל יא געפינען און אמאל נישט געפינען פערברעכענס־עלעמענטען, פאר וועלכע מען דארף בעשטראפען. אלעס איז אבהענגיג פון די אומשטענדען, וועגען וועלכע מיר האבען פריהער גערעדט.

למשל, די תורה האט געזאגט: „לא תגנוב“, אויב איינער האט אבער איבער געוועזען אויפ'ן לאו און האט יא געגנב'עט — בעדארף ער אבצאהלען דאס, וואס די גנבה איז ווערט. — עד כאן איז הכל מודים. ווי איז אבער, אויב ער האט נישט מיט וואס צו בעצאהלען? דערויף ענטפערט מדת הדין: אויב ער האט נישט, זאל ער זיך פאר א קנעכט פערקויפען, כדי ער זאל קאנען אבצאהלען דאס,

1) געזעצליכקייט.

2) בארמהערציגקייט, יושר — „לפנים משורת הדין“.

„וואס קומט פון איהם". מדת הרחמים אבער זאגט אנדערש: „זאל מען נישט שענדען דעם גנב, ווען ער גנב'עט צום עסען, — ווען ער הונגערט". מדת הדין רעדט וועגען דער ג נ י ב ה, און מדת הרחמים וועגען ד ע ם ג נ ב.

אנ'אנדער משל: אלע ווייסען, אז די קינדער נעהמען איבער על פי חוב בירושה פון זייערע עלטערן אלע זייערע גייסטיגע נייגונגען און איינגענשאפטען. דאמאלסט אבער, ווען מדת הדין געפינט איין צוליעב דעם, אז „מ'דארף בעשטראפען די קינדער אויך פאר זייערע עלטערען'ס זינד", קומט מדת הרחמים אין אונזער צייט צוליעב דעם איינענעם טעם צו א בעשלוס, וועלכער איז גאר פינקט דער היפוך פונ'ם ערשטען: „מען בעדארף די קינדער אויך פאר זייערע איינענע זינד נישט בעשטראפען, אויב די זינד זענען איבערגעגאנגען צו זיי בירושה פון זייערע עלטערן. מדת הדין פערפאלגט דעם ח ט א, דאס פערברעכען, אין וואס פאר א אומשטענדען מיר זאלען עס נישט געפינען, און מדת הרחמים זוכט נאר דעם ח ו ט א — דעם אמת'ן פערברעכער, וואס טהוט בעוואוסטזיניג זיין פערברעכען...

אנ'אלטע לעגענדע דערצעהלט אונז, אז צום אנהויב האט דער אויבערשטער פערטראכט צו בעשאפען די וועלט זיינע נאר מיט מדת הדין אליין, ערשט נאכדעם האט ער חרטה געהאט און האט צו מדת הדין אויך מדת הרחמים משתף געווען. אין אמת'ן געפינען מיר טאקי, אז מדת הדין קומט פריהער פאר מדת הרחמים אינ'ם ענטוויקלונגס־פראצעס פון יעדער מענשען און פון יעדען פאלק. קליינע קינדער און פרימיטיווע פעלקער רעכענען זיך נאר מיט דעם טהאט. די סבות, וועלכע רופען ארויס דעם טהאט, די אומשטענדען, אין וועלכע דער טהאט ווערט געטהון, עקזיסטירען כלל נישט פאר זיי. זיי פערניכטען דאס שלעכטס ביי זיך דורך דעם, וואס זיי פערניכטען דאס אלעס, פון וועלכען דאס שלעכטס פליעסט ארויס, און אלעס, וואס שטעהט מיט דעם אין וועלכער עס איז בעציהונג. עס עקזיסטירען כלל נישט פאר זיי די בעגריפען: גערן און אונגערן, מיט דעם איינענעם ווילען און געגען איינענעם ווילען, בעוואוסטזיניג און נישט בעוואוסטזיניג. אויס כעס צוברעכען קליינע קינדער די כלי, דורך וועלכער זיי האבען געליטען, און די פרימיטיווע פעלקער, אויס דעם איינענעם געפיהל, הרג'ענען די בהמה, „דורך וועלכער עס

איז אַ מכשול פאַר מענשען אַרויסגעקומען". ערשט גאָר אין דער שפּעטערדיגער צייַט הויבט אָן די מדת הרחמים אַרייַנצודרינגען פריהער אין קאָפּ פונ'ם מענשען און לייַטערט אויס ביסלעכווייַז זייַנע מאָראַלישע בעגריפען און נאָכדעם דרינגט זי שוין אויך צו איהם אין האַרצען אַרייַן, מאַכט רייַנער און ווייַכער זייַנע געפיהלען.

פריהער ווערט קאַטעגאָריש אָבגע'פסק'ענט: „ווער עס פערגיסט מענשליך בלוט — סייַ בשוגג סייַ במזיד — זאָל זייַן בלוט פערגאָסען ווערען". וואָרום דער טהאַט אַלייַן, דאָס פערגאָסענע בלוט, פאָדערט כפרה פונ'ם פערגיסער. „און די כפרה קאָן זייַן — נאָר זייַן אייגען בלוט". געהט אָבער אַ לענגערע צייַט אַוועק, הויבט שוין דער מענש אָן צו פערשטעהן, אַז אַ „הורג נפש בשוגג קומט נישט קיין טויט־שטראָף"; אויך דאַמאָלסט אָבער איז איהם נאָך זעהר שווער אייַנצושטילען דאָס נקמה־געפיהל פון זייַן אויפגערעגט האַרץ, וואָס פאָדערט, אַז דאָס פערגאָסענע בלוט זאָל דורכאויס „אויסגעקויפט" ווערען. דעריבער מאַכען די פעלקער, וועלכע געפינען זיך נאָך אין דעם ענטוויקלונגס־צושטאַנד, „ערי־מקלט" פאַר די, וואָס הרג'ענען אַ מענשען בשוגג, „כדי דער גואל הדם זאָל זיי נישט הרג'ענען אויף דער היסער מינוט, ווען זייַן האַרץ איז נאָך אויפגערעגט".

„אונס רחמנא פטריה": גאָט שטראָפט נישט דעם מענשען, וואָס טהוט געגען זייַן אייגענעם ווילען אַ פערברעך — דאָס איז הייַנט בייַ אונז אַ אַקסיאָמע געוואָרען. עס זענען אָבער געווען צייַטען, וואָס מען האָט מיט פערשיעדענע ראיות און אַרגומענטען בעדאַרפט אָט דעם געדאַנק בעגרינדען, כדי ער זאָל מתקבל על הלב ווערען. „דאָס מעדעל זאָלסטו נישט בעשטראָפען. עס קומט איהר נישט קיין טויט־שטראָף, וואָרום דאָס איז דאָך פונקט, ווי איינער וואָלט בעפאַלען זייַן חבר און איהם הרג'ענען. ער האָט דאָך איהר אין פעלד געטראָפען. דאָס מעדעל האָט דאָך געשריען, קיינער האָט איהר אָבער נישט געהאָלפען". צי איז דען דער שטייגער פון דער תורה צו מאָטיווירען איהרע מצוות מיט אַזאַ סגנון? אלא וואָס דען, זי האָט געוואוסט, אַז זי קומט דאָ מחדש זייַן אַ דבר גדול, וואָס איז געגען די פאָלקס־בעגריפען. דעריבער האָט זי געפונען פאַר נויטיג צו מאָטיווירען און ערקלערען דעם דין, וואָס זי איז מחדש.

———

די לעגענדע זאָגט, אַז גאָט האָט משתּף געווען מדת הרחמים צו מדת הדין, ניִשט אַז ער האָט פערבּיִטען איִינע אויף דער צווייִטער. און איִן אמת'ן איִז טאַקי מדת הרחמים אַ גוטע מדה, נאָר דאַמאָלסט, ווען זי גערט מיִט מדת הדין צוזאַמען. אויב די ערשטע איִז איִינע פון די העכסטע שטאַפּלען איִנ'ם לייִטער פון דער מאָראַליִשער ענטוויִקלונג, איִז די לעצטע אָט יענער באַזיִס, אויף וועלכען דער גאַנצער לייִטער האַלט זיִך.

וואָרום דאָס איִז גאָר קיין שום ספק ניִשט, אַז די מענשען וואָלטען זיך גאָר ווענייִג מיִה אָנגעטהון צו שטייִגען מאָראַליִש אַלס העכער און העכער, ווען ניִשט די מורא פון יענעם איִנערליכען קאָנטראָליער, וועלכער קאָנטראָליִרט אַלעס, וואָס דער מענש טהוט אפילו בחדרי חדרים און שטראָפט איִהם און עסט איִהם דאָס האַרץ כּמדר, שרייענדיִג צו איִהם: שטייִג אַלץ העכער און העכער, ווער אַלץ רייִנער און רייִנער! — אָט די איִנערליִכע שטיִמע, וועלכע מיִר רופען אָן מוסר־כליות, געוויסענס־בּיִסע, אָדער, ווי די, וועלכע האָבּען זיך ליעב פּאָעטיִש אויסצודריִקען, רופען זי, די געטליכע שטיִמע, וועלכע רעדט פונ'ם מענשענ'ס האַרצען אַרויס, — איִז איִן אמת'ן מעהר ניִשט (ווי אַדאַם סמיִט מיִט זייִנע נאָכפאָלגער האָבּען עס זעהר גוט ערקלערט) ווי דאָס עכאָ פונ'ם מענשענס איִיגענער שטיִמע, מיִט וועלכער ער רופט זיך אָבּ וועגען פרעמדע זיִנד.

וואָרום נאָך פון די ערשטע קינדערשע יאָהרען אָן, הערט שוין יעדער איִינציִגער פון אונז, ווי אונזערע עלטערן און לעהרער און אַלע אַנדערע, צווישען וועלכע מיִר געפינען זיִך, זאָגען אַרויס אַ שלעכטע מייִנונג וועגען יעדען פערבּרעכען. דאָס וויִרקט אויף אונז, מיִר זאָלען זיִך אויך האַלטען בּיי די איִיגענע מייִנונגען. מיִר נעהמען איִבּער אונזערע מייִנונגען בּיי דער סביבה, איִן וועלכער מיִר געפינען זיִך, מיִר טהוען איִהר נאָך. און מיִט דער צייט גערט איִבּער אָט דער דאָזיגער הרגל אונזערער איִן אונזער צווייִטער טבע: בּעגעגענענדיִג זיִך מיִט וועלכען עס איִז פערבּרעכען, דריִקען מיִר אויס אונזער נעגאַטיִווע בּעציִהונג צו אָט דער ערשייִנונג ניִשט נאָר מיִט ווערטער אַלייִן. עס דערוועקט זיִך אויך אַ טיִעפער געפיִהל פון פּראָטעסט, פון כעס בּיי אונז איִן האַרצען. עס ווערט בּעלייִדיִגט אונזער עטיִש אָדער עסטעטיִש געפיִהל. און אָט דאָס פּראָטעסט־געפיִהל, וואָס

בעגלייטעט אינ'ם הארצען פון מענשען אט יענע פערברעכונגס-ערשײנונגען, װערענדיג װאס װײַטער אַלץ מעהר און מעהר צונויפגעבונדען (װי דער שטײַגער איז פון יעדען געפיהל) מיט דער ערשײַנונג, װאס רופט איהם ארויס, װערט ענדליך אויף אזוי פיעל צונויפגעגאסען מיט איהר (מיט דער ערשײַנונג) אז זיי קאָנען זיך שוין גאָר נישט פאַנאַנדערשיידען. אט דאס דאָזיגע פראָטעסט-געפיהל מוז שוין בעגלייטען די פערברעכונגס-ערשײַנונגען אפילו דאַן, װען ער אַליין איז דער פערברעכער. און אין דעם מאָמענט, װען דער מענש פיהלט געװיסענביסע, איז ער, אייגענטליך, אַמין דו-פּרצופים: צװיי נשמות בעזיצט ער דאַמאָלסט. עס קומט אויס גלײַך, װי דאס געװיסענביסע װערט עפּעס אַמין בעזונדער בעשעפעניש, װאס שטעהט איבער דעם קאָפּ פון זײַן בעל הבית און שרײַט צו איהם: רשע, װאס װאָלסטו זאָגען, װען אַנדערע װאָלטען טהון דאס, װאס דו אַליין טהוסט?

די עטישע בעגריפען, װאס טראָגען זיך אין דער לופט פון דער געזעלשאַפט און דרינגען אַרײַן אין הארצען פון יעדען מענשען דורך דער ערציהונג און דורך דער בעריהרונג, אין װעלכער מיר שטעהען מיט דער אַרומיגער סביבה, — זענען אַלזאָ די װיכטיגסטע קװעלע פון דער אינערליכער געװיסענס-שטימע. אין דעריבער דאַמאָלסט, װען די מדת הדין שװעבט נאָך אַרום אויף װיפיעל עס איז איבער דער געזעלשאַפטליכער אַטמאָספערע, װערט צוגעװעהנט דער מענש נאָך פון זײַן קינדהײַט אָן, ער זאָל פיהלען אַ שנאה צום שלעכטען, און צוליעב דעם פעראַכטען איך דעם, װאס טהוט דאס שלעכטע, נישט חוקר ודורש זײַענדיג קיין סך די װײַטע סבות, װעלכע האָבען דעם מענשען געבראַכט דערצו; און במילא לערנט ער זיך שוין אויס אויף אַזא אופן, ער זאָל פאַר זיך אויך מעסטען מיט דער אייגענער מאָס, װאס ער מעסט פאַר אַנדערע. גאַנץ אַנדערש איז דאס אָבער װען די לופט איז נאָר מיט רחמנות אַליין פול, װען נישט דאס שלעכטע אַן און פאַר זיך, נאָר דער שלעכטער װילען איז עס אַט די ערשײַנונג, װעלכע דערװעקט בײַ אונז דאס מאָראַלישע געפיהל; גאַנץ אַנדערש איז דאס, װען מיר בעפרײַען יעדען פון שטראָף, װי באַלד מיר געפינען נאָר עפּעס אַ זכות פאַר איהם אין איינעם פון אונזערע פערבאָרגענע װינקעלעך פון אינזער הארץ. אַט אַזא אַטמאָספערע איז נישט מסוגל, אַז עס זאָל זיך

הערען אין איהר דעם מענשענס שטימע, מיט וועלכער ער זאָל זיך אָברופען וועגען פרעמדע זינד, און במילא שווייגט שוין אויך דאָס עכאָ פון אָט דער דאָזיגער שטימע.

און דאָך זענען אין יעדען דור איינצעלנע חסידים פאַראַן, וועלכע שטייגען אַליך העכער און העכער איבער די שטאַפּלען פנים עטישען לייטער ביז זיי דערגרייכען צו דער אַבסאָליוטער מדת הרחמים, און זיי גלויבען בתמימות, אַז ווען אַלע מענשען וואָלטען אינאיינעם מיט זיי צו אָט דער הויכער מדרגה דערגרייכט, וואָלט אַגן עדן פון אונזער וועלט געוואָרען, אין דעריבער פרעדיגען זיי פאַר זייערע תלמידים: „זאָלסט דן זיין יעדען מענשען לכף זכות“. די תלמידים האָבען אָבער דאָך דאָס רעכט זיך אַליין אויך צו רעכענען פאַר מענשען, זענען זיי טאַקי ראשית כל מקיים די מצוה אויף זיך אַליין. וואָרום אויב עס איז זעהר שווער צו געפינען אַ זכות פאַר אַנדערע, אויב עס איז שווער אַריינדרינגען אין די טיעפסטע ווינקעלעך פון זייער הארצען און געפינען דאָרט די פּסיכאָלאָגישע סבה, וועלכע האָט דעם מענשען לידי עברה געבראַכט, — איז זעהר גרינג דאַגעגען צו געפינען שטענדיג פאַר זיך אַליין אַ זכות. ווייל באמת זענען דאָך אפילו די גאָר „פּרייעסטע“ מעשים אונזערע צונויפגעבונדען און צונויפגעפלאָכטען דורך טויזענדער דינע פעדים, בעמערקבאַרע און אונבעמערקבאַרע, מיט פערשיעדענע סבות, וועלכע האָבען די מעשים אונזערע געבוירען. און חאָטש נישט תמיד אפילו קאָן דער מענש געפינען אָט די בעהאַלטענע פעדים, חאָטש נישט שטענדיג קאָן ער זיך אָבגעבען אַקלאָרען חשבון, ווי אַזוי איז ער עס אינם פערברעכען נכשל געוואָרען און פאַרוואָס ער האָט אויסגעקליבען גראָד דאָס שלעכטע, פיהלט ער דאָך פונדעסטוועגען ביי זיך אינווענינ, אַז עפּעס אַ געהיימע האַנד האָט געווירקט אויף זיין אויסוואַהל, אַז עפּעס אַ „רוח שטות“ איז אַריין אין איהם אין יענער מינוט, און דעריבער — איז נישט ער שולדיג, נאָר זי, יענע געהיימע האַנד, יענע בעהאַלטענע סבה.

און ווען די חסידים פונים דור זעהען דאָס, ווען זיי זעהען, אַז זייער גאַנצע תורה דיענט נאָר דעם מענשען, אויף זיך צו פערטיידיגען, בעמיהען זיי זיך אויסצובעסערען דעם פעהלער דורך דעם

פעהלער אַליין, און זיי גיבען צו: „דו זאָלסט נישט אורטיילען דיין חבר, ביז דו שטעלסט דיך נישט אַוועק אויף זיין אָרט". דאָס הייסט: אויב דו קאָנסט נישט דן זיין דיין חבר לכף זכות, זאָלסטו איהם אינ־גאַנצען נישט דן זיין, ביז דו קומסט נישט צו אויף זיין אָרט; וואָרום דעמאָלט, ווען דו וועסט זיך געפינען אויף זיין אָרט, וועסטו שוין אויך איהם פערשטעהן, און דיר וועט שוין נישט שווער אָנקומען, צו געפינען אַ זכות פאַר איהם.

דאָ איז אַלזאָ די מדת הרחמים צוגעקומען ביזן לעצטען פונקט: אַלע שטראָפען ממתיק זיין (מילדערן), פערגעבען אַלעמען און אַליץ. מיט וועלכען וועג איז זי עס אָבער צוגעקומען ביז אַהער? מיט דעם פונקט פערקעהרטען וועג פון יענעם, מיט וועלכען עס געהט דאָס מאָראַלישע געפיהל אין זיין נאַטירליכער ענטוויקלונג: יענס געפיהל געפינט דעם מאָראַלישען קריטעריום אין דער גע־זעלשאַפט און מעסט מיט איהם פריהער אַנדערע, דערנאָך זיך, וועהרענד די תורה פון די חסידים לאָזט דעם מענשען פריהער זיך אַליין מעסטען מיט וועלכען קריטעריום ער וויל, אָבער ער זאָל מיט איהם מעסטען דערנאָך אויך אַנדערע.

די דאָזיגע תורה, ווען אַלע מענשען וואָלטען לעבען לויט איהרע געבאָטען, וואָלט אויף אַזאַ אופן געקאָנט צוברענגען דער מענשהייט ביז אַ מאָראַלישען תהו ובהו, וואָרום אָהן אַ שום שטיצע פון אויסווייניג, וואָלט דאָס אינוועניגסטע מאָראַלישע געפיהל אויך צושוואומען געוואָרען ביסלעכווייז. נאָר צום גליק פון דעם מענשליכען געשלעכט, איז די מעהרהייט מענשען צו קליין פאַר דער ערהוי־בענער תורה פון די חסידים, און ביי דעם גאַנצען כבוד, וואָס מ'גיט איהר אָב, בלייבט זי דאָך נישט מעהר, ווי שענער רעדע־שטאָף פאַר די פריידיגער. די מאָראַלישע אַטמאָספערע אָבער בעוועגט זיך נישט דורך קיין שענע דרשות, נאָר דורך די אַלגעמיינע און פערזענליכע לעבענס־בעדערפענישען. די פערזענליכע בעדערפענישען רופען אונז אָפט איין אין אויער: זיי דן דיין חבר לכף חוב, כדי דו זאָלסט דיך אַוועקשטעלען אויף זיין אָרט, בעהרט ווע־רען דורך שאַנד און געבויט ווערען פון זיין חורבן; אַקעגען די אָבער לעהרנען אונז די אַלגעמיינע בעדערפענישען: „מיט

גערעכטיגקײט זאָלסטו משפּט'ען דײַן חבר", — דו זאָלסט משפּטען, נאָר מיט גערעכטיגקײַט, און דו װעסט דיך אױסלערנען צו משפּט'ען אױך זיך אַלײן, װען דו װעסט שטעהן אױף זײַן אָרט.

און אין יעדען דור זענען פאַראַן צדיקים, װאָס קומען צו דער דאָזיגער מיטעלמעסיגקײַט — פון װעלכער די חסידים זענען נישט צופריעדען — נאָך אַ שװערען קאַמפּף מיט דעם אײַנגערױמטען סוד פון די פּערזענליכע בעדערפעניסען, — צדיקים, װאָס קומען, אַ דאַנק דער רגילות, צו אַזאַ מדרגה, אַז די גערעכטיגקײַט אַלײן װערט בײַ זײ אַ פּערזענליכע בעדערפעניש. און זײ זענען עס די װירקליכע טרעגער פון דעם מאָראַלישען פּראָגרעס, װאָס זײַן צװעק איז, שלום צו מאַכען צװישען אָט די בײדע מיני בעדערפעניסען, די פּערזענליכע און די אַלגעמײנע, און געבען זײ בײדען אײן תורה — די תורה פון דער גערעכטיגקײַט.

פאזיטיווען און נעגאטיווען.

אויך אין דער צייט, ווען ס'איז שלום אויף דער וועלט, ווייסען די מענשען נישט פון קיין מנוחה און פון קיין שלום. אין די טיעפעניש‍ען פון לעבען, אונטער דער מאסקע פון דעם אויסערליכען שלום, קומט פאר אַנ'אייביגע מלחמה. אליין, פוּנ'ם ווערימעל ביז'ן מענשען, קעמפפט צווישען זיך, שלאגט און יאגט איינס דאס אנדערע אהן אנ'אויפהער; ווען איינער שטעהט-אויף פאלט דער צווייטער, און דער ווערט גליקליך פונ'ם אנדערנס אונגליק. און דאך עקזיסטירט ביי אונז א אונטערשייד צווישען א מלחמה-צייט און א צייט פון שלום, און מיר רופען אן „מלחמה" נאר יענעם אפענעם ציזאַ־מענשטויס צווישען צוויי מחנות, וואס מאכט זיך זעהר זעלטען, און מיר שטעהען און קוקען זיך צו צו דעם גאנג פון דער דאזיגער מלחמה, צו איהרע סבות און פאלגען, פון אנהויב ביז'ן סוף. יענע קליינע מלחמות אבער צווישען איין מענשען און דעם אנדערען, יענע אייביגע קליינע צוזאמענשטויסען, וואס מיר ווייסען נאר פון זייער מציאות, און זענען נישט אימשטאנד זיי ארומצונעהמען מיט אלע זייערע איינצעלהייטען און פאלגען, — יענע רופען מיר אן „שלום", ווייל דער מנהג העולם איז אזוי.

אויך אין דער וועלט פון גייסט איז פארהאן מלחמה און שלום, און אויך דא איז דער שלום נישט מעהר, ווי א רייהע נישט אנ־ועהענדיגע, קליינע, אייביגע צוזאמענשטויסען: פון מיינונגען מיט מיינונגען, בעדערפענישען מיט בעדערפענישען, מנהגים מיט מנהגים און אזוי ווייטער. דער מינדעסטער שנוי אין איינעם

פון די לעבענס־צווייגען, דאָס פערבייטען, למשל, איין בוכשטאַב אויף אַנ׳אַנדערען אין דער אָרטאָגראַפיע פון אַ וואָרט, — געהט אויך נישט אַריבער אָהן אַ מלחמה און אָהן אַ נצחון; נאָר וואָס דען? די דאָזיגע געשעהענישען געהען פאַרביי שטילערהייד, און קיינער אין זייער צייט קוקט זיך ניט אום אויף זיי. ערשט אין יאָהרען אַרום, ווען דער סכום פון די דאָזיגע אַלע שנוים דערגעהט שוין ביז צו אַ בעדייטענדען ציפער, ערשט דאַן קוקען זיך די קליגערע אַרום און דערזעהען צו זייער גרויסען וואונדער, אַז אַלץ, פון די מיינונגען און לעבענס־פיהרונגען ביז דער שפּראַך און דעם דיאַלעקט, איז שטאַרק גע־ענדערט געוואָרען, ווי פון זיך אַליין, און מיר הויבען נישט אָן צו וויסען: ווי, ווען און דורך וועמען.

די איינביגע לאַנגזאַמע ענטוויקלונג — דאָס הייסט אַלזאָ שלום. אין דער וועלט פון גייסט קומט אָבער אויך אַמאָל צו אַ מלחמה, צו אַ אָפענעם צוזאַמענשטויס צווישען צוויי גייסטיגע מחנות, צווישען צוויי גאַנצע שיטות — אַנ׳אַלטע מיט אַ נייער. די הכנות צו אַזאַ מין מלחמה ווערען געמאַכט אין דער פינסטער, אין די טיעפענישען פון דער איינביגער ענטוויקלונג, און נאָר דעמאָלט, ווען אַלץ איז שוין גרייט, צופלאַקערט זי זיך פאַר אונזערע אויגען מיט אַ גרויסען שטורם און פיהרט דורך גרויסע ענדערונגען אין אַ קורצער צייט.

דער כאַראַקטער פון די דאָזיגע ענדערונגען און אויך דער גאַנג פון דער מלחמה בכלל — דאָס איז אָבהענגיג פון דעם כאַ־ראַקטער פון יענער נייער שיטה, וואָס האָט אַרויסגערופען דעם גאַנצען שטורם: צי זי איז בלויז אַ פּאָזיטיווע, בלויז אַ נעגאַטיווע אָדער אויסגעמישט פון פּאָזיטיוועס מיט נע־גאַטיוועס צוזאַמען.

———————

אַ נייע פּאָזיטיווע שיטה קומט אויף דער וועלט, ווען די איינביגע ענטוויקלונג האָט אין דעם וועג פון איהר גאַנג אַרויסגערופען אין די הערצער פון יחידי סגולה עפּעס אַ פּאָזיטיווען ענין: אַ אמונה אין וועלכען ס׳איז נייעס אמת אָדער די עמפּפינדונג פון אַ ניי בעדערפעניש (אַממערהסטענטייל —ביידע צוזאַמען), וואָס די געזעלשאַפט האָט ביז דאַן נישט געגלויבט אין איהם אָדער איהם

נישט עמפפונדען. דער דאזיגער ענין געפינט, לויט א געוויסען פסיכאלאגישען געזעץ, און רופט ארויס אין די טיעפענישען פון הארצען נאך א רייהע אנדערע געפיהלען פון דעם מין, און זיי אלע האלטען אונטער איינס דאס אנדערע און פערבינדען זיך איינס מיט'ן אנדערען, ביז וואנען זיי פעראייניגען זיך ענדליך אין איין גאנצער שיטה. אינ'ם צענטר פון דער שיטה שטעהט יענער פאזיטיווער ענין, און ארום איהם א גאנצע רייהע פערשיעדענע גייסטיגע ענינים: אמונות, עמפפינדונגען, נייגונגען, בעדערפענישען און נאך ענהליכעס, וואס שטעהען אין א צוזאמענהאנג מיט איהם און ווערען דורך איהם פעראייניגט.

אזא מין נייע שיטה, חאטש אין איהר עצם איז זי בלויז פאזיטיוו, מוז האבען פונדעסטוועגען אין זיך אויך א געוויסע בעהאלטענע נעגאטיוויטעט. עס איז אונמעגליך, אז אט די נייע שיטה זאל נישט אנריהרען ווי ס'איז איינע פון די אלטע אנדערע שיטות, וואס שטעהט נעהנטער צו איהר לויט איהר אינהאלט, און אויב נישט דעם צענטר פון יענער שיטה, מוז זי דאך שאדען ברענגען איינעם פון די ארומיגע ענינים, און יעדענפאלס שטערט זי שוין איהרע אנהענגער, זיך איבערצוגעבען די אלטע ענינים מיט דער זעלביגער קראפט, מיט וועלכער זיי האבען עס געטאן ביז אהער. דעריבער קומט־אויס, אז ווען די בעגייער הויבען־אן זייער שיטה צו פערווירקליכען, ווען זיי הויבען אן אנצעווענדען השתדלות'ן, צו בעקומען דאס, וואס זיי דארפען דורך די וועגען, אין וועלכע זיי גלויבען, מוזען זייערע מעשים ארויסרופען א שטארקע התנגדות פון יענע, וועלכע זענען שטארק צוגעבונדען צו דער אלטער שיטה, — צו דער שיטה, וואס די בעגייער האבען זי נישט ווילענדיג אנגעגריפען. די דאזיגע התנגדות ברענגט מיט דערצו, אז די נייע שיטה ווערט נתפרסם און עס קלויבען זיך צינויף ארום איהר יענע אלע, וואס זענען מעהר געניגט צו איהר לויט זייער פסיכישער קאנסטרוקציע. און וואקסט די צאהל פון אט די אנהענגער, ווערט ווידער דער כעס פון די מתנגדים נאך גרעסער, און אזוי ווערט די התנגדות פערוואנדעלט אין א ביטערער מלחמה.

די בעגייער וואונדערען זיך אין אנהויב אויף דעם שם רע, וואס מ'האט אויף זיי אויסגעטראכט, אז זיי ווילען צושטערען דאס אלטע, און אין זייער תמימות שרייען זיי מיט כעס, אז זיי האבען

דאָס קיינמאָל נישט געװאָלט. און ס'איז װירקליך אַזױ: זײ זענען נישט געקומען פערמינדערען, נאָר פערמעהרען, און װײל זײ זענען אַמשטאַרקסטען פעראינטערעסירט מיט דער פערמעהרונג, זעהען זײ נישט און בעמערקען גאָרנישט די פערמינדערונג, װאָס שלעפּט זיך נאָך איהר נאָך, און אַפילו דאַן, װען די געגנער װײזען זײ אָן אויף דער פערמינדערונג, בעמיהען זײ זיך אויך, זי צו בעהאַלטען — נישט בלויז פון פרעמדע אויגען, נאָר אויך פון זײערע אײגענע — דורך קינסטליכע מיטלען, גאָרנישט פיהלענדיג, אַז דאָס זענען קינסטליכע. די אָנהענגער פונ'ם אַלטען, דאַגעגען, זענענדיג פעראינטערעסירט נאָר מיט איהם, זעהען בעסער און פיהלען גיכער די סכנה, װאָס איהם שטעהט פאָר מצד דער נײער שיטה, און דעריבער זוכען זײ, אויסצורײסען אָט די פלאַנצונג, װען זי איז נאָך יונג. על־פי־רוב אָבער געלינגט עס זײ נישט; געגען זײער װילען פערנעהמט די נײע שיטה ז״הר פאַסענדען אָרט אין לעבען, און בײדע, די נײע מיט דער אַלטער, גיבען ביסלעכװײז נאָך צו עטליכע פון זײערע אײגענשאַפטען, װעלכע זענען זיך אַממעהרסטען סותר, טײלען צװישען זיך אײן די כחות פון דער געזעלשאַפט אויף אַ אופן, װאָס איז, װי הײט מעגליך, גינסטיג פאַר בײדען, און גאָר צום סוף שליסען זײ שלום צװישען זיך און לעבען רוהיג, און דאָס געזעלשאַפטליכע לעבען איז רײכער געװאָרען מיט אַ נײעם עלעמענט, איז פּאָזיטיװ בערמעהרט געװאָרען.

מיט דעם װעג איז די פילאָזאָפיע אַרײנגעקומען אין יודענטום אינ'ם מיטעלאַלטער. פריהער — אַ נײע פּאָזיטיװע שיטה אין די הערצער פון יחידים: אַ ב ע ד ע ר פ ע נ י ש צו פערשטעהן די נאַטור־ערשײנונגען און דאָס מענשליכע לעבען, מיט דער א מ ו נ ה צו דערגרײכען דאָס דורך דער אַראַבישער פילאָזאָפיע; דערנאָך — די פערשפרײטונג פון דער שיטה, אַ התנגדות מצד די רבנים, װאָס האָבען געזעהען אין דעם אַ סכנה פאַר דאָס פּאָזיטיװע פון דער אַלטער שיטה — תורה און עבודה, — פערענטפערונגס־בריעף פון די בעני׳ער, װאָס לײקענען אָב די גאַנצע סכנה, ביז די תורה מיט דער פילאָזאָפיע האָבען ענדליך געמאַכט אַ פשרה צװישען זיך: די ערשטע איז געװאָרען אַ „געלײטערטע אמונה" און די צװײטע — „רעליגיעזע פילאָזאָפיע".

מיט דעם װעג איז געבױרען געװאָרען און האָט זיך ענטװיקעלט

אויך דאס „חסידות" אין דער נייער צייט. פריהער — א נייע פאזיטיווע שיטה: א בעדערפעניש איבערצולעבען שטארקע נשמה־דער־הויבונגען און טיעפע בעגייסטערונגען, צוזאמען מיט דער אמונה, אז דאס קאן דערגרייכט ווערען דורך דינען גאט מיט הייליגער פרעהליכקייט; דערנאך — די פערשפרייטונג פון דער שיטה, א מלחמה מצד די „לומדים", פערענטפערונגען פון די בעניער, און ענדליך — חסידים־לומדים און לומדים־חסידים. ווען די ערשטע חסידים וואלטען געהערט די גרויסקייטען, וואס מ'דערצעהלט זיך הײנט אן פון זיי, פון זייערע בעוואוסטזיניגע ארויסטרעטונגען געגען דער תורה פון די רבנים און נאך אזעלכעס, — וואלטען זיי געוויס נישט אנגעהויבען צו פערשטעהן, וואס מ'רעדט, אזוי ווי זיי האבען אין זייער צייט נישט פערשטאנען, וואס מ'וויל פון זיי און פארוואס מ'רודפ'ט זיי. דען באמת האבען זיי גארנישט געשפירט, אז אין זייער תורה און אין זייערע מעשים איז פארהאן א געוויסע התנגדות צו וועלכען ס'איז הייליגען און טראדיציאנעלען ענין פון דער אומה. אדרבא, זיי האבען זייערע פערפאלגער „מתנגדים" אנגערופען, נישט ווי לוטער'ס תלמידים, למשל, וואס האבען זיך אליין אזוי אנגערופען.

און אזוי ווי די אייביגע ענטוויקלונג רופט ארויס נייע פאזיטיווע ענינים, אזוי איז זי אויך מבטל אלטע פאזיטיווע ענינים אין די הערצער פון יחידים: זי שוואכט אב אין זיי דעם כח פון געוויסע בעדערפענישען און געוויסע אמונות, וואס דאס לעבען פון דער געזעלשאפט שטיצט זיך אויף זיי. די דאזיגע יחידים געפינען אלזא אין פערשיעדענע לעבענס־צווייגען — יעדערער אין דעם, וואס איז איהם נעהנטער, — געוויסע איבריגע זאכען, וואס אהן זיי וואלט דער וועלט בעסער זיין. און אויך אט די נעגאטיוויטעטען פאסען זיך צו איינם צו דאס אנדערע, מונטערען אויף און שטיצען זיך איינע דער אנדערער אזוי לאנג, ביז זיי פעראייניגען זיך ענדליך אויך אין א גאנצער שיטה, וואס האט אין איהר צענטער איין פונדאמענטאלע און אלגעמיינע נעגאטיוויטעט. אונטער דער פאהן פון דער נעגאטיוויטעט קומען זיך צונויף א סך פון יענע יחידים, וואס האבען געזעהען געוויסע קליינע איבריגקייטען אין פערשיעדענע צווייגען פון לעבען און זענען געווען אבגעזונדערטע, איינציגע

מענשען; יענע, וועלכע האָבען געשטימט צווישען זיך (אָדער האָבען זיך סותר געוועזען) אין געוויסע איינצעלהייטען, נישט פיהלענדיג נאָך אַליין דאָס אינווענינסטע, וואָס בינדט זיי צונויף, — און זיי ווערען איצט איין מחנה, איין קראַפט, וואָס ערקלערט אַ מלחמה דער אַלטער פּאָזיטיווער שיטה, אַ מלחמה ספּעציעל, כדי צו פערמינדערען, כדי אָבצושוואַכען און וועניגער צו מאַכען.

אַזאַ מין מלחמה ענדיגט זיך על־פּי־רוב נישט מיט דעם פאָלשטענדיגען נצחון פון איין צד און אויך נישט מיט קיין שלום צווישען ביידע צדדים, נאָר — מיט אַן׳אַבסאָלוטער דערווייטערונג אויף אייביג. מיעד און אָבגעשוואַכט פון קאַמפף, פערלאָזען ביידע דאָס שלאַכט־פעלד און בלייבען רוהיג. די אָנהענגער פון דאָס פּאָזיטיווע קעהרען זיך אום צו זייערע אַלטע מנהגים און לעבען לויט זייער אַלטער שיטה, און די אָנהענגער פון דער נעגאַטיוויטעט טיילען זיך אָב פון זיי און ווערען אַ בעזונדערע כּתּה מיט גאַנץ נייע אָרדנונגען. די דאָזיגע כּתּה פון דער נעגאַטיוויטעט איז אַ שריט צוריק און נישט פאָראויס; זי מעקט אָב פון האַרצען ווערטער, וואָס זענען דאָרט געוועזען אויפגעשריבען אַ לאַנגע צייט, און שרייבט נישט אויף אָנשטאָט זיי גאָרנישט, נאָר ציהט אויס און פערגרעסערט דעם איבערגעבליבענעם כּתב, כדי עס זאָל פערדעקען אויך דעם פּלאַץ פונ׳ם אָבגעמעקטען, דאָס הייסט: זי טיילט בעזונדער אויס אַנ׳אַנדער אַלטען פּאָזיטיווען ענין, וועלכען זי אָנערקענט יאָ, און בעמיהט זיך, צוצובינדען צו איהם די אַלע „גייסטיגע ענינים“, וואָס זענען געווען צוגעבונדען ביז אַהער צו דעם צושטערטען פּאָזיטיוו און האָבען איצט פערלוירען זייער אָנהאַלט. דאָס דאָזיגע מיטעל געניגט דער נייער שיטה אַזוי לאַנג, ווי זי מוז מלחמה האַלטען מיט איהרע שונאים, וואָרום די נעגאַטיוויטעט אַליין, וואָס מאַטערט זיך און שלאָגט זיך דורך אַ וועג, ווערט אַ מקור פון גלות און לעבען און גיט־צו מוטה אויך דעם פּאָזיטיוו, דעם „איבערגעבליבענעם כּתב“. ווען די מלחמה הערט אָבער אויף און די נעגאַטיוויטעט קעהרט זיך אום דערצו, וואָס זי איז ווירקליך — צו דער נישטיגקייט, שטעלט זיך אָב אויך איהר אינווענינ לעבען; דאָס „איבערגעבליבענע כּתב“ ציהט זיך צוריק איין און פערנעהמט נישט מעהר פּלאַץ, וויפיעל עס דאַרף פערנעהמען, און דער לעדיגער פּלאַץ אין האַרצען בלייבט עלענד און וויסט.

די קאראאימישע סעקטע קאן דינען אלס א געטריי בילד פאר אזא מין נעגאטיווער בעוועגונג. נאך פאר דעם בעריהמטען ענן זענען שוין געווען יודען, וואס האבען „געשפירט א סך איבריגקייטען“, וואס האבען זיך נישט בעפרידיגט מיט די פלפולדיגע פשטלעך פון די ישיבות אין בבל און מיט דעם אדער יענעם נייעם דין, וואס איז אויסגעפשט'לט געווארען יעדען טאג; אט די אלע יחידים זענען נאר נישט פעראייניגט געווען, אזוי לאנג, ווי זיי האבען נישט געהאט קיין פונדאמענטאלע אלגעמיינע נעגאטיוויטעט, וואס זאל פערנעהמען דעם פלאץ פון א צענטר אין דער נייער שיטה. ערשט דאן, ווען ענן איז געקומען און האט זיי אט דעם צענטר געגעבען: מבטל זיין די אמונה אין דער מציאות פון א תורה שבעל-פה און אבלייקענען דאס בעדערפעניש פון אזא תורה, — ערשט דאן האבען זיך ארומגעקליבען גאנצע מאסען ארום דער פאהן און זיי זענען געווארען א מחנה, א סעקטע מיט א נעגאטיווער שיטה. די דאזיגע סעקטע איז אין אנהויב, אין דער צייט, ווען זי איז פערפאלגט געווארען און האט פערפאלגט, געווען פול מיט לעבען און געפיהל, מיט א פייערדיגער שנאה צום תלמוד און א הייסע ליעבע צו דעם „איבערגעבליבענעם כתב“ — צו די חמשה חומשי תורה. שפעטער אבער, ווען זי איז אפגעריסען געווארען פון פאלק און איהר שנאה, ווי איהר ליעבע, האבען שוין נישט געפונען מעהר פאר זיך קיין נעהרונג אין די אנפאלען פון די געגנער — האט זי אויפגעהערט זיך צו בעוועגען און איז געבליבען, ווי אן אונבעוועגליכער שטיין, ביז היינטיגען טאג.

———

א נעגאטיווע בעוועגונג אליין אבער, אזעלכע ווי דאס קאראאימערטום, מאכט זיך גאנץ זעלטען. אממעהרסטענטייל קאנען מענשען נישט אויסרייסען פון הארצען דאס, וואס איז דארטען איינגעווארצעלט, אפילו שוין נאכדעם, ווי עס איז אויסגעטריקענט געווארען. ווארום, אויב דאס איז זיי שוין אפילו אן אין פאר זיך נישט נויטיג מעהר, דארפען זיי אבער נאך האבען יענע „גייסטיגע ענינים“, וואס זענען צוזאמענגעבונדען דערמיט, סיי פון אנהויב-אן, סיי פון שפעטער; זיי שפירען פאראויס די פוסטקייט, וואס וועט זיך אבשטעלען ביי זיי אין הארצען, ווען זיי וועלען דאס ארויסרייסען, און דאס ווארפט

אויף זיי אַן אַ שרעק. אַט די מיטעלמעסיגע צווישען די בעלי־השלילה (נעגאַטיוויטעט־מענשען) בלייבען אין אַ אונבעשטימטער לאַגע אַזוי לאַנג ביז עס מאַכט זיך זיי עפּעס אַ נ י י ע ר ח י ו ב (פּאָזיטיוו), וואָס איז לויט זיין וועזען פעהיג אויסצופילען יענע פּוסטקייט, צו ווערען אַ נייער צענטר פאַר די אַלע געפיהלען און נייגונגען, וועלכע זענען ביז אַהער געווען צונויפגעבונדען מיט דעם אַלטען חיוב, — מיט דעם, וואָס זיי ווילען איהם אונטערבריינגען. און ווען אַזאַ מין נייער חיוב קומט אויף דער וועלט און ברענגט־מיט זיינע ערשטע אָנהענגערי רדיפות מצד די פאָרשטעהער פון דעם אַלטען חיוב, וועלכע ענטדעקען אין איהם די „בעהאַלטענע שלילה“ (נעגאַטיוויטעט), דערהערען דאָס די אָנהענגער פון דער אָ פ ע נ ע ר שלילה און לעבען אָב, דען זיי האָבען דאָ געפונען אַ כּוס, זיך אָנצוהענגען אָן איהם; זיי גיהען גלייך אַרויס פון זייערע בעהעלטענישען צו העלפען די פערפאָלגטע און מיט ליעבע און התלהבות נעהמען זיי אויף זיך דעם נייעם חיוב מיט אַלץ, וואָס געהערט צו איהם, גאָרנישט קלערענדיג קיין סך, וויל פאַר זיי איז נישט ער אַליין וויכטיג, נאָר די מעגליכקייט פון דער שלילה, וואָס זיי בעקומען מיט איהם צוזאַמען. און וואָס מעהר זיי דרינגען אַריין אין די טיילען פונ'ם אַלטען און געפינען אין זיי די עדעלסטע מומים און חסרונות, אַלץ מעהר פערמאַכען זיי די אויגען און זעהען נישט דאָס שלעכטע, וואָס איז פאַראַן אינ'ם נייעם, און לויבען איהם נאָכמעהר, ווי עס האָבען איהם געלויבט די ערשטע בענייער. וואָרום פאַר יענע איז דאָס נייע געווען נאָר אַ ט י י ל, אַ ה ו ס פ ה צו דאָס אַלטע, ווערענד די האָבען נישט מעהר, ווי דאָס אַליין, און מוזען אין דעם זעהען — אַלץ. די ערשטע בענייער זענען אין אָנהויב, אמת, געגען דעם בונד, וואָס די בעלי השלילה האָבען מיט זיי געשלאָסען, נישט פון זייער טובה וועגען. די רדיפות אָבער מצד די אָנהענגער פונ'ם אַלטען (בעלי הישן), וואָס איז געמיינזאַם פאַר ביידען און צווינגט זיי צו שטעהן צוזאַמען געגען שונא, געוועהנט זיי ביסלעכווייז צו צו דער ברידערליכקייט, ביז זיי ווערען ענדליך אַ פערייניגונג מיט איין שיטה, וואָס בעשטעהט פון שלילה און חיוב צוזאַמען; נאָר וואָס דען? יענע האָבען אָנגענומען דעם חיוב צוליעב דער שלילה, און די — די שלילה צוליעב דעם חיוב.

אָט אַזאַ מלחמה ציהט זיך יאָהרען־לאַנג און עס טרעפט, אַז אויך דורות־לאַנג. ס'הוב בעוויעגט תחלת דאָס נייע דאָס אַלטע,

ווארום פון איין זייט איז זעהר שווער א צוים אַרויפצוּוואַרפען אויף דעם נעגאַטיווען גייסט נאכדעם, וואס ער האט שוין איינמאל אויסגעבראכען, און פון דער צווייטער זייט איז דער כח פונ'ם נייעם חיוב אויך גרעסער פונ'ם אַלטען. זייענדיג א קינד פון דער געגענוואַרט שטימט מעהר דער נייער חיוב מיט דעם יעצטיגען לעבענס-גייסט. ווי דער אַלטער חיוב — די ירושה פונ'ם עבר. אין דעם מאמענט אבער, ווען די בעלי-החדש מיינען שוין, אַז אט בעקומען זיי דעם פאלשטענדיגען נצחון, הערען זיי אויף קאנצענטרירען אַלע זייערע כחות אינ'ם קאַמפף געגען דעם אַלטען. נאך מעהר, פיעל פון זיי הויבען זיך שוין אן אויך צום נייעם בעציהען מיט דער איינגענער אַריינדרינגענדער בעציהונג, מיט וועלכער זיי האבען זיך ביז יעצט נאר בנוגע צום אַלטען בענוצט. און עס פערשטעהט זיך במילא, אַז אויך אינ'ם נייעם געפינען זיי אויסגעטריקענטע, פערדאַרטע פלאַנצונגען, וועלכע מען וואלט בעדאַרפט אויסרייסען. נאך מעהר, ערשט זעהען זיי איין, אַז צווישען די אַלטע אויסגעריסענע פלאַנצונגען, האבען זיך נאך פיעל געזונדע און גוטע געפונען, וועלכע די שלילה האט אויסגעריסען, נישט דערפאַר וואס זיי האבען ווירקליך נישט געטויגט, נאר צוליעב דעם, וואס זי האָט צו היציג איהר קאַמפף מיט דעם אַלטען געפיהרט. זיי זעהען איין דערמיגלסט, אַז דאס, וואס זיי האבען דאס אַלטע אויפ'ן נייעם אויסגעביטען, האט נאך די געוואונשטע גאולה-שלמה פאַר דער וועלט נישט געבראַכט, פערקעהרט נאך, אין פיעלע הינזיכטען האט דער שכר אפילו דעם הפסד נישט געדעקט. צו וויים האט מען דאס אַלטע פערטריבען און צו איינבעדייטענד איז דאס נייע, מ'זאל קאָנען נאר דערפון אַליין געבויט ווערען.

געפינענדיג זיך אין דעם מצב, ווערט רייך די נייע סעקטע מיט קליינע כתות און אגודות פון פערשיעדענע מינים: די „שטרעבענדע“, וואס געפינען זיך אין איהר, הויבען זיך אן יאגען נאך „אידעאַלען“, זיי הויבען אן נאכצוזוכען מיטלען, וועלכע זאלען פאַר זיי אַנ'אינהאַלט שאַפען. אט אַזוי לויפען זיי אַרום אַהער און אַהין ביז מאַנכע פערלויפען שוין גאָר ווייט פאָראויס און מאַנכע הויבען שוין אן גאָר צוריקוועגס שפאַנען. אויך די ערשטע, און אויך די צווייטע געפינען אבער נישט אט יענע געבענשטע רוהיגקייט, וועלכע זיי זוכען, ווארום געמאַכטע אידעאַלען קאָנען נישט אויף לאַנג דעם מענשען בעפרידיגען. ענדליך פאַלען פיעל

אין יאוש אַריין. זיי געוועהנען זיך שוין צו צום איינהאַלטסלאָזען לעבען און הערען שוין אויף אויך צו זוכען.

און אַז די בעלי־הישן דערזעהען אַט דעם חורבן, וואָס איז אינ'ם נייעם פיינדליכען לאַגער געוואָרען, נעהמען זיי זיך ווידער אָן מיט כח'ות, און די האָפנונג זייערע, פון וועלכע זיי האָבען זיך שוין לאַנג מיאש געווען, הויבט אָן נאָכאַמאָל אָן אויפצולעבען ביי זיי אין הארצען: זאָל נאָר נאָך אַ קליינע ווייַלע אַוועקגעהן, וועט די וועלט חוזר בתשובה זיין, זי וועט זיך צוריק־קעהרען צו דעם פונקט, אויף וועלכען זי איז געשטאַנען אין די אַמאָליגע גוטע יאָהרען. סרוב אָבער זענען זיי זיך טועה אין חשבון. סרוב דערפיהרט נישט די געזעלשאַפט אַט די אַלע מאַרשרוטען פון פאָרויס און צוריקוועגס ביז צום סוף, אַט די אַלע ווענדונגען אין פערשידענע ריכטונגען קאָנען נאָר דיענען אַלס בעווייז, אַז די מענשהייט נויטיגט זיך אין אַ דריטער שיטה, אין אַ מיטעלמעסיגער שיטה, וועלכע זאָל שטעהן אין מיטען פון אַלטען און נייעם, וועלכע זאָל פונ'ם נייעם אויסרייסען דאָס, וואָס מען בעדאַרף אויסרייסען, און זאָל אויך צוריק אין אַלטען איינפלאַנצען דאָס, וואָס איז על פי טעות אויסגעריסען געוואָרען. אַט די דריטע שיטה, אַרויפציהענדיג אויף דעם נייעם און אויף דעם אַלטען, אין נייעם לבוש, לויט די פאָדערונגען פונ'ם צייט'ס־גייסט, וועט מאַכען גלייכווערדיג אַט די אַלע „ענינים הרוחניים“, וואָס זענען איבערגעבליבען בירושה פונ'ם אַלטען, מיט די אַלע ענינים הרוחניים, וואָס דאָס נייע האָט געבוירען, נאָר זיי האָבען אָבער שוין אויך בעוויזען צו איינוואָרצלען זיך טיעף אין הארצען. מיט דער צייט ווערט אַזאַ שיטה פון זיך אַליין געבוירען, טאַקי בלויז אַט פון די ווענדונגען אין פערשידענע ריכטונגען, אַמאָל קומט זי פריהער, און אַמאָל שפּעטער, אָבהענגיג פון דעם, ווי עס ווערען די סבות און די לעבענס־געשעהענישען קאָמבינירט.

אַט אַזאַ פון פערשידענע עלעמענטען צוזאַמענגעשטעלטע בעוועגונג איז ביי אונז יודען אויסגעוואַקסען פריהער מיט הונדערט יאָהר, און איז נאָך עד היום נישט פערשוואונדען געוואָרען. לויט איהר ענטוויקלונג אָבער אין די לעצטע יאָהרען, קאָן מען רעכענען, אַז זי איז שוין נישט ווייט פונ'ם רעכטען וועג.

נאָך פאַר דער נייער השכלה האָבען זיך געפינען צווישען אונזערע ברידער אין מערב מיטעלמעסיגע „בעלי שלילה“, וועלכע

האָבען זיך פֿונ'ם כלל נישט אַרויסגענומען, זיי האָבען זיך נישט געוואָלט פֿערקריעגען מיט אידם, וואָרום זיי האָבען נישט געהאַט מיט-וואָס צו ממלא זיין דעם חסר. ווען עס איז אָבער אַ נייער חידם אויסגעוואַקסען אין די הערצער פֿון יחידי-סגולה: זיי האָבען דערפֿיהלט אַ בעדערפֿניש צו לעבען אַלס פֿרייע בירגער אין לאַנד און געגלויבט, אַז דאָס קאָן דערגרייכט ווערען דורך דער איראָפּעאישער ציוויליזאַציע — דאַמאָלסט האָבען זיך באַלד מתחבר געווען די אַלטע בעלי-השלילה צו די נייע בעלי-החיוב (וועלכע זענען אפשר תחלת טאַקי באמת נאָר אויסען געווען צו מזכה זיין יודען מיט גלייכבערעכטיגונג און האָבען נישט פֿאָרגעזעהען, אַז די שלילה וועט זיך ענדליך אינגאַנצען אויף זיי בעגרינדען, און וועט איהר דאַטע אָנהויבען פֿון דער צייט, אין וועלכער די תורה איז אין דייטשען איבערזעצט געוואָרען), און האָבען זיך אין איין אגודה פֿעראייניגט, וועלכע האָט אָהן רחמנות אַלע נאַציאָנאַלע פֿעסטונגען צערשטערט מיט גרויס שמחה און התלהבות-נצחון. נאָכדעם אָבער, ווען זי האָט שוין דעם נצחון געהאַט, ווענינסטענס, ווען זי האָט שוין געגלויבט, אַז זי האָט שוין דעם נצחון, האָבען זיך שוין אויך קריטיקער בעוויזען, וועלכע האָבען פֿיעל פֿעהלערען אין איהר נייעם חיוב געפֿונען, און נאָך מעהר — אין איהר שלילה; וואָרום די צערשטערונג איז געווען אָנגעווענדעט נישט נאָר געגען די אָבגעלעבטע אַבערגלויבונגען, געגען די פּאַרצייטיגע מנהגים, נאָר אויך געגען דעם עצם פֿאָלקס-עקזיסטענץ און געגען זיין איינהייט. אָט די קריטיקער האָבען אָנגעהויבען צו פֿיהלען עפּיס אַ מין „פּוסטקייט“, זענען זיי געגאַנגען זוכען מיטלען צו מאַכען די איינהאַלטס-פֿול. מאַנכע פֿון זיי האָבען געפֿונען די מיטלען אין אויסגעפּוצטע „סינאַגאָגען“ מיט מים-שאין-להם-סוף-דרשות, און אייניגע פֿון זיי — די גרעסטע, וואָס צווישען זיי — אָט אין יענעם נייעם בעשעפֿעניש, וואָס זיי האָבען בעשאַפֿען פֿאַר זיך און געקרוינט מיט אַ גרויסען נאָמען, וועלכער זאָל פּאַסען צו זיינע גרויסע אויפֿגאַבען: — יודישע וויסענשאַפֿט.

אין די ספרים, וועלכע זענען פֿערפֿאַסט געוואָרען אָט אויף דעם וויסענשאַפֿטליכען געביעט, בעמערקען מיר אַמאָל אַ מערקווירדיגע ערשיינונג: די איינלייטונג פֿונ'ם ספר ענטהאַלט אין זיך מערקווירדיג שענע זייטען, וועלכע זענען איבערפֿילט מיט היילינע געפֿיהלען צום יודישען פֿאָלק, צו דער יודישער נאַציאָנאַליטעט און ליטעראַטור,

דאַמאָלסט, ווען דער ספר אַליין — די „חכמה“, וואָס צוליעב איהר כבוד וועגען איז דער מבוא געשריבען געוואָרען — זענען מעהר נישט, ווי חקירות און דקדוקים וועגען קאָמענטאַטאָרען אין בעלי־דקדוק און אַלטע פיוטים, וואָס וואָלט גאָר אַ קליינער היזק געווען פאַר דער וועלט, ווען זיי וואָלטען גאָר אינגאַנצען נישט געווען בעשאַפען ווערען! — דאָ זעהען מיר קלאָר, ווי וויים די נשמה פון די מחברים האָט געגאַרט צו וועלכען עס איז נאַציאָנאַלען חיוב, וועלכע זאָל זיי אַליין ביי זיך אין די אויגען פערענטפערען פאַר וואָס זיי האָבען אַזוי שטאַרק ליעב זייער פאָלק און זאָל זיי געבען אַ מעגליכקייט צו אַרבייטען פאַר זיין גייסטיגען ערפאָלג! שאַדע! זיי האָבען אָבער נישט געפונען, און האָבען זיך געמיזט בענוגענען מיט מצבות און פזמונים. אויך אַנדערע האָבען געזוכט און נישט געפינען — און האָבען זיך צוריק־געקעהרט, און אַלטען לאַגער, און נאָך אַנדערע האָבען געזוכט — און זענען ביי זייער פעסטקייט איבערגעבליבען אָדער זיי זענען אינגאַנצען פון יודענטום אַרויסגעטראָטען.

דיעזע בעוועגונגען מיט איניגע קליינע ענדערונגען האָבען זיך נאָכדעם אויך אין די צפון־לענדער איבערגעחזרט. נאָר דאָס, וואָס דאָרטען האָבען די חכמים געזוכט און נישט געפינען — האָבען די לעבענס־געשעהענישען בעשאַפען עפּיס ווי פון זיך אַליין: זיי האָבען בעשאַפען אָט יענע „מיטעלמעסיגע שיטה“, וועלכע איז בכח צו מאַכען „גלייכוועררדיג“ דאָס אַלטע מיט דעם נייעם, „פעראייניגענדיג זיי ביידע דורך איין נייער פאָרם“. און מיר שטעהען און קוקען זיך איין יעצט אין דיעזער נאַטירליכער און איינפאַכיגער „פאָרם“, וועלכע איז יעדען פערשטענדליך אָהן שום איבעריגע חקירות, און מיר וואונדערען זיך, וואָס זי איז ערשט אַזוי שפּעט געקומען.

צי בעדאַרף מען נאָך די שיטה היקא ביים נאָמען אָנרופען אָדער מיט דעם פינגער צו מזרח אָנווייזען — צום לאַנד פון אונזערע עלטערען?

מארגען־אידעען און נעכטען־אידעען.

די יוריסטען ווייסען — און נאך בעסער ווייסט עס דאס יודישע פאלק — אז די געזעצען פון יעדען פאלק ווערען נישט אלע אָבגעהיט שטענדיג אין איין גלייכער מאס. אין יעדען אָרט און אין יעדער צייט געפינען זיך איניגע געזעצען, אלטע אָדער נייע, וואס, לויט דעם געשריבענעם „שלחן ערוך“, רעכענען זיי זיך, אמת, אלס פעסט עקזיסטירענדע, און פונדעסטוועגען רעכענען זיך נישט מיט זיי די ריכטער, און זיי ווערען קיינמאל נישט פערווירקליכט אין לעבען, אָדער זיי ווערען פערווירקליכט נישט אין דער פולער מאס.

ווען מיר וועלען זיך צוקוקען צום גייסט און כאראקטער פון דיזע געזעצען, וועלען מיר זיי שטענדיג געפינען שטעהן אין א געוויסען ווידערשטאנד בנוגע צום אלגעמיינעם גייסט, וועלכער הערשט אין יענער צייט אינ'ם קולטורעלען און פאליטישען לעבען פון דער געזעלשאפט. די נייע — דערמיט, וואס זיי האבען אין דער וועלט אריינגעטראטען פאר דער צייט. דער גייסט פונ'ם געזעצגעבער האט זיך ענטוויקעלט פריהער פאר דעם אלגעמיינעם גייסט פון די איבעריגע מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט; און די אלטע — דערמיט, וואס עס איז שוין לאנג זייער צייט איבערגעגאנגען. דער אלגעמיינער גייסט האט שוין לאנג הינטער זיך געלאזט דעם גייסט פונ'ם געזעצגעבער. יעדענפאלס זענען זיי אהנמעכטיג, צו האבען וועלכע עס איז ווירקונג אויפ'ן לעבען, נישט זייענדיג צוגעפאסט צו די אלגעמיינע בעגריפען, וואס הערשען אין יענער צייט אין דער געזעלשאפט. דאס איינציגע, וואס פערגלייכט זיי מיט אלע אנדערע געזעצען, איז נאר דער כבוד, וואס זיי האבען, פערנעהמענדיג א פלאץ אין שלחן ערוך גלייך מיט אלע געזעצען

און דאָך טהוען זעהר גוט די רעפאָרמאַטאָרען, וואָס טראָגען אַריין אין געזעץ-קאָדעקס אַזוינע געזעצען, פאַר וועלכע עס איז נאָך די פאַסענדע צייט ניט געקומען, וועלכע קאָנען נאָך נישט פערווירקליכט ווערען אין לעבען. און זעהר גוט טהוען אויך די קאָנסערוואַטאָרען, וועלכע אײלען זיך נישט אויסצומעקען פונ׳ם געזעץ-קאָדעקס געזעצען, וועלכע קאָנען שוין מעהר נישט פערווירקליכט ווערען אין לעבען: די אין יענע ווייסען, אַז זיי ברענגען דערמיט זעהר פיעל נוצען, יעדער לויט זיין שיטה. די און יענע פערשטעהען, אַז מיט זיג-זאַגען געהט די מענשליכע ענטוויקלונג, אַמאָל פאָראויס און אַמאָל צוריק, און עס קאָן טרעפען, אַז מאַכענדיג אַט יענע זיג-זאַגען, זאָל זי פריהער אָדער שפּעטער צוקומען צו דער מדרגה, אויף וועלכער יענע געזעצען שטעהען, און דאַן געפינענדיג פאַר זיך גרייטע אין פאַרטיגע געזעצען, קאָן זי זיך גיך מתלבש זיין אין זיי, ווי די נשמה איז זיך אינ׳ם גוף מתלבש: אַ „סם חיים“ ווערט זי פאַר זיי. זי בעלעבט זיי און מאַכט זיי פאַר ווירקענדע כחות אין לעבען. און זיי גיבען איהר אַט יענע נויטיגע רעאַלע און בעשטימטע פאָרם, אין וועלכער זי זאָל זיך קאָנען האַלטען. דאָס אַלעס וואָלט אָבער נישט געווען, ווען עס זאָל זיך נישט געפינען דאַמאָלסט דער נויטיגער מאַטעריעלער קערפּער פאַר דעם ענטוויקלונגס-גייסט, ווען ער וואָלט בעדאַרפען איבער דעם אונענדליכען „אין סוף“ אַרומשווימען, ביז ער זאָל אַליין פאַר זיך אַ גוף שאַפען — דאַן, קאָן טרעפען, אַז אײדער א.ה.ם וועט זיך איינגעבען זיין פּאָזיציע צו בעפעסטיגען, זאָל דער גלגל-החוזר פון דער מענשליכער ענטוויקלונג אַן אַנדער ווענדונג נעהמען און עס בלייבט שוין פאַר איהם קיין פּלאַץ נישט אין לעבען.

אַט די ערשיינונג בעמערקען מיר נישט נאָר אין אויסערליכע געזעצען און דינים נאָר אויך אין אינערליכע אידעען און געדאַנקען. אין יעדען דור געפינען זיך איניגע אָבגעזונדערטע אידעען און אנשויאונגען, וועלכע שטעהען נישט אין קיין שום בעציהונג און פערבינדונג מיט דעם לעבענס-סיסטעם, וואָס הערשט אין יענער צייט. זיי זיצען זיך אָבגעזונדערט ערגיץ אין אַ פערוואָרפען ווינקעלע ביי אונז אין האַרצען, נישט האָבענדיג קיין שום ווירקונג אויף די פאָרמען

פונים פראקטישען לעבען. דאס זענען ס׳רוב „פערזעסענע“ אידעען, וועלכע זענען ארויסגערופען געווארען בשעתם דורך די בעגריפען און לעבענס-בעדערפענישען פון יענער צייט. ביםלעכוויז אבער בייט זיך די אלגעמיינע סעטואציע, עס ווערען צערשטערט די יסודות, אויף וועלכע זיי זענען געוועזען געבויט, דעריבער האלטען זיי זיך עס מיט נסים: זעהען — זעהען זיי אויס, גלייך, ווי זיי וואלטען ווירקליך לעבען, אין אמת׳ען אבער איז זייער לעבען קיין לעבען נישט, דאס איז נישט קיין אמת׳ער לעבען, א לעבען פון בעוועגען זיך און ווירקען. דאס איז אן „עובר-בטל“-לעבען, א לעבען פון אבגעשוואכטע „זקנים“, וועלכע האבען שוין נישט קיין טראפען לעבענס-זאפט אין זיך. אט אויף אזוינע עובר-בטל׳דיגע זקנים ווייזען אן די געלעהרטע (Tylor און פיעל אנדערע) אין אלע לעבענס-צווייגען, און עס טרעפט, אז אט די זקנים זענען זעהר מאריך ימים.

דאס זענען עס די „פערזעסענע“. עס זענען אבער אויך „צו-פריה-געקומענע“ פאראן, „יונגע-לייטלעך“, וואס זענען נאך אין אנשטענדיגען עלטער נישט אריינגעטראטען. אט די אידעען ווערען געבוירען אין די הערצער פון די איינצעלנע „אנשי-הרוח“, וועלכע שטעהען העכער פונים גאנצען איבעריגען פאלק. דורך פערשיעדענע סיבות און צופאלען ווערען אבער אט די אידעען מפורסם. זיי ווערען פאר דער צייט בעליעבט אויף מענשען, נאך איידער דער דור ווערט ראוי צו פערשטעהען זיי און געהעריג איינצולעבען זיך מיט זיי. זייענדיג אבער טאקי מעהר נישט, ווי נאר א פערלעהרענטע זאך, א מאדע-זאך, און זייענדיג נישט צוגעפאסט צו די אלגעמיינע פאדערונגען פון יענער צייט, בלייבען זיי איבער דעריבער מ„ח״ץ למחנה“, אויסער די ווירקענדע כחות פון לעבען, און זעהען אויס, ווי קליינע קינדער, מיט וועלכע די עלטערע בעגעהען זיך זעהר ליעבליך, האבען גרויס פערגעניגען, הערענדיג זייערע פלאפלען, און שפיעלען זיך מיט זיי אמאל, זיי ווענדען זיך אבער קיינמאל נישט צו זיי, פרעגען ביי זיי א וועלכע עס איז עצה.

און אויך אין דעם פאל, בנוגע צו די צופריהיגע און צו די פערזעסענע אידעען, איז כל-זמן די נשמה האלט זיך נאך אין זיי, האבען זיי נאך ביידע די האפנונג נישט פערלוירען. די צופריהיגע — אז די מענשליכע ענטוויקלונג וועט, געהענדיג פאראויס, אויך צו זיי ענדליך צוקומען; און די פערזעסענע — אז מאכענדיג איהרע זיג-

זאַגען וועט זי אויך צו זיי זיך צוריק־קעהרען. אין דעריבער טהוען אויך דאָ זעהר גוט די געלעהרטע פון פאָלק, וועלכע בעמיהען זיך צו מפרסם זיין זייערע נייע אידעען אָדער שטאַרקען די אַלטע, וועלכע זענען אויף זיי בעליעבט, נישט רעכענענדיג זיך כלל דערמיט, צי דער דור איז מסוגל אָנצונעהמען זיי אָדער נישט, צי ער נעהמט זיי אָן „לשמה“ אָדער צוליעב אַנדערע זאַכען, צי ער קאָן זיי אין פּראַקטישען לעבען אַריינפיהרען, צי נישט. די געלעהרטע ווייסען, אַז אַלעס, וואָס לעבט און געפינט זיך אינם מענשליכען לעבענדיגען האַרץ, זאָל זיין אַפילו אין אַ פערדאָרבענער און משונה'דיגער פאָרם, זאָל עס לעבען אפילו אַן אינהאַלטסלאָזען לעבען ערגיץ אין אַ ענג פינסטער האַרץ־ווינקעלע — קאָן עס האָפען, אַז מיט דער צייט זאָל זיך עס מתלבש זיין אין זיין ווירקליכער פאָרם, קאָן עס האָפען, אַז מיט דער צייט זאָל פון איהם דער מענשליכער גייסט זיין הויפּט־השפעה שעפּען און זאָל ווערען די נשמה פון אַלע זיינע געדאַנקען און מעשים, ווען די פּאַסענדע צייט וועט דערויף קומען.

אַן אילוסטראַציע צו דעם אַלעס, וואָס מיר האָבען גערעדט וועגען די צופריהגעקומענע געדאַנקען, איז די מאָנאָטעאיסטישע אידעע אין די אַלע תקופות פון די „שופטים“ און „מלכים“ ביי יודען ביז גלות־בבל.

מיט פעסטע איבערציינגענדע ראיות האָבען דוד הים (H ו) מיט זיינע תלמידים דערוויזען, אַז נישט די ענטציקונג פון דער נאַטור־שענהייט און אירע וואונדערבאַרע ערשיינונגען איז געווען דער ערשטער פאַקטאָר, אַז דער מענש זאָל זיין בורא דערקענען, נאָר דער פחד און מורא פאַר די שלעכטע צופאַלען, מיט וועלכע ער האָט זיך אויף יעדען טריט און שריט בעגעגענט. דער אוראַלטער מענש, וואָס פלעגט נאַקעט און באָרוויס, אָהן שום שוץ פון רעגען און קעלט, איבער דער ערד אַרומלויפען עסען צו זוכען, דער „אדם הקדמון“, וואָס איז פיעל אויסגעשטאַנען פון דער אכזריות'דיגער נאַטור און פערשיעדענע חיות רעות — אָט דער אדם הקדמון איז נישט מסוגל געווען צו קלערען פיעל וועגען הימעל און ערד, צו בעוואונדערען די שענהייט פונים „פּאַלאַץ“, און אַריינצולאָזען זיך אין טיעפע חקירות: „צי קאָן עס זיין, אַז דער פּאַלאַץ זאָל איבער זיך קיין

מנהיג נישט האבען". אלע זיינע חושים, געפיהלען און געדאנקען זענען נאר אט אויף דעם איינציגען געוועזען אנגעווענדעט: צו לעבען און עקזיסטירען, און אט דער זעלבסטהערשענדער לעבענס-אינסטינקט זיינער האט איהם אלעס אין דער דער נאטור אויף צוויי קאטעגאריען געטיילט: אויף גוטס און שלעכטס. גוטס איז דאס אלעס, וואס קאן נוצען ברענגען פאר זיין עקזיסטענץ, און שלעכטס איז דאס אלעס, וואס קאן איהם שאדען ברענגען. נאר דאס האט ער געזוכט און געפונען אין דער נאטור. פונ'ם גוטס האט ער זיך געסטארעט ארויסצובעקומען אלע מעגליכע נוצען פאר זיך, נישט קלערענדיג פיעל פריהער, אום צו דערגעהן, פון וואנען האט זיך דאס גוטס גענומען; וועגען שלעכטס אבער האט ער שוין געמוזט קלערען: איז זיך דאך דאס שלעכטס מעהר שכיח אין לעבען, פיהלט מען דאך עס אויך מעהר שטארקער, ווי רעטעט מען זיך דערפון? — און אט די פראגע, וועלכע האט איהם דאס לעבען פערביטערט, האט אין איהם צום ערשטען, כמעט אהן זיין אייגענעם וויסען, דעם גרויסען געדאנק געבוירען, אז עס מוז א בעל הבית זיין איבער אלע נאטור-ערשיינונגען, א בעל הבית, וועלכען מען קאן מיט ווערטער מפיס זיין און מיט א מתנה איבערבעטען, אום ער זאל דאס שלעכטס נישט צולאזען, און אם — אזוי האט זיך שוין דער געדאנק ווייטער פון זיך אליין ענטוויקעלט — ער זאל אויך אויף איהם דאס גוטס משפיע זיין. און אט אזוי ארום זענען פאר איהם געטער געווארען אלע נאטור-ערשיינונגען און געגענשטאנדען, וועלכע שטעהען אין א גרעסערער אדער קלע-נערער בעריהרונג מיט דעם לעבען און גליק פונ'ם מענשען. וויפיעל גוטע און בייזע ערשיינונגען עס זענען אין דער נאטור פאראן, אזוי פיעל געטער זענען געווארען.

נישט אבער נאר פון דער נאטור אליין, נישט נאר בלויז פון איהרע בלינדע קרעפטען האט דער אדם הקדמוני צרות און יסורים געליטען. ער האט אויך פון זיין גלייכען געליטען. דער מענש האט דעם מענשען צרות פערשאפט. מדינות און לענדער זענען נאך דא-מאלסט נישט געגרינדעט געווארען. ארדנונג און רעכט איז נאך דאמאלסט אויף דער וועלט נישט געוועזען. מענשען האבען געלעבט פאמיליען-וויז, ווי אבגעזונדערטע סטאדען, און שטענדיגע מלחמות, פערניכטונגס-מלחמות, האבען געהערשט צווישען די פאמיליען. אט די צרות, וואס די מענשען האבען איינע די צווייטע גורם געוועזען,

האבען נישט וועניגער אימה אויף דעם אדם הקדמון ארויפגעבראכט, ווי די צרות, וועלכע עס איז זיי אויסגעקומען ליידען פון דער נאטור. און אויך דא האט דער מענש געזוכט און געפינען די הילף זיינע אין גאט, נישט אבער אין איינעם פון די געטער פון דער נאטור, אין וועלכע אלע האבען א חלק, אפילו די שונאים זיינע אויך. ניין, יעדע משפחה האט זיך אבגעזוכט איהר אייגענעם גאט. אין איהם האט זי עס געפינען די נויטיגע הילף פאר איהר. ווארום אין דעם טאקי בעשטעהט די גאנצע ארבייט זיינע: צו שיצען זי פון איהרע שונאים. קיין אנדער זאך, א חוץ דער פאמיליע, וועלכע האט איהם פאר איהר גאט אויסגעקליבען עקזיסטירט גאר פאר איהם נישט. און דעריבער איז דאמאלסט, ווען פון אט יענע קליינע משפחות ווערען שוין פעלקער גאנצע, וועלכע לעבען שוין א פאלשטענדיג ארגאניזירט לעבען, און די מלחמה פונים מענשען מיט דעם מענשען נעהמט שוין אן אנאנדער פארם, א מעהר פערוויקעלטע, א מעהר אלגעמיינע; דאמאלסט, ווען דער איינצעלנער מענש קאן שוין זיצען רוהיג מיט זיין פאמיליע צווישען זיין אייגען פאלק, און אויף דעם ארט פון די פאמיליען, הויבען שוין די פעלקער אן צו פיהרען אונברחמנות'דיגע מלחמות צווישען זיך, — דאמאלסט ווערען, אמת, בטל די פאמיליען-געטער אדער זיי בלייבען אלס שטוב-רוחות, אויף זייער ארט קומען אבער דאמאלסט די פאלקס-געטער. יעדעס פאלק האט זיך זיין בעזונדער גאט, וועלכער היט איהם בעת שלום און געהט אלס אוואנגארד בעת מלחמה צו נקם זיין זיך אין זיינע שונאים.

דער מקור פון דעם דואליסטישען פאלעטעאיזם, דער נאטור-פאלעטעאיזם און דער פאלקס-פאלעטעאיזם, איז אלזא נישט אין קיין צופעליגען טעות אין שקול-הדעת, אין שכל-זאכען, נאר אין די לעבענס-בעדינגונגען פון דער מענשהייט אין איהר פרימיטיווען צושטאנד, אין די טיעפסטע פסיכישע בעדערפנישען פון יענעם צושטאנד. און היות אט די לעבענס-בעדינגונגען אין בעדערפנישען זענען כמעט איינע און די זעלבע געווען אין אלע לענדער, דעריבער האט מען זיך נישט וואס צו וואונדערען, וואס מיר געפינען ביי אלע אורשלטע פעלקער (חאטש, אמת, אונטער בעזונדערע נעמען און אין פערשידענע אויסערליכע פארמען) דעם פאלעטעאיזם: זיי האבען געגלויבט אין נאטור-געטער, וואס העלפען דעם מענשען אין זיין קאמפף מיט אנדערע פעלקער, און האבען אויך געגלויבט אין פאלקס-געטער,

וואס יעדער פון זיי העלפט זיין פאלק אין זיין קאמפף מיט אנדערע פעלקער. ביי איין פאלק איז מעהר בולט דאס גלויבען אינ'ם אלהי-הטבע, אינ'ם גאט פון דער נאטור, און ביים צווייטען — דאס גלויבען אין זיין „אלהי-העם". דאס אלעס איז אבהענגיג פונ'ם כאראקטער פונ'ם פאלק און זיין געשיכטע, פון זיינע בעציהונגען צו דער נאטור און זיין לאגע צווישען די פעלקער.

און דעריבער האט דער אבסטראקטער בעגריף וועגען „אחדות השם", וועלכער איז נולד און נתפרסם געווארען אין יענע אור-אלטע צייטען, מעהר, ווי א „רעיון מוקדם", א צופריה-געקומענער געדאנק — נאך נישט געקענט זיין דאמאלסט. נאר פאר יחידי סגולה איז ער געווען א לעבעדיגער אמת, וואס פליעסט פון הארצען און ווילען ארויס, דער המון-העם אבער, חאטש זיי האבען איהם פיעל מאל געהערט פון די נביאים'ס מויל, און עס האט זיך זיי אויך אויסגעוויזען, אז זיי גלויבען אין איהם, דאך זענען זיי געבליבען ווייט פון איהם, זיי האבען זיך נאר אויסערליך איינגעלעבט מיט איהם. זייער גלויבען אין איהם איז עפעס ווי אבגעזונדערט געשטאנען, נישט זייענדיג צונויפגעבונדען מיט דעם לעבען, און האט נישט געבראכט לידי מעשה. אומזיסט האבען די נביאים כחות אוועקגעלעגט אריינצובלאזען א רוח-חיים אין אט דעם גלויבען. אט דער ריינער בעגריף וועגען גאט איז אויף אזוי פיעל ווייט געשטאנען פונ'ם גאנצען ארט דענקען און פיהלען אין יענער צייט, אז ער האט בשום אופן נישט געקאנט לאזען קיין טיעפע ווארצלען אין די הערצער, געפינען וועלכען עס איז אינערליכען פאדעם, וואס זאל איהם מיט דעם לעבען צוזאמענבינדען.

דער ספר שופטים בעקלאגט זיך כסדר אויף דער לייכטזיניגקייט פון די יודען אין יענע דורות, וועלכע פלעגען זיך ווענדען צו גאט נאר, ווען עס פלעגט זיי שלעכט זיין, און באלד, ווי ער האט זיי נאר פון זייערע פיינד אויסגעהאלפען, האבען זיי ווידער אמאל פרעמדע געטער אנגעהויבען צו דיענען „און האבען נישט געדיינקט זייער גאט, וועלכער איז זיי מציל פון די הענד פון אלע זייערע פיינד, וואס ארום זיי". — אין אמת'ן אבער זענען כלל נישט געווען אונזערע עלטערן אויף אזא אופן לייכטזיניג, זיי זאלען ווי א בגד אלע מאל בייטען די אמונה זייערע, זיי זאלען אזוי גיך און גרינג איבערגעהן פון איין דת צום צווייטען, וועלכער איז

פונקט זיין געגענזאַץ. זיי האָבען שטענדיג געלעבט טאַקי אין איין אמונה, אין יענער אוראַלטער אמונה פונ'ם דאָפּעלטען פּאָלעטעאיזם. און דעריבער, אין דער צייט פון אַ פאָלקס-צרה, אין דער צייט, ווען זיי האָבען געליטען פון מלחמות און רדיפות פון אַנדערע פעלקער, „האָבען די יודען געשריען צו זייער גאָט". נישט זיי האָבען „חוזר בתשובה" געווען דאַמאָלסט אינ'ם בעגריף פון די נביאים, זיי זאָלען ווערען דורכגעדרונגען מיט דער אידעע פון אַבסאָליוטען אחדות השם. ניין. זיי האָבען זיך נאָר געווענדעט צום גאָט פון זייערע עלטערן, צו זייער ספּעציעלען פאָלקס-גאָט, ער זאָל געהן מלחמה האַלטען מיט זייערע פיינד. און ווען די אויסערליכע מלחמה איז שוין אַריבער, און די פאָלקס-דאגות האָבען אָבגעטראָטען זייער אָרט פאַר די פּריוואַט-דאגות פונ'ם איינצעלנעם מענשען, האָבען זיי זיך צוריקגעקעהרט צו זייערע אַלטעגליכע נאַטור-געטער.

ערשט נאָך דעם חורבן, ווען עס האָט זיך געענדערט דער אַלגעמיינער גייסטיגער צושטאַנד פון די יודען אין גלות אין אַ גינ-סטיגען אופן פאַר דער אמונה און אחדות השם, — ערשט דאַמאָלסט, איז גרינג געווען פאַר די נביאי-הדור אויסצורייסען אין אַ קורצער צייט דעם פּרימיטיווען בעגריף וועגען גאָט. ערשט דאַמאָלסט האָט זיך זיי איינגעגעבען אַניעדערצושטעלען די אידעע פון אחדות השם אויף דער העכסטער מדרגה, מאַכען איהר פאַר דעם איינציגען מושל אין לעבען פון פאָלק. און נישט דערפאַר, וואָס פּלוצלונג האָט דאָס פאָלק אויפגעהויבען דאַמאָלסט די אויגען אין דער הויך און דערזעהען דעם, „וועלכער האָט דאָס אַלעס בעשאַפען", נאָר דערפאַר, וואָס זיין גרויסער פאָלקס-אומגליק האָט אין איהם אויף אַזוי פיעל געשטאַרקט זיין נאַציאָנאַלען געפיהל, אַז די פּריוואַט-דאגות זיינע האָבען אָבגעטראָטען זייער פּלאַץ פאַר דער פאָלקס-דאגה; און איבערגעבענדיג זיך מיט זיין גאַנץ האַרץ און מה אָט דער איינציגער פאָלקס-זאָרג, האָט ער שוין געמוזט אָנהאַלטען זיך מיט אַלע קרעפטען זיינע אין דער איינציגער האָפנונג, וואָס איז איהם נאָך איבערגע-בליבען: אין זיין גלויבען אין זיין נאַציאָנאַלען גאָט און אין זיין גרויסער קראַפט צו העלפען זיין פאָלק, נישט נאָר אויף זיין לאַנד, נאָר אויך אין דער פרעמד. די דאָזיגע האָפנונג האָט אָבער געקאָנט נאָר דאַן אין האַרצען אַריינדרינגען, ווען דער נצחון פונ'ם מלך

בבל זאל אינאיינעם מיט דעם נישט זיין אויך דער נצחון פון אלהי בבל, נאר דער נצחון פינ'ם יודישען גאט, וועלכער איז אויך דער גאט פון דער גאנצער וועלט. ער האט עס דעם מלך בבל אלע לענדער געגעבען, און ער וועט זיי אויך ביי איהם צונעהמען, ווארום איהם געהערט די גאנצע וועלט. „ער האט זי בעשאפען און איבערגעגעבען וועמען ער האט געוואלט“. — אט אזוי האט שוין יעצט פערשטאנען און געפיהלט דאס פאלק דאס, אין וועלכען ער האט ביז יעצט נאר א איבערפלעכליכע ידיעה געהאט, אין וועלכען ער האט נאר „מן השפה ולחוץ“ געגלויבט. דאס קערענדעל, וואס די נביאים האבען פריהער אויף א שטיינערנעם באדען פערזעהט, האט יעצט, ווען די צייט איז דערויף געקומען, פרוכטען פון זיך ארויסגעגעבען, און דאס קול פון דעם נביא אין גלות-בבל, וואס האט גערעדט אין גאטס-נאמען: „צו וועמען קאנט איהר מיך פערגלייכען... איך בין גאט און עס איז נישט מעהר פאראן קיין גאט“, — שטימענדיג מיט די וואונשען פינ'ם פאלק און מיט זיינע נאציאנאלע האפנונגען, האט טיעף, טיעף צו איהם אין הארצען אריינגעדרונגען און האט מיט די ווארצלען אויסגעריסען אלע זיינע אלטע נייגונגען און לעבענס-פארמען.

אלס אילוסטראציע צו דעם, וואס מיר האבען גערעדט וועגען די צו שפעט פערבליבענע אידעען, געפינען מיר אין פיעל דורות צייט שפעטער טאקי אין דער איינענער נאציאנאלער האפנונג — אינ'ם רעיון פון „שיבת ציון“, פון צוריקקעהרען זיך קיין ציון.

פון שלא לשמה קומט מען לשמה — דאס איז א געוועהנליכע און אפטע ערשיינונג אין לעבען. עס טרעפט, או מענשען נעהמען זיך פאר וועלכער עס איז זאך, נישט צוליעב איהר אליין, נאר צוליעב דער בעריהרונג, אין וועלכער זי שטעהט מיט וועלכען עס איז אנדערען ענין, צו וועלכען מיר שטעהען נאהענט. דורך דעם אבער, וואס מיר בעשעפטיגען זיך מיט איהר, האטש נישט אן און פאר זיך, ווערט זי אונז ליעב, און בימלעכווייז ווערען מיר מיט איהר אזוי שטארק צונויפגעבונדען, אז מיר זענען שוין גרייט צו ברייגנען אלס קרבן אויף איהר מזבח אט יענע אידעע אפילו, וואס נאר א דאנק איהר האבען מיר זיך מיט דער צווייטער פערבונדען.

אט אזוי הויבט אן דער קארגער, למשל, ליעב האבען געלד נאר דערפאר, וואס מ'קאן דורך דעם פון לעבען געניסען, און ענדליך פערגעסט ער זיין ערשטען ציעל, צו געניסען פון לעבען, און ער קאן זיך גאר זאט נישט אנעסען מיט דעם געלד.

אויך די גרויסע רעליגיאנס-אידעע, וואס האט אויפגעלעבט ביי אונזער פאלק נאך דעם ערשטען חורבן, פריהער נאר אלס פונדאמענט פאר דער נאציאנאלער האפנונג, האט זיך אויף אזוי פיעל ענטוויקעלט און געשטארקט שפעטער, אין דער צייט פונ'ם בית שני, ביז זי האט אנגעפילט דאס גאנצע הארץ פון פאלק. זי איז העכער פון אלע אנדערע אידעען און געדאנקען אויסגעוואקסען, העכער אויך פון דער נאציאנאלער אידעע, פון וועמענס קוואל זי האט פריהער לעבען און קרעפטען געשעפט. אלע אנדערע אינטערעסען זענען אבגעשטויסען געווארען דורך דער רעליגיעזער אידעע, און דאס פאלק האט, כמעט, מעהר גאר נישט געבעטען און געוואלט, ווי נאר דיענען גאט רוהיג און צופריעדען. ווען אט די בקשה זיינע איז ערפילט געווארען, איז ער שוין א שמח בחלקו געוועזען, און האט אויף זיך, שווייגענדיג, דעם עול פון פרעמדע געטראגען מיט א מערקווירדיגע סבלנות; ווען אבער מ'האט איהם נישט געלאזט גאט דיענען, פלעגט ער אין א שטארקען לייב פערוואנדעלט ווערען, און האט נישט געלעבט און נישט גערוהט, ביז ער איז ווידער פריי געווארען צו טהון, אהן שטערונגען, דעם ווילען פון זיין פאטער אין הימעל, וועלכען ער האט שוין יעצט ליעב געהאט, נישט ווי פריהער, מיט דעם תנאי צו בעקומען פאלקס-לוין, נאר „בכל נפשו“, אפילו, ווען ער נעהמט ביי איהם די פאלקס-נשמה צו.

און דעריבער נאך דעם צווייטען חורבן האט דאס פאלק בעזונדערס געפיהלט נישט דעם חורבן פונ'ם לאנד, נישט דעם חורבן פונ'ם נאציאנאלען לעבען, נאר דעם חורבן פונ'ם מקדש, דאס, וואס ער האט פערלארען דעם רעליגיעזען צענטר, דאס, וואס ער האט נישט געקאנט דיענען גאט אין זיין „הייליגען היכל“. מקריב זיין פאר איהם „תמידים כסדרם ומוספים כהלכתם“. און דעריבער האט עס זיך גענומען ממלא זיין דעם גייסטיגען חסרון: תפלות אויפ'ן ארט פון קרבנות, שולען אויפ'ן ארט פונם בית המקדש, אנשטאט ירושלים של מטה, וואס איז חרוב געווארען, האט עס זיך אויפ'ן הימעל א ירושלים של מעלה בעשאפען, דער עיקר אבער האט עס

זיך די תורה גענומען היטען. אט מיט די אלע מיטלען האט זיך דאס פאלק אין זיין לאנגען און פינסטערען וועג געלאזט, געהן פון איין פאלק צום צווייטען, און אינ'ם גאנצען משך פון זיין לאנגען גלות האט ער פיעל תורה געלערנט און אויך פיעל מתפלל געווען, און אויך ווען ער האט תורה געלערנט און אויך ווען ער האט מתפלל געווען, האט ער זיין נאציאנאלע האפנונג, צוריק קיין ציון זיך אומקעהרען, נישט פערגעסען. די דאזיגע האפנונג איז אבער נישט געווען, ווי די אייגענע האפנונג אין בבל, וועלכע האט איהם צו פאקטישע מעשים געבראכט, וועלכע האט איהם אזוינע העלדען, ווי זרובבל, עזרא און נחמיה, געבוירען. דאס איז געווען א האפנונג, וואס איז מעהר נישט, ווי א טרייסט פאר דעם הארצען, וואס שוואכט אב דעם כח פון איהרע בעזיצער, און שלעפערט זיי איין אויף איהרע קניהען, צו חלומ'ען זיסע און שטילע חלומ'ות. ווארום יעצט, ווען דער רעליגיעזער אידעאל האט דעם נאציאנאלען גובר געווען, האט שוין נישט געקאנט דאס פאלק מסתפק במועט זיין זיך, זעהען אין שיבת ציון נאר א נאציאנאלע ישועה, נאר א ישועה פאר זיך אליין. מ'האט שוין בעדארפט, אז „ארץ ישראל זאל זיך פערשפרייטען איבער אלע לענדער", כדי „די גאנצע וועלט מתקן צו זיין במלכות שדי", כדי אלעס, וואס האט נאר א נשמה אין זיך זאל זאגען: „קעניג איבער אלע איז דער יודישער גאט". און ווייל דאס פאלק האט אויף ציפיעל געהאפט, דעריבער האט עס ביסלעכווייז אויפגעהערט צו טהון אויך דאס, וואס עס האט בכח געהאט צו טהון, און דער רעיון פון שיבת ציון, איינגעהילט אין א געדיכטען נעבעל פון פאנטאזיעס און אילוזיעס, האט זיך פונ'ם פראקטישען לעבען דערווייטערט, ער האט שוין צו קיין פאקטישע ארבייט נישט געקאנט בריינגען, אבער דאמאלסט האט ער נישט אויפגעהערט צו לעבען און צו ווירקען מאראליש אין הארצען, און דורך דעם — אויך אמאל אויף דעם פראקטישען לעבען, חאטש אמת בעהאלטענערהייד אדער דורך קרומע וועגען. אין די ערשטע צייטען פלעגען אונזערע עלטערן פרעגען באמת ובתמים: „אפשר היינט אדער מארגען וועט קומען משיח", און האבען זייער לעבענס-וועג בערעכענט לויט דער פראגע. און אויך נאכדעם, ווען עס איז ביסלעכווייז אבגעשוואכט געווארען דאס גלויבען אין גיכער הילף, און אויף דעם אלטעגליכען לעבען האט שוין די אמונה אין משיח איהר שטעמפעל

מעהר נישט ארויסגעלעגט, — אויך דאמאלסט האט זי זיך נאך געקאָנט צייטענווייז צופלאַקערען דורך וועלכען עס איז פאנטאזיאר, צו פערקערפערען זיך אויך אין אַ רעאלער פאָרם, אין די בעוואוסטע משיח-בעוועגונגען, אין וועלכע דאָס פאָלק האט אויפגעוואכט צו בענוצען זיך מיט פּראקטישע מיטלען, צו דערגרייכען זיינע האָפנונגען, און, ווי די האָפנונג זיינע, אזוי זענען אויך די מיטלען יענע געוועזען גייסטיגע און רעליגיעזע. נאָר זינט דער לעצטער משיח שבתי צבי איז פּונ'ם רעכטען וועג אראָב, און די ענטוויקלונג פון דער השכלה האט שוין אויך מעהר נישט געלאָזט יעדען פאנטאזיאר צעהנדליגע טויזענדער מענשען צו זיינע ווילדע פלענער צוציהען — פון דאַמאלסט אן, איז איבערגעריסען געוואָרען די פערבינדונג צווישען דער האָפנונג און צווישען לעבען, זי האט אויפגעהערט צו האָבען וועלכע עס איז ווירקונג, זאָל זיין אַ מאָראלישע אפילו, אויפ'ן פאָלק. זי האט שוין אויפגעהערט צו זיין אפילו אַ טרייסט ביום צרה, זי איז געוואָרען אַ שוואכע זקנה, אַ אָפּגעלעבטע, אלטע אידענע.

און קיינער האט שוין כמעט נישט געגלויבט, אז אט די זקנה קען נאָך נאָכאמאָל יונג ווערען, אז עס קען נאָך נאָכאמאָל פון איהר ארויספּליעסען אַ נייע בעוועגונג, אין נאָך אַ ראציאָנעלע און נאַטירליכע דערצו. און דאָך איז דאָס געשעהען. דער גלגל החיים האט דעם פאָלקס-גייסט אונזערען ארום פערשידענע פונקטען ארומגעדרעהט, ביז ער האט זיך נאָך אַמאָל אָנגעהויבען צו דער-נעהענטערען אָט צו יענער געזונטער און נאַטירליכער לאַגע, אין וועלכער ער האט זיך דאמאלסט געפונען, פריהער מיט טויזענדער יאָהרען; און אָט דער אויפלעבענדער אלטער גייסט האט אויך די אלטע אידעע, די אידעע פונ'ם „נעכטען", לעבעדיג געמאכט, און האט זי אין איהר אמת'ער פאָרם איינגעפאסט.

און דעריבער טאָרען מיר נישט, זעהענדיג יעצט חבת ציון אין איהר בענייטער פאָרם, פיל מיט לעבען און יוגענד-האָפנונג, בעציהען זיך מיט קלות-ראש צו אָט יענער אלטער פאָרם פון די פערגאנגענע דורות; מיר טאָרען נישט פערגעסען, אז ווען נישט יענע עלענדע און פערגעסענע אלטע אידעע, וואס אונזערע עלטערן האָבען ערגיץ אין אַ ענג אין פינסטער ווינקעלע ביי אונז אין הארצען בעהאלטען, זי זאָל לעבען דאָרטען אנאינהאלטלאָזען לעבען ביז

יעצט, וואלט דער פאלקס־גייסט אונזערער אויך אין זיין נייעם מצב נישט געפונען פאר זיך באלד מיט זיין אנקומען „א פארטיגען קערפער צו פערקערפערען זיך אין איהם“, און ווער ווייסט, צי ער וואלט נישט פארביי געגאנגען, נישט איבערלאזענדיג אפילו קיין שום ממשות׳דיגען רושם לדורות.

פערגאנגענהייט און צוקונפט.

א גרויסער פילאזאף, נישט וויסענדיג אליין דערפון, איז „אדם הראשון" געווען, אין דעם מאמענט, ווען ער האט צום ערשטען מאל דאס ווארט „איך" ארויסגערעדט. ווארום, וויפיעל כחות האבען די שפעטערדיגע פילאזאפען אוועקגעלעגט, וויפיעל „הרים התלויים בשערה" האבען זיי מיט זייער „הבל פה" בעשאפען, און אליין נאר כדי צו ערקלערען אט דאס קליינע ווארט, און דאך האט מען עס נאך עד היום נישט דערקלערט גענוי, דאך האט מען נאך עד היום נישט אריינגעדרונגען אין זיין טיעפען, אינערליכען אינהאלט. ווער איז דאס אזוינס דער „איך"? אט די פראגע ווערט אין יעדען דור געשטעלט, און אין יעדער דור געפינט זי אויך פאר זיך אנ'אנדער תשובה, אבהענגיג פונ'ם צושטאנד, אין וועלכען עס געפינט זיך די וויסענשאפט און די פילאזאפיע צו יענער צייט. אט אזוי, למשל, האבען געגלויבט די פילאזאפען פונ'ם פערגאנגענעם דור, אז דאס עקזיסטענץ פונ'ם „איך" אלס גאנצער און גרינדליכער עצם, אלס סובסטאנץ, איז אזא אבסאליוטער אמת, וועלכען אלע זעהען און פיהלען, וועלכען מ'בעדארף כלל נישט דערווייזען, דאמאלסט, ווען די פילאזאפען פון אונזער צייט רעדען שוין גאר וועגען א „טיילבארען איך", וועגען א „דואליסטישען איך" און כדומה.

לאמיר אבער זיך נישט אראבלאזען אינאיינעם מיט די פילאזאפען אין טיעפען תהום פון דער מעטאפיזיק. לאמיר פרובען רעדען מיט דעם איינפאכען מענשליכען סגנון. מיר קאנען פארמולירען דעם

בעגריף וועגען אונזער „איך“ מיט דער פאלגענדער פארמול: דער „איך“ פון יעדען מענשען איז א פראדוקט פון דער פערבינדונג, וואס עקזיסטירט צווישען דעם מענשענס זכרון און צווישען זיין ווילען, א פראדוקט פון דער פעראייניגונג, מיט וועלכער די פערגאנגענהייט מיט דער צוקונפט זענען צווישען זיך פעראייניגט. און אין אמת'ן, ווען דער מענש זאגט „איך“, האט ער דאך נישט אין זינען דאמאלסט זיינע האר פון קאפ אדער נעגעל, וואס היינט זענען זיי דא, און מארגען וועלען זיי זיך ערגיץ אין מיסט וואלגערען, ער מיינט אויך נישט די הענד און פיס זיינע און די איבעריגע „בשר-ודם“-חלקים זיינע, וועלכע בייטען יעדעס מאל די פארמען זייערע. ער מיינט נאר אט יענעם גייסט אדער אט יענע אינערליכע קראפט, וועלכע פעראייניגט מיט איהר פערבארגענע האנד די אלע איינדריקע, די אלע זכרונות פונ'ם עבר מיט די אלע שטרעבונגען אויף דער צוקונפט און בעשאפט פון זיי איין גאנצען פעראייניגטען ארגאניזם.

און אט דער „אדם הרוחני“ ווירקט און ענטוויקעלט זיך אינאיינעם מיט דעם „אדם הגשמי“, דער אינערליכער איך וואקסט און ענטוויקעלט זיך אינאיינעם מיט דעם אויסערליכען איך. דער אופן וואקסען זיינער איז אבער אין א צוריקגעהענדער ארדנונג: פון דער צוקונפט צו דער פערגאנגענהייט צו. „ווען דער מענש איז נאך יונג — האבען אונזערע חכמים אויף שלמה המלך געזאגט — זאגט ער דברי זמר, זינגט זיך איהם. ווען ער ווערט עלטער זאגט ער משלים, ער לערנט דעם עולם ווי צו פיהרען זיך. ווען ער ווערט שוין אלט שרייט ער: „הבל-הבלים“. ווי א נארישע קאמעדיע זעהט בייא איהם דאס לעבען אויס“. און אט אזוי איז דאס ווירקליך. דער „איך“ פונ'ם יונגען מענשען איז זעהר ארעם מיט פערגאנגענהייטס-זכרונות און זעהר רייך מיט וואונשען און האפנונגען אויף דער צוקונפט, וועלכע בעגייסטערען איהם און בעוועגען דעם דמיון זיינעם, ער זאל דברי זמר זאגען, און די כחות זיינע, זיי זאלען זיך פאר מעשים נעהמען, נישט רעכענענדיג זיך מיט קיינע שטערונגען און גרענעצען. ווערט ער עלטער און קומט שוין צו די ימי העמידה, צו די מיטעלע יאהרען, ווערט ער שוין רייך מיט נסיונות און פערגאנגענהייטס-זכרונות, אינאיינעם מיט דעם לעבען אבער נאך אויך מעכטיגע שטרעבונגען אין זיין הארצען, איז ער

אָבער נאָך אויך פעהיג נאָכצוזוכען די נויטיגע מיטלען, וואָס קאָנען אין דער צוקונפט זיינע שטרעבונגען פערווירקליכען. דאַמאָלכט ווערען ביידע טיילען פון זיין „איך“ גלייכווירדיג: די צוקונפט דערוועקט אין איהם דעם ווילען צו בעוועגונג, און די פערגאַנגענהייט בעגרעניצט אָט די בעוועגונג און צייכענט פאַר איהר דעם וועג אָן, און דאַן זאָגט „משלים“ דער מענש. ער מאַכט זיך „כללים“ בעשטימטע פאַר דער צוקונפט אויף דעם יסוד פונ'ם עבר. ווערט ער שוין אָבער אַלט דער מענש און האָט שוין מעהר קיין כח נישט צו אַרבייטען פאַר דער צוקונפט, ווערט שוין בעל כרחו לעדיג דער „איך“ זיינער. ער בלייבט אָהן וואונשען און האָפנונגען, און עס בלייבט איהם מעהר נישט איבער, ווי נאָר אַראָבצולאָזען זיך אין ם טיעפען תהום פון דער פערגאַנגענהייט, קאָנצענטרירען זיך אין די איינדריקען און זכרונות, וואָס זענען איהם איבערגעבליבען פון זיין גאַנץ לעבען, און איבער־אַנאַליזירען זיי, אין, ענדליך, זאָגט ער אָב דעם הבל הבלים זיינעם און ווערט געטרייסט.

אויף קאָנען הבל הבלים זאָגען, בעדאַרף מען אָבער זיין אַזוי קלוג, ווי שלמה. נישט אַלע זקנים אָבער זענען ווי שלמה קלוג. די געוועהנליכע מענשליכע מאַסען בעזיצען נישט אָט יענע מאָראַלישע קרעפטען און פעהיגקייטען, זיי זאָלען זיך מיט הבל הבלים קאָנען טרייסטען און שטאַרבען במנוחה. און ווען עס ווערט איהר שטאַרק שלעכט, ווענדעט זיך די עלטער דאַמאָלסט צו דער אמונה, זי זאָל איהר צו הילף קומען, און זי שאַפט פאַר דעם „איך“ ווידער די „צוקונפט“, וואָס פעהלט איהר, אַזאַ צוקונפט, וועלכע איז צוגעפאַסט צום כאַראַקטער פון דער עלטער, אַ צוקונפט, וועלכע פאָדערט נישט קיין קראַפט און טהאַט, אַ צוקונפט, וועלכע גיעבט אַלעס צוגעגרייט און פערטיג. און אויך אָט די צוקונפט, האָטש זי איז נישט בעגרינדעט אויף לעבענס־נסיון, נעהמט דער „איך“ אַריין אין זיך, פערבינדט איהם מיט פעסטע פעדים מיט דער פערגאַנגענהייט, און ווערען ביידע צוזאַמען אין גאַנצעם: אַלעס, וואָס פעהלט דעם עבר איז ממלא דער עתיד, און וואָס ביטערער דער עבר איז געווען, אַלס זיסער וועט דערפאַר זיין דער עתיד, אַזוי, אַז נישט נאָר דאָס תאוה־געפיהל, נאָר אויך דאָס קנאה־געפיהל מאָהנט אויף פונ'ם עתיד די חובות, וואָס דער עבר איז איהם שולדיג געבליבען. די „קבצנים“ האָבען זיך דאָס האַרץ נישט געקיהלט, ביז

זיי האָבען נישט אָבגעפסק'ענט, אז די גבירים האָבען נישט קיין חלק לעולם הבא.

אויך דער נאַציאָנאַלער „איך" פון די פעלקער האָט געדיענט אַלס אָביעקט פאַר פערשיעדענע אידעאַלע חקירות און טיעפע סברות. אָבער אויך דאָ זענען איניגע פילאָזאָפען (י. ס. מיל און רענאַן) געקומען צום בעשלוס, אַז דער עיקר יסוד פון אָט דעם בעגריף איז אָט דער אינהאַלט, וואָס ווערט דורך דעם עבר און עתיד צוזאַמען קאָמבינירט. זכרונות און איינדריקען פון איין זייט, האָפנונגען און שטרעבונגען פון דער צווייטער זייט, וועלכע זענען פערקניפּט און פערבונדען איינער מיט דעם צווייטען, און זענען משותף צו אַלע אינדיווידואומען פונ'ם פאָלק.

און, ווי ביי דעם איינצעלנעם מענשען, אַזוי זענען אויך ביי די פעלקער דריי מדרגות פאַראַן, בנוגע צום פלאַץ, וואָס אָט די ביידע עלעמענטען פערנעהמען אינ'ם נאַציאָנאַלען „איך". יעדעם פאָלק האָט זיך אויך זיינע קינדערשע יאָהרען, זיינע „שיר השירים'"-יאָהרען, אין וועלכע עס קוקט נאָר אין דער צוקונפט אַריין. אַלעס, וואָס עס טהוט און רעדט אין דעם פעריאָדע, איז חאַפּענדיג און איילענדיג. זיינע האָפנונגען און שטרעבונגען דאַמאָלסט ווייסען נישט פון קיין גרענעץ, סיסטעם און מאָס, ווארום ער האָט נאָך נישט דאַמאָלסט קיין לעבענס-ערפאַהרונג און פאָרמלירטע זכרונות, וועלכע זאָלען איהם אַלס מאַסשטאַב און קריטעריום דיענען. אדרבא, אַפילו דאָס ביסעל מאַטעריאַל, וואָס דער עבר האָט איהם שוין יאָ בירושה איבערגעלאָזט, נעהמט אויך אָן אַ „פאָעטישע" פאָרם. דער כאַראַקטער פונ'ם פאָלקס-גייסט גיט זיי די פערבינדונג פון זיינע צוקונפטס-שטרעבונגען צו. ביסלעכווייז אָבער לערנען איהם אויס די לעבענס-געשעהעניסען, עס זאָל קאָנען אויך אין דער פערגאַנגענהייט מיט אָפענע אויגען קוקען. ביסלעכווייז הויבט דאָס פאָלק אָן זיך אַליין צו פערשטעהן, בעגרייפען די איינגענשאַפטען פון זיין פאָלקס-גייסט, בעשטימען לויט דעם נסיון פון עבר די לעבענס-בעדינגונגען, וועלכע זענען נויטיג פאַר זיין עקזיסטענץ, און דאַן ווערט ער אַנ'„עם חכם ונבון", וואָס ווייסט פון וואַנען ער געהט און וואוהין ער געהט, און דער עבר מיט דעם עתיד מישען זיך צוזאַמען דאַמאָלסט אין זיין „איך" פראָפּאָרציאָנעל,

לויט ווי זײַן ענטוויקלונג און גליק פאָדערען. אַווינע גוטע יאָהרען דויערען מעהר אָדער ווייניגער צײַט, און נאָך זיי קומען אָן די ימי הזקנה, די עלטער־יאָהרען, אַמאָל צו דער צײַט און אַמאָל אויך פאַר דער צײַט. און ווען דאָס פאָלק זעהט אײַן, אַז די כחות הויבען איהם אָן אויסצוגעהן, און ער קאָן שוין מעהר נישט פערווירקליכען זײַנע וואונשען אין לעבען, הערט עס שוין אויך אויף צו שטרעבען, און קאָנצענטרירט זיך אינגאַנצען אין די פערגאַנגענהײַטס־זכרונות. אָט די תקופה פון ירידה (אַלס בײַשפּיעל קאָנען דיענען די גריכען), זענען גאָלדענע יאָהרען פאַר די חוקרי־קדמוניות, פאַר די, וואָס זוכען אין די אַרכיווען אַלטע מגלות און אַלטע ספרים און פאַר זייערע קריטיקער און מפרשים. ביז ענדליך דערגרייכט דאָס פאָלק ביסלעכווײַז די מדרגה פון „חכמת שלמה“, מען הויבט־אָן „הבל הבלים“ זאָגען און מען צולויפט זיך אײַנציגווײַז.

אויך דאָ טרעפט אָבער אַמאָל, אַז נישט קוקענדיג אויף די אַלע סימנים פון אויסערליכע אַלטקײַט און שוואַכקײַט, איז דאָך נאָך זעהר שטאַרק דאָס געפיהל פונ'ם „איך“ טיעף אין האַרצען פון פאָלק, און עס וויל נישט און קאָן נישט מקבל זײַן אויף זיך דעם גזר דין פון דער היסטאָריע און בענוגענען זיך דערמיט, וואָס די שטאָלצע זכרונות פערזיסען איהם די לעצטע מינוטען: אַ צוקונפט בע־דאַרף דאָס פאָלק, לעבען וויל עס! — דאַמאָלסט קומט די אמונה אויף איהרע פאַנטאַסטישע פליגעל און איז פון ברייטער האַנד ממלא זײַן בקשה אָהן שום מיה און אַרבײַט פון זײַן זײַט. וואָס מעהר ביטערען עבר דאָס פאָלק האָט איבערגעלעבט, אַלץ מעהר זיסערען עתיד שאַפט פאַר איהם די צוקונפט. „לויט דעם צער איז דער שכר“. און אין דעם פאַל איז שוין אַ גרויסער אונטערשיעד פאַרהאַן צווישען אַן'אײַנצעלנעם אינדיווידואום און צווישען אַ גאַנץ פאָלק. דער אינדיווידואום, וואָס האַלט בײַם שטאַרבען — שטאַרבט טאַקי, זײַנע האָפנונגען אויף דער צוקונפט קאָנען איהם פון טויט נישט רעטען; דאָס פאָלק אָבער, דער לעבענס־קנויט פון וועלכען ס'איז דאָך אַ גײַסטי־גער; דאָס פאָלק, דער לעבענס־קנויט פון וועלכען ס'איז נישט אונטער־געוואָרפען אונטער די פיזיאָלאָגישע געזעצען, זיי זאָלען קאָנען די צאָהל־יאָהרען זײַנע בעגרענצען, זיי זאָלען קאָנען זײַנע כחות פער־ניכטען, דאָס פאָלק, אויב עס געלינגט איהם נאָר אַרײַנצוטראָגען אין זײַן „איך“ דעם צוקונפטס־עלעמענט, און זאָל זײַן אפילו נאָר

אין דער פארם פון א פאנטאסטישער האפנונג, שאפט עס דערמיט א סם חיים פאר זיך, שאפט עס דערמיט פאסענדע גייסטיגע שפייז לויט די פאדערונגען פון זיינע נאטירליכע אייגענשאפטען, וועלכע זענען אויף איהם משפיע לאנג-דויערען לעבען און עקזיסטענץ, וועלכע מאכען איהם קרעפטיג איבערצוטראגען אלע צרות און יסורים. און זייענדיג א לעבעדיגער ארגאניזם, איז שוין אויך נישט מן הנמנע, איז שוין אויך נישט אינגלויבליך, אז בזמן מן הזמנים, אין וועלכער עס איז צייט פון זיין קינפטיגען לעבען, זאלען איהם פערשיעדענע אומשטענדען צונויפפיהרען מיט געזונדע און שטארקע פעלקער, וועלכע קאנען אויך זיינע כחות בעפרישען. די מילך, וואס עס זויגט איין אין זיך פון אט יענע פעלקער, ווערט ביי איהם אין געזונד בלוט פערוואנדעלט, אין יוגענד-בלוט. און פיהלענדיג אין זיך נייע קרעפטען הויבען איהם אן אויך נייע וואונשען און שטרעבונגען בעלעבען, וועלכע בעוועגען איהם צו ארבייטען פאר דער צוקונפט בפועל. אי דער גוף, אי די נשמה ווערען ביי איהם מיט ארבייט בעלאסטעט פאר דער פערווירקליכונג פון זיינע אידעאלען און שטרעבונגען.

ווי עס איז בעוואוסט, זענען די היסטארישע ספרים, וואס געפינען זיך אין די כתבי-הקדש, געשריבען אדער רעדאגירט געווארען אין דער צייט פון גלות בבל. אלט איז געוועזן דאס יודיש פאלק אין יענער צייט, די אפיסית הכחות זיינע האט שוין די העכסטע מדרגה דערגרייכט, אזוי, אז אלע פון פאלק האבען זי שוין געפיהלט און פון גרויס פערצווייפלונג און פערביטערונג האבען זיי געשריען: „אויס-געטריקענט זענען אונזערע ביינער געווארען און פערלירען געגאנגען איז אונזער האפנונג. מיר זענען שוין אומגעקומענע". און דעריבער האבען זיך דאן ביי איהם חכמים געפונען, וואס האבען געפרובט מציל-זיין זיין „נאציאנאלען איך", דורכדעם, וואס זיי האבען געוואלט שטארקען דעם פערגאנגענהייטס-עלעמענט זיינעם. צו זיי וואלטען דערגרייכען זייער ציעל דורך דעם מיטעל אליין — איז א גרויסער ספק. צום גליק אבער פון פאלק, איז נישט צו די חכמים האט זיך דאס פאלק געווענדעט אין יענער עת צרה, נישט ביי דער חכמה האט דאס פאלק אנטווערט אויף זיין עקזיסטענץ-פראגע געזוכט, **נאר ביי דער נבואה, און זי, די נבואה, האט בעסער פערשטאנען**

דעם ענטפער צו געפינען: זי האָט ווידער דעם עתיד לעבעדיג געמאַכט, און אָט אַזוי אַרום האָט זי דעם נאַציאָנאַלען „איך" גאַנץ געמאַכט. און אַ נאָהנטער עתיד איז דער נבואה׳שער עתיד תחלת געוועזן. די האָפנונגען וועלען אין דער נאָהנטער צוקונפט פערווירקליכט ווערען. ערשט נאַכהער, ווען דער בית־שני איז שוין אויסגעבויט געוועזען, און די גרויסע הבטחות זענען נישט מקוים געוואָרען, איז שוין במילא דער עתיד פון דור צו דור אָפגעלעגט געוואָרען, אַלץ אויף שפעטער און שפעטער. צייטענווייז איז ער געווען שטאַרקער, און צייטענווייז פיעל שוואַכער, אָבהענגיג פונ׳ם מצב, אין וועלכען דער אָדער יענער דור האָט זיך געפינען, אָבהענגיג פון די צרות און יסורים, וואָס די יודען זענען אין דעם אָדער יענעם דור אויסגעשטאַנען; אין אַלע דורות אָבער, אין אַלע צייטען, האָט ער נישט אויפגעהערט צו פערנעהמען איינעם פון די שענסטע און וויכטיגסטע פלעצער אינ׳ם נאַציאָנאַלען „איך". און זיין זכות איז בייגעשטאַנען אונזערע עלטערען, זיי זאָלען קאָנען לעבען און עקזיסטירען, נישט קוקענדיג אויף זייערע שוואַכע קרעפטען און דעם שווערען עול, וואָס זיי האָבען אויף זיך געטראָגען, דאַמאָלסט, ווען אַנדערע פעלקער מיט אַ מעהר ליכטיגען עבר — זענען פערשוואונדען געוואָרען פון דער וועלט.

מיר זענען געוועהנט צו גלויבען, אַז נאָר אינ׳ם זכות פון דער תורה האָבען די יודען זייער עקזיסטענץ אַיינגעהיט. אונזערע קדמונים אָבער, פון וועמענס הענד מיר האָבען די תורה איבערגענומען, זיי אַליין האָבען מורה געווען, אַז די תורה אַליין האָט זיך ביי אונז נאָר צוליעב דעם עתיד אַיינגעהיט. ווען נישט דער עתיד וואָלט קיין שום גרונד פאַר אונז נישט זיין צו היטען זי: „חאָטש איך פערטרייב אייך פון לאַנד, זאָלט איהר די מצות פון דער תורה אָבהיטען, כדי זיי זאָלען ביי אייך אין די אויגען ווי ניי נישט אויסקוקען, ווען איהר וועט זיך צוריק אין לאַנד קעהרען" (ספרי, עקב). אָט די השקפה אויף דער תורה האָט זיי מיטגעבראַכט דערצו, זיי זאָלען פיעל טרחה אַוועקלעגען און צוזאַמענשטעלען גאַנצע מסכתות, אין וועלכע עס זענען אַריינגעקומען די אַלע דינים פון קרבנות און פון די בגדי־כהונה און כהונה דינים, וועלכע האָבען קיין שום שייכות נישט מיט דעם יודישען לעבען צייט דעם בית שני. זיי האָבען עס געטהון נישט דערפאַר, וואָס זיי האָבען שטאַרק ליעב געהאַט פער־

געהמועט זיך מיט אַרכעאָלאָגישע ענינים. ניין, זיי זענען געווען גאַנץ פרעמד פון אַזאַ לעבשאַפט. זיי האָבען עס געטהון נאָר דערפאַר, וואָס זיי האָבען, ווירקליך, בלב שלם, געגלויבט, אַז אָט די אַלע דינים וועלען נאָך אויפ׳סניי אָנהויבען צו עקזיסטירען אין דער צוקונפט, אַז זיי וועלען ווערען אַלע לעבענס־פראַגען. און דעריבער, נישט קענענדיג מקיים זיין אָט די מצוות בפועל, אין לעבען, האָבען זיי זיך געסטאַרעט, זיי זאָלען אַמווענינגסטען האָבען כאָטש אַ פאָלשטענדיגע ידיעה אין זיי, כדי „זיי זאָלען ביי זיי אין די אויגען פרעמד נישט אויסקוקען, ווען זיי וועלען זיך אין ארץ ישראל צוריק קערען״. און אָט די מסכתות, אין וועלכע עס האָבען עוסק געווען די יידישע בחורים אין דור נאָך דעם צווייטען, האָבען אַ סך מיטגעהאָלפען איינצעוואָרצלען די צוקונפטס־האָפנונג טיעף, טיעף אין האַרצען פון פאָלק, צוגעוועהנענדיג זייערע לערנער, זיי זאָלען קוקען אויף דעם געוואונשטען עתיד, ווי אויף אַ דבר ממשי, ווי אויף אַ רעאַלער זאַך, וואָס איז כדאי זיך צו־צוגרייטען צו איהר און פטר׳ן צייט אויף צו בעשעפטיגען זיך מיט די פראַגען, וועלכע שטעהען אין אַ נאָהנטער בעציהונג צו איהר. און אָט אַזוי האָבען די „מצוות התליות בארץ״, די „מצוות, וואָס זענען אָבהענגיג פון לאַנד״, מיטגעהאָלפען צום קיום־האומה נאָך מעהר אפשר פון די אויך אין גלות עקזיסטירענדע מצוות.

נאָך אין סוף פונ׳ם אלף החמישי, מעהר ווי טויזענד יאָהר נאָך דעם חורבן, האָט דער גרעסטער פון די חכמי־הגולה, דער רמב״ם, טעג ווי נעכט פערבראַכט אויף צונויפזאַמלען און סיסטעמאַטיזירען אַלע הלכתא־למשיחא׳ס. ער, דער מחבר פון „אגרת תימן״, האָט גוט פערשטאַנען, וואָס פאַר אַ ווערט עס האָט אָט דער עתיד פאַר דער עקזיסטענץ פונ׳ם פאָלק, און דעריבער האָט ער איהם אויך צווישען די עיקרים פון דער אמונה אַריינגענומען, נישט דערפאַר, וואָס ער, אָט דער מענש, וואָס איז געווען דורכאויס לאָגיק, האָט נישט געפיהלט די טענות, וואָס ס׳האָבען געטענה׳ט געגען דעם נאָך זיין טויט, זיינע תלמידים׳ס תלמידים (ווי דער בעל העיקרים), נאָר דערפאַר, וואָס איננאיינעם מיט דעם, האָט ער אויך פערשטאַנען דאָס, וואָס זיי האָבען נישט פערשטאַנען: אַז נישט מיט לאָגיק אַליין לעבט אַ פאָלק, אַז אָהן אַ האָפנונג אויף דער צוקונפט, קאָן אויך די תורה מיט אַלע איהרע לאָגישע דאָגמאַטען פערגעסען ווערען. קיינע היסטאָרישע,

קיינע סכאָלאַסטישע אַרגומענטען וועלען זי נישט קאָנען ראַטען, זי זאָל נישט אונטערגעהן.

———————

אויב אין בבל זעהען מיר, אַז דאַמאָלסט, ווען דאָס פאָלק האָט אָנגעהויבען פון זיך אַליין, אַ דאַנק זיין פלוצלונגדיגען אומגליק, מתיאש צו זיין זיך פונ׳ם עתיד, אויב מיר זעהען, אַז דאַמאָלסט האָבען די חכמים געסטאַרעט זיך צו מציל זיין פונ׳ם נאַציאָנאַלען „איך" דאָס, וואָס זיי האָבען נאָר געקאָנט, אין די נביאים האָבען פערענדיגט דאָס, וואָס זיי — די חכמים — האָבען אָנגעהויבען, און האָבען אַלעם מציל געווען — איז אין די לעצטע דורות זעהען מיר שוין אַנאַנדער ערשיינונג, וואָס זינט די יודען זענען אין גלות פערטריבען געוואָרען איז נאָך אַזוינס נישט געווען: דאָס פאָלק האָט זיך פונ׳ם עתיד נישט מתיאש געווען, פערקעהרט, ער איז גאָר פון זיין מויל נישט אַרויסגעגאַנגען, פונקט ווי פריהער; נאָר אין האַרצען האָט עס איהם אָבער פערגעסען. פריהער — פאַר צופיעל צרות; נאַכהער — פאַר צופיעל גוטס. און אָט אין יענער לעצטער צייט, ווען די לאַגע פון פאָלק האָט זיך אַ ביסעל פערבעסערט, ווען עס האָט זיך איהם איינגעגעבען „צו דערפרישען זיינע כח׳ת צווישען געזונדע און שטאַרקע פעלקער", און אָט מיט די בעניטע כח׳ת זיינע וואָלט עס דאָך שוין געקאָנט אַרבייטען פאַר דער צוקונפט בפועל, וואָרום עס האָט דאָך איהם מעהר נישט געפעהלט, נאָר זיין האָפנונג פון שלאָף אויפצעוועקען, — אָט אין דער גינסטיגער צייט, האָבען זיך זיינע חכמים גענומען אינגאַנצען צו פערטרייבען די איינגעשלאָפענע האָפנונג. זיי האָבען געוואָלט אויסמעקען דעם זכר אפילו איהרען פון מויל פון פאָלק. נירוואַנאַ דאָס איז דער נייער אידעאַל, וואָס די חכמי־ישראל פערשפרייטען אין יודישען לאַגער אויפ׳ן אָרט פונ׳ם נאַציאָנאַלען עתיד. אויך די נירוואַנאַ אָבער קאָן מען דאָך מיט איין מאַך מיט דער האַנד נישט דערגרייכען, מען מוז אַ לאַנגען וועג דורכמאַכען: פערשיעדענע „גלגולים" איבערלעבען, וואָס־זשע אָבער זאָל דערווייל דאָס פאָלק טהון? — דעריבער זעהען מיר, אַז אין דער אייגענער מאָס, וואָס דער צוקונפטס־עלעמענט ווערט ווניגער אינ׳ם נאַציאָנאַלען „איך", אין דער אייגענער מאָס, אין דער אייגענער צייט, אויף דעם אייגענעם אָרט און דורך די אייגענע געלעהרטע אַליין, וואָס האָבען

דעם ציקונפטס־עלעמענט פערקלענערט, ווערט דער פערגאנגענהייטס־עלעמענט פונ׳ם „נאציאנאלען איד״ פערברייטערט. צווישען דעם נייעם סדור, אין וועלכען עס איז קיין זכר פאר דעם עתיד נישט פארהאן, און צווישען דער נייער ליטעראטור וועגען דער געשיכטע פונ׳ם עבר, איז פארהאן א געוויסע פערבינדונג, א געוויסע אינערליכע פסיכאלאגישע שייכות, די גאנצע קראפט פון וועלכע עס פיהלען אפילו נישט די רעפארמאטארען אליין. די עלטער, וואס מען האט איהר האפנונג צוגענומען, זוכט טרייסט און שכר פאר איהר שאדען, ווייזט מען איהר אן מיט׳ן פינגער אויף דעם עבר, כדי זי זאל זיך פערבענקען א ביסעל נאך איהם, זי זאל זיך א ביסעל שפיעלען מיט איהם, ביז זי וועט סוף כל סוף קומען צו דער איבערציינונג, אז אנ׳עבר, מיט וועלכען עס געהט נישט קיין עתיד צוזאמען, בעדארף אויך נישט האבען קיין בעזונדערען „איד״, וועלכער זאל זיין שטענדיגער טרעגער זיין. ווארום האטש ער איז ראוי איבערצובלייבען לעבען אינ׳ם זכרון פון דער מענשהייט, קאן ער דאך לעבען פאר זיך אליין, נישט איינהייטען איינאיינעם מיט זיין לעבען אויך דאס לעבען פון זיין אמאליגען בעזיצער; צוליעב אריסטאקראטישער גאוה ווידער — שרייען פאר יעדען: „מיינע עלטערען האבען רוים מציל געווען״ — איז אויך נישט כדאי צו לעבען און צו ליידען.

אט די בעלי־העבר האטש זייער כונה איז נישט קיין גוטע, זענען אבער זייערע מעשים גוטע. זיי ברענגען נוצען אויך פאר די בעזיצער פונ׳ם גאנצען „איד״: זאלען די „חכמים״ פערברייטערען דעם עבר אויף דעם חשבון פונ׳ם עתיד. נאכהער וועלען נאך זיי די „נביאים״ קומען און וועלען דעם עתיד בעפעסטיגען אויף דעם יסוד פונ׳ם עבר. און דורך זיי ביידע וועט דער נאציאנאלער „איד״ ברייטער און שטארקער ווערען.

א סך ערגער פון די בעלי־העבר איז דער בער אנ׳אנדער כתה, די כתה, וואס וויל די גאולה ברענגען דורך א ע ת י ד, וועלכער האט קיין ע ב ר נ י ש ט א ו נ ט ע ר ז י ך, וואס גלויבט, אז נאך א היסטאריע פון טויזענדער יאהרען, קאן א פאלק נאכאמאל אנהויבען אלעס פון ס׳ניי, ווי א קליין קינד, וואס ווערט געבוירען: שאפען פאר זיך א ניי פאטערלאנד מיט נייע נאציאנאלע אידעאלען. אט די כתה פערגעסט, אז דאס פאלק, איך וויל זאגען: דער נאציאנאלער „איד״ אין זיין היסטארישער פארם, אז אט דער „איד״ וויל עס

עקזיסטירען, ער וויל בלייבען אלס ער, עס זאָל נישט ווערען פון איהם קיין אַנדערער, ער, ווי ער איז אינגאַנצען, מיט אַלע זיינע זכרונות און האָפנונגען. זיי פערגעסען, אַז ווען ער זאָל געוועז וועלען ווערען אויס ער, וואָלט ער שוין לאַנג געוועזן געפינען פיעל וועגען פאַר זיך. עס איז אמת נאָך פאַרהאַן נאָך אַנ'אַנדער איך: דער פריוואַט-איך, דער בעשטימט-טערמינינגער איך פון יעדען איינציגען יודען בעזונדער, און דאַמאָלס, ווען עס שטעהט פאָר אַ סכנה פאַר זיין עקזיסטענץ, מעג ער אידאי זוכען זיך רעטונג, אויף וואָס פאַר אַנ'אופן עס זאָל נישט זיין אין וואו עס זאָל נישט זיין, און ווער שמועסט, אַז איינער ראַטעוועט-אָב דאָס לעבען פון צעהנדליגער טויזענד „איך'ן" אַזוינע, מיט וואָס פאַר אַנ'אופן עס זאָל נישט זיין און וואו עס זאָל נישט זיין, טהוט ער אידאי אַ גוטע זאַך. ער ברענגט דערוויילינגע הילף אויך פאַר דעם כלל פונ'ם פאָלק, וואָס די גערעטעטע נפשות זענען אַ טייל פון איהם. גאַנץ אַנדערש איז אָבער בנוגע צום נאַציאָנאַלען „איך", בנוגע צום אייביגען „איך" פונ'ם יודישען פאָלק, און די, וואָס גלויבען, אַז מען קאָן איהם אויך פיהרען אין דעם וועג, אין וועלכען זיי ווילען געהן, האָבען אַ גרויסען טעות. זיין וועג איז שוין פאַר איהם פון לאַנג אָנגעצייכענט און בעגרענעצט דורך זיין וועזענהייט, אין זיין וועזענהייט איז יסודה מעבר וסופה לעתיד — הויבט זיך מיט דעם עבר אָן און לאָזט זיך מיט דעם עתיד אויס.

נאָכאַהמונג און אַסימילאַציע.

מיט דעם וואָרט „נאָכאַהמונג" טיטולירען מיר סרוב לגנאי אַלעס, וואָס דער מענש רעדט און טהוט, דענקט און פיהלט און עס פליעסט נישט אַרויס פון זיין טיעפער אינערליכער וועלט, אַלס מוזבאַרער פאַלג פון דעם צושטאַנד פון זיינע פסיכישע קרעפטען און זייער פערהאַלטען זיך צו דער אויסערליכער וועלט, נאָר צוליעב דער ניגונג, וועלכע געפינט זיך אין איהם, צו וועלען זיין וואָס מעהר ähnlich צו אַנדערע, און נאָר דערפאַר, וואָס זיי, די אַנדערע, זענען אַזוי, איז ער אויך אַזוי.

אויב דער אינהאַלט, וואָס מיר לעגען אַריין אין די מאָראַ־לישע בעגריפען: גוטס און שלעכטס, איז, ווי עס ווילען האָבען איינינע פילאָזאָפען, אַ אַבסאָלוטער, אויב מיר אונטערשיידען צווישען זיי נישט דורך דער הילף פונ'ם שכל און מח, נאָר דורך אַ בעזונדערע מאָראַלישען אינסטינקט, וועלכער איז ביי אונז אין האַרצען איינ־געפלאַנצט, — דאַמאָלסט האָבען מיר אויף געוויס רעכט צורעכענען אויך די מדה פון נאָכאַהמונג פאַר אַ מאוס'ער מאָראַלישער מדה, וואָרום דער מאָראַלישער געפיהל, וואָס ביי אונז אין האַרצען, אָנערקענט נישט אַלס „גוטע" אָט די מאַלפען־מדה. אויב אָבער, ווי אַנדערע ווילען האָבען, דאָס אונזער אָריענטירען זיך אין גוטס און שלעכטס איז געגרינדעט דאַרויף, וואָס מיר וועגען־איבער דעם שכר פון יעדער זאַך אַנטקעגען דעם הפסד, וואָס זי קאָן ברענגען בנוגע צום גליק און צו דער ענטוויקלונג פון דער מענשליכער געזעלשאַפט, דאַמאָלסט קאָן מען שוין גאָר שטאַרק צווייפלען אין דער גערעכטיגקייט פונ'ם מאָראַלישען געפיהל אין דער הינזיכט. עס איז מעגליך, אמת, אַז צופיעל גוזמא, צופיעל בויגען זיך אין איין זייט צו, איז פאַראַן אין

דער שיטה פון יענעם פראַנצויזישען חוקר)Tarde(, וואָס הערט נישט אויף צו איינ'חזר'ען מיט אונז, אַז די גאַנצע היסטאָריע איז מעהר נישט, ווי די פרוכט פון דער נאָכאַהמונג, וועלכע ווירקט לויט געוויסע געזעצען; עס איז אָבער אויך גענוג פאַר אונז חאָטש נאָר אויף וויפיעל עס איז אַ טראַכט צו געבען, מיר זאָלען אויך מוזען מודה זיין אין עיקר פרינציפּ פון זיין טעאָריע, אַז אָט די מאָוס'ע מדה איז אין אמת'ען איינע פון די זאַכען, אויף וועלכע עס האַלט זיך די מענשליכע געזעלשאַפט, און אָהן וועלכע זי וואָלט גאָר נישט געקאָנט בעשאַפען ווערען און נישט צו ענטוויקלען זיך נאָכדעם, ווי זי איז שוין בעשאַפען געוואָרען. שטעלט זיך נאָר פאָר! ווען די מענשען וואָלטען נישט האָבען קיין טבע נאָכצושלעפּען זיך איינער נאָך דעם צווייטען, נאָר יעדער איינציגער טראַכט זיך זיינע מחשבות און טהוט זיך זיינע מעשים נאָר ווי עס דיקטירט איהם זיין אייגענע טיעפע אינערליכע וועלט, נישט נאָכציהענדיג זיך נאָך קיין שום כח, וואָס פליסט אַרוים פון אַ אַנדער נשמה, — צי וואָלטען דען אַזוינע מענשען געקאָנט צוקומען צו די אַלע אָנערקענטע געזעלשאַפטליכע קנינים רוחניים, צו פעסטע געזעצען און מנהגים, צו געמיינזאַמע רעליגיעזע און מאָראַלישע בעגריפען, און כדומה זאַכען, וואָס ווען זיי ווערען אין כלל גענומען, זענען זיי, ווירקליך, נאַטירליכע פאָלגען פון אַלגעמיינע סבות, אין זייערע דעטאַלען אָבער איז כלל נישט מעגליך, אַז זיי זאָלען קיין זייטיגע, אינדיווידועלע סבות נישט האָבען? דער עיקר אָבער: ווי אַזוי וואָלט געקאָנט די מענשליכע שפּראַך בעשאַפען ווערען און ענטוויקלען זיך אין וועלכער עס איז געזעלשאַפט, ווען מיר וואָלטען נישט נאָכטהון איינער דעם צווייטען, נאָר יעדער איינציגער וואָלט וואַרטען ביז דער צושטאַנד פון זיינע פּסיכישע כחות וועט איהם פעהיג מאַכען אָנצורופען יעדע זאַך פּונקט מיט דעם אייגענעם נאָמען דוקא, מיט וועלכען דער צווייטער רופט זי? — און ווען קיין שפּראַך איז נישטאָ, איז אויך קיין קולטור נישטאָ, און דער מענש וואָלט קיינמאָל די אַנדערע בריאים, וואָס אין דער נאַטור, נישט איבערשטייגען.

די נאָכאַהמונג אַליין אָבער וואָלט נאָך אויך נישט גענוג זיין דאַרויף, אַז אָט די אַלע קולטורעלע גיטער זאָלען זיך פערשפּרייטען צווישען אַלע אינדיווידואומען פון דער געזעלשאַפט, ווען זי וואָלט בעשטעהן דערין, דאָס מיר אַלע זאָלען נאָכטהון איינער

דעם צווייטען אין איין גלייכער מאס, אויף דעם אייגענעם און זעלבען אופן, ווארום דאמאלסט וואלט דאך די צאהל פון די וועמען מען טהוט נאך, גלייך זיין מיט דער צאהל פון די, וואס טהוען נאך, די צאהל פון די נאכאהמונגס-אביעקטען מיט דער צאהל פון די נאכאהמער, און יעדער איינציגער וואלט אויסקלייבען פאר זיך אויף נאכצוטהון אין דער אדער אין יענער זאך נאר איינעם פון די אלע איבעריגע, לויט דעם צושטאנד פון זיינע „פסיכישע כחות“, וואלט זיך דאן בלייבען די פראגע ווידער נישט פערענטפערט — אום די גאנצע געזעלשאפט זאל האבען איין בעשטימטע פיזאנאמיע, בעדארף מען אלזא, אז די נאכאהמונג זאל געפינען פאר זיך איין אלגעמיינעם צענטר, וועלכער זאל זיין בכח צוציהען צו זיך אלע הערצער, די מעהר נאהענטערע — דירעקט, אהנע מיטלען, און די מעהר וויטערע — דורך דער פערמיטלונג פון די נאהענטע, און ווערען אזוי ארום דער איינציגסטער מוסטער אדער דער עיקר מוסטער פאר דער נאכאהמונג פון זיי אלע.

אזא אלגעמיינער צענטר געפינט זיך באמת אין יעדער געזעלשאפט אין די ערשטע יאהרען פון איהר ענטוויקלונג, בעזאנדערס, אט אין יענער אוראלטער צייט, ווען דער מענשליכער גייסט פלעגט זיך נאך מאטערען ארויסצורייסען זיך פון דעם בהמה'שען זומפ, אין וועלכען ער האט געזונקען, אין יענע אלטע צייטען, ווען דאס מענשליכע, געזעלשאפטליכע לעבען האט זיך ערשט אנגעהויבען צו וועבען. אין יענעם נידעריגען צושטאנד (א ענהליכען צו וועלכען מיר געפינען נאך היינט אויך ביי די „ווילדע“ שבטים), ווען דער מענש האט זיך געפונען אין א שטענדיגע געפאהר ביי יעדען טריט, וואס ער האט געמאכט, האט ער בעזונדערס געפיהלט די ווערטה פון דער קראפט, און ווי א מלאך אלקים האט ער געשעצט דעם, וואס איז שטארקער פון איהם. מיט יראת הרוממות האבען אלע משפחות און שבטים אויף איהר עלטסטען און בעשיצער געקוקט, אויף „דעם געטליכען נשיא, וואס זי פערמאגט“, און דער אינדיווידועלער יש פון יעדען איינציגען מיט אלע זיינע אייגענשאפטען און נייגונגען, איז עפעס ווי פון זיך אליין בטל געווארען פאר דער גרויסקייט פון אט דעם „אידעאל“. עס איז קיין חדוש נישט דעריבער, וואס ער איז געווארען דער עיקר צענטר, צו וועלכען עס ציהט זיך, ווי פון זיך אליין, די מדה פון נאכאהמונג,

וואס געפינט זיך אין די הערצער פון דער געזעלשאפט אין זיין צייט, און אהן שום בעזונדער כונה, אהן שום אייגענע פניות, נאר צוליעב דעם התבטלות, וואס דער ניעדעריגער יש בעקומט פאר דעם העכערען פון זיך, ווערען אלע זיינע ווערטער, מעשים און מאניערען אנגענומען ביים גאנצען כלל. און דאס כלל־אייגענטום געהט איבער בירושה פון די טאטעס צו די קינדער, און אויך די קינדער האבען זיך אין יעדען דור זייער „נשיא אלקים“, וואס גיט אכטונג אויף דער ירושה פון די עלטערען און איז נאך מוסיף צו איהר אייגענם, דארטען, וואו זי אליין איז שוין נישט גענוג פאר די לעבענס־בעדערפענישען, וואס ווערען אלץ מעהר פערוויקעלט, און אויך זיין הוספה מאכט די נאכאהמונג פאר א קנין כללי. און אט אזוי האבען זיך גרינג פערברייטערט און פערשפרייט אלגעמיינע און בעשטימטע לעבענס־פארמען אין יעדער געזעלשאפט, ביז איהרע אינדיווידואומען זענען מיט דער צייט געווארען ווי פיעל קאפיעס פון איין אלגעמיינעם אריגינאל.

און אפילו קיין איין נאציע אדער געזעלשאפט וועסט דו נישט געפינען, אפילו פון די גאר שפעטערדיגסטע, וועלכע זאל זיך נישט געווען געפינען אין אנהויב אין אזא מצב אדער אין א ענהליכען צו איהם: אינ׳ם מצב פון ווערדען, אין וועלכען די צענטראלע מענשען שמעלצען צונויף ארום זיך די בעזונדער־שטעהענדע עלעמענטען אין איין געזעלשאפטליכען קערפער דורך דעם, וואס זיי דיענען אלס מוסטער פאר יעדען נאכצוטהון זיי אוים התבטלות פאר זיי. דער אונטערשיעד איז נאר, וואס אין די שפעטערדיגע יאהרען, נאכדעם, וואס דער מענשליכער גייסט האט שוין, פראגרעסירט אין א געוויסער מאס, קאן זיין די סבה פונ׳ם „התבטלות“, און דעריבער אויך די סבה פון דער נאכאהמונג און פון דער געזעלשאפטליכער צונויפשמעלצונג, נישט נאר א כח גשמי, נאר אויך וועלכע עס איז גרויסע גייסטיגע קראפט.

———————

אט דער מין נאכאהמונג אבער, וואס איהר צענטר איז א „גייסטרייכער און פיעל־טעטיגער מענש“, מוז אלץ ווייניגער ווערען פון דור צו דור. ווארום יעדער נייער דור איז מקבל בירושה פון די פריהערדיגע דורות דאס אלעס, וואס די נאכאהמונג האט ביז דאן אריינגעבראכט, אלעס, וואס איז שוין געווארען א קנין כללי, און

וואס מעהר עס פערגרעסערט זיך די ירושה פונ'ם עבר, ווערען אלץ מעהר פערענדיגט, פערגאנצט די לעבענס-פארמען פון דער געזעלשאפט, ווערט אלץ מעהר בעשטימט איהר פיזיאנאמיע, ביז זי קומט גאר צו דער העכסטער מדרגה אין איהר ענטוויקלונג, אזוי, אז די מנהגים פונ'ם לעבעדיגען דור געפינען שוין פאר זיך נישט קיין פרייען פלאץ, וואו זיי זאלען קאנען עפעס נייעס אויפטהון, צוגעבען אויך פון זייער זייט, עטוואס פרינציפיעלעס. דער צענטר פון דער אלגעמיינער נאכאהמונג ווערט דעריבער פון דאמאלסט אן נאר דער עבר אליין, אט יענע „בעוואוסטע העלדען", וועלכע האבען אין זייער צייט דעם שטעמפעל פון זייער גייסט אויף די לעבענס-פארמען פון דער געזעלשאפט ארויפגעלעגט. און פונקט ווי די רעזולטאטען פון דער נאכאהמונג פון אלע דורות, וואס האבען די געזעלשאפט געשאפען, זענען צונויפגעשמאלצען געווארען אין איין לעבענס-פארם, אט אזוי ווערען אויך די שעפער פון דער דאזיגער פארם אין יענע צייטען צונויפגעשמאלצען אין איין נאכאהמונגס-צענטר, גלייך ווי זיי וואלטען נאר זיין אלע איין אבסטראקטע בריאה, און ווערען אלע ארונטערגענומען אונטער איין נאמען די „אבות" אדער די „קדמונים", וואס אין פערגלייך מיט זיי זענען מבטל די נייע דורות אינאיינעם מיט זייערע מנהיגים זייער אייגענעם יש, און עפעס מיט א מין יראת הרוממות פערטראכטען זיי זיך וועגען זיי און זאגען: „אויב זיי זיינען מעהר נישט, ווי נאר מענשען געוועזן, זענען מיר מעהר נישט, ווי עזלען".

און דאך הערט, אמת, אויך דאמאלסט נישט אויף די נאכאהמונג צו עקזיסטירען אין לעבענדיגען דור צווישען איינעם אין צווייטען, זי איז אבער נאר אין קליינע אונבעדייטענדע דעטאלען, און אהן א שום איינציגען אלגעמיינעם צענטר, און ס'רוב איז אויך די סבה איהרע גאר א אנדערע. אויף דעם ארט פון התבטלות, וועלכע נעהמט זיך פון יראת הרוממות, וועלכע געפינט שוין מעהר פאר זיך נישט אזוי גרינג א פאסענדען אביעקט צווישען די מענשען פונ'ם הוה, וואס צידען אלע זייער חיונה פונ'ם עבר, — ווערט יעצט ארויסגערופען די נאכאהמונג, דאס וואס איינער טהוט נאך דעם צווייטען דורך קאנקורענץ, דער מקור פון וועלכער איז קנאה און אייגענליעבע. פיעל פון די מיטגליעדער פון דער געזעלשאפט גיט זיך אויך דאמאלסט איין אנווענדען אויף זיך די

אויפמערקזאמקייט איהרע און איבערשטייגען זייערע חברים דורך איניגע נייע אייגענע המצאות טעאָרעטישע אָדער פראקטישע, און אט די הצלחה זייערע מאכט, אז אויך אנדערע זאָלען אין זייערע וועגען אנהויבען צו געהן, נישט דערפאר, וואס זיי זענען זייער אייגענעם יש מבטל, נאָר פערקעהרט, דערפאר, וואס זיי היטען איין צו פאנאטיש זייער אייגענעם יש. זיי ווילען זיך אויך אויפהויבען ביז צו דער מדרגה פון זייערע חברים.

און פונקט ווי די סבה פון אט דער נאכאהמונג איז אנדערש, ווי ביי דער ערשטער, אזוי אונטערשיידען זיי זיך אויך מיט זייער גרינדליכער נאטור. אין דעם צושטאנד פון התבטלות, ויל דער מענש נאכטהון דעם גייסט פונ'ם מענשען, פון וועלכען ער לערנט זיך, דעם גייסט, וועלכער דריקט זיך אויס אין זיינע טהאטען, און דעריבער טהוט ער נאך אט יענע טהאטען מיט אלע זייערע פרטים, נישט ענדערענדיג גאר נישט פון דער־יעניגער פארם, אין וועלכער יענער בעצויבערענדער איהם גייסט האט זיי איינגעפאסט. אין צווייטען פאל אבער, אין פאל פון קאנקורענץ, שטרעבט דער נאכאהמער זיין אייגענעם גייסט זעהבאר צו מאכען דורך די אייגענע דרכים, א דאנק וועלכע יענער, וועמען ער וויל נאכטהון, האט זיין גייסט זעהבאר געמאכט, און דעריבער סטארעט ער זיך, פערקעהרט, ענדערען דאס מאדעל פונ'ם לעצטען, אויף וויפיעל די גייסטער זייערע אונטערשיידען זיך איינער פון צווייטען אדער אויף וויפיעל עס איז א אונטערשייד אין זייער מצב פארהאן.

און אויך אט די נאכאהמונג ברענגט נוצען פאר דער געזעלשאפט. אויב די התבטלות־נאכאהמונג בנוגע צו די „זיידעס“ איז אט די־יעניגע קראפט, וועלכע שאפט פאר איהר א פעסטען פונדאמענט, אויף וועלכען זי זאל זיך האלטען, נישט בויגענדיג זיך אין אלע זייטען, איז די קאנקורענץ־נאכאהמונג, וואס ווערט געפיהרט צווישען די מיטגלידער פון דער געזעלשאפט, אט יענער כח, וואס טרייבט זי כסדר פאָרויס, נישט מיט גרויס רעש און פלוצלונגדיגע איבערקעהרענישען, נאר דורך קליינינקע שטענדיגע ענדערונגען, וואס מיט דער צייט ווערט פון זיי א גרויסער סך הכל, וועלכער שפאנט שוין אריבער די גרעניצען, וואס די קדמונים האבען ארומגעגרענעצט.

ניִשט איִיבּיִג, אָבער פערשליִעסט זיִך די נאָכאַהמונג איִנ'ם שמאָלען קרײַז פון יעדער געזעלשאַפט בּעזונדער. די ענטוויִקלונג פון לעבּען בּרענגט-מיִט, אַז פערשיִעדענע געזעלשאַפטען זאָלען זיִך, סוף-כל-סוף, מתקרב זײַן איִינע צו דער צווייִטער און לערנען זיִך איִינע פון דער אַנדערער, און דאַן פערבּרייִטערט די נאָכאַהמונג איִהרע גרעניִצען און געהט-איִבּער פון געזעלשאַפט צו געזעל-שאַפט און פון פאָלק צו פאָלק.

דער כאַראַקטער פון אָט דער נאָכאַהמונג הענגט-אָב פון אָט יענע חברות אַליין, וועלכע האָבּען זיִך בּעגעגענט איִינע מיִט דער צווייִטער. אויבּ זיי זענען גלײַך אָדער נאָהענט איִינע צו דער צווייִטער בּנוגע צו זייער קראַפט און צו דער מדרגה פון זייער בּיִלדונג, דאַמאָלסט הויבּען זיי אָן בּיידע אַ קאָנקורענץ-נאָכאַהמונג: זיי לערנען זיִך איִינע בּײַ דער צווייִטער נײַע וועגען, דורך וועלכע זיי זאָלען זייער גײַסט קאָנען פערקערפערען איִן טהאַטען, און סטאַרען זיִך איִבּערצושטײַגען איִינע די צווייִטע דורך אָט די וועגען, וואָס זיי נעהמען איִינע בּײַ דער צווייִטער. אַנדערש איִז אָבער, ווען איִינע פון זיי איִז קלענער און שוואַכער אַ סך פון דער צווייִטער מיִט איִהרע פיִזיִשע אָדער גײַסטיִגע כחות, אַזוי, אַז זי דערפיִהלט אַוש חולשת-הדעת און התבּטלות-היִש, דערוועהענדיִג פלוצלונג די צווייִטע בּעסערע פאַר איִהר געזעלשאַפט, — דאַמאָלסט בּרענגט מיִט איִהר התבּטלות, אַז זי זאָל איִבּערנעהמען איִנגאַנצען דאָס פיִהרעכץ פון דער צווייִטער, ניִשט כּדי זי זאָל איִהר איִיגענעם גײַסט צו טעטיִגקײַט בּרענגען, נאָר בּלויז אוים כּבוד און הכנעה, און דעריִבּער — איִז איִהר נאָכאַהמונג אַ פאָלשטענדיִגע, אָהן שום שנוי, און ניִשט נאָר איִן די ענינים, וואָס האָבּען גורם געווען, אַז זי זאָל התבּטלות בּעקומען, און איִן וועלכע יענע געזעלשאַפט, פון וועלכע די נעהמט איִבּער, האָט וויִרקליִך דערגרייִכט אַ הויכע מדרגה, נאָר אויך איִן אַזוינע זאַכען, וואָס די לעצטע אַליין האַלט זיִך נאָך אָן זיי, נאָר צוליִעבּ דעם התבּטלות, וואָס זי האָט פאַר דעם ווײַטען עבר איִהרען, וועלכע וואָלט אַן און פאַר זיִך לחלוטין ניִשט בּכח געווען בּרענגען אַ אַנדער געזעלשאַפט צו פיִהלען התבּטלות פאַר איִהם.

אַזאַ מצב איִז זעהר געפעהרליִך פאַר דער עקזיִסטענץ פון דער געזעלשאַפט, וועלכע געפיִנט זיִך איִן איִהם. דאָס נײַע התבּטלות פאַר דער פרעמדער געזעלשאַפט שוואַכט אָבּ בּיִסלעכווײַז דאָס אַלטע

התבטלות, דאָס התבטלות פאַר די אייגענע „זיידעס“; דער נאָכאַהמונגס־צענטר גערט איבער אַלץ מעהר פון די לעצטע צו דער ערשטער, און דאָס געפיהל פונ׳ם נאַציאָנאַלען אָדער געזעלשאַפטליכען יש, נישט האָבענדיג זיך אויף וואָס אָנצושפאַרען, ווערט פון זיך פערניכטעט, ביז די געזעלשאַפט קומט ענדליך צו אָט יענעם משונה־דיגען מצב, וועלכער איז נישט קיין לעבען און נישט קיין טויט, דער מצב פון אַ „פערבראָכענער נשמה אין אַ לעבעדיגען גוף“. און דאַן הויבען־אָן אירע מיטגלידער בעפרייען אייניציגווייז זייער אייגענעם יש פון אָט דעם מצב דורך דעם, וואָס זיי אַסימילירען זיך אינגאַנצען צווישען דער פרעמדער געזעלשאַפט.

ווען די סבה פונ׳ם התבטלות איז אַ כח־גשמי, און די שוואַכע געזעלשאַפט האָט קיין שום האָפנונג נישט, זי זאָל אויך צוקומען צו אַ גרויסען כח־גשמי, דאַן איז באמת קיין אַנדער עצה נישטאָ פאַר איהר אַ חוץ אַסימילאַציע. און אויף אַזאַ וועג זענען פערלוירען און פערניכטעט געוואָרען אין די אַמאָליגע צייטען אָט יענע אַלע קליינע נאַציעס, דאָס לאַנד פון וועלכע זענען איינגענומען געוואָרען דורך שטאַרקערע פון זיי. דער כח פון דער האַנד, וועלכער איז געוועזען דער גרעסטער אידעאַל אין יענע צייטען, פלעגט תמיד מיטברענגען, אַז די בעזיעגטע נאַציע זאָל איהר יש מבטל זיין פאַר דער נאַציע, וואָס האָט איהר בעזיעגט, און נאָכדעם, וואָס זי האָט שוין פיעל יאָהרען אין עבדות און שפלות געלעבט, נישט קאָנענדיג העלפען זיך, איז אינגאַנצען שוין אָבגעשטאָרבען אין האַרצען פון אירע קינדער דאָס „יראת־הרוממות“־געפיהל פאַר די „זיידעס“, און אייניציגווייז האָבען זיי איהר אַוועקגעוואָרפען און אויסגעמישט זיך מיט איהר שונא, וואָס איז שטאַרקער פון איהר.

נישט אַזוי אָבער גערט עס געוועהנליך, ווען די התבטלות קומט צוליעב אַ גרויסע גייסטיגע קראַפט. דעם פרעמדען כח־גשמי זעהען אַלע דורך די מעשים זיינע, און דער שוואַכער קאָן נישט נישט־דערשאַצען זיין ווערטה אָדער שטערען איהם; דאַמאָלסט, ווען דער כח־רוחני, וואָס קומט פון דרויסען, איז נישט זעהבאַר פאַר יעדען, און מען קאָן דורך פערשיעדענע מיטלען פערקלענערען די ווערטה זיינע און נישט לאָזען איהם אַריינצודרינגען אין דער פרעמדער פאַר איהם געזעלשאַפט. דעריבער ווען אַ פרעמדער כח־רוחני איז גורם התבטלות אין וועלכער עס איז געזעלשאַפט, און אירע אינ־

דיוידואומען הויבען־אן איבערצוגעהמען דאס פרעמדע לעבען, אין וועלכע ער פערקערפערט זיך, געכוינען זיך שטענדיג צווישען איהרע „פאטריאטען“, וואס סטארען זיך ארויסצוווארפען דעם פרעסטיזש פונ'ם פרעמדען כח אין די אויגען פון דער געזעלשאפט און צו דער־ווייטערען זיי לגמרי פון די גרענעצען פונ'ם פרעמדען לעבען, כדי זיי זאלען זיי נישט זעהען און נישט פערשטעהן און נישט נאכ־ציהען זיך נאך זיי. און אפטמאל גיט זיך זיי ווירקליך איין אנצולעגען שטיינער אויף דעם וועג פונ'ם פרעמדען כח, ער זאל זיך נישט קאנען פערשפרייטען, און אט אזוי ארום פערצוימען זיי דאס מויל דער נאכאהמונג שוין אין די ערשטע טריט איהרע. קיין רפואה שלמה ברענגט אבער נאך נישט אט דאס מויל־פערצוימען, און די געזעלשאפט שטעהט שטענדיג אין סכנה, אז די לעבענס־בעדינ־גונגען זאלען נישט גורם זיין, אז די מיט גוואלד דערווייטערטע זאלען זיך נישט דערנעהענטערען נאכאמאל איינער צום צווייטען, און דאן וועט דאס התקרבות צו התבטלות ברענגען, און דאס התבטלות צו נאכאהמונג, און די נאכאהמונג צו אסימילאציע. און נאכמעהר, דאס דערווייטערען אליין פון די פאטריאטען ברענגט אפטמאל מיט, אז דאס התבטלות זאל זיך נאך מעהר פערשטארקען ביי פיעל מענשען, וואס זעהען דאס פרעמדע לעבען פון דערווייטענס און בעגעהרען עס מיט דעם גאנצען הארצען, נישט קאנענדיג אבער דערנעהנטערען זיך צו דעם, צוברעכען זיי דעם פארקען, וואס פערצוימט זיי דעם וועג, מיט איין מאל אין געהען איבער אין לאגער פון פיינד.

און אט דער נסיון, מיט וועלכען זיי ווערען געשטראפט, ברענגט ענדליך דערצו, אז די מנהיגים פון דער געזעלשאפט און איהרע חכמי־הדור — און אז וואויל איז צו זיי און צו דער גע־זעלשאפט, אויב זיי קומען צו דערצו בעצייטענס! — אז זיי זאלען זייערע אויגען עפענען און איינזעהן, אז נישט די נאכאהמונג אן און פאר זיך ברענגט צו אסימילאציע, נאר דאס התבטלות ברענגט עס צו אסימילאציע. די נאכאהמונג איז מעהר נישט, ווי א מיטעל ביי איהם, ביים התבטלות, און דעריבער, אויף דעם אורט פון נישט צו דערלאזען צו נאכאהמונג, בעדארף מען נאר די התבטלות אליין מבטל זיין, און אויך דורך דער פערמיטלונג פון דער נאכאהמונג, נאר אין איהר צווייטער פארם, אין דער

פאַרם פון קאָנקורענץ. מען בעדאַרף מאַכען, אַז די געזעלשאַפט זאָל ווערען מסוגל צו קולט זיין אין זיך אַט יענעם כח־רוחני, וואָס פיהרט איהר צו התבטלות, אַזוי, אַז זי זאָל שוין קיין שום סבה נישט האָבען מעהר צו קוקען מיט יראת־הרוממות אויף דעם פרעמדען לעבען, אין וועלכען יענער כח ווערט פערקערפערט, נאָר, פערקעהרט, זי זאָל זיך בענוצען אַט מיט יענעם כח אַליין, כדי „צו מאַכען זעהבאַר איהר אייגענעם גייסט דורך די אייגענע דרכים, מיט וועלכע יענער, וועלכען מען טהוט נאָך, האָט זיך בענוצט אויף צו מאַכען זעהבאַר זיין גייסט“. — ווען די געזעלשאַפט וואָלט זיך שוין נאָר שטעלען אויף דעם וועג פון נאָכאַהמונג, וואָלט די אייגענליעבע איהרע געווירקט אויף איהר, צו גלויבען אין איהרע אייגענע כחות און צו בעליעבען אויף איהר איהרע אייגענע נאָכאַהמונגס־טהאַטען מעהר פון די נייעסען, וואָס די אַנדערע איז מחדש. און וואָס מעהר די נאָכאַהמונג איהרע וואָלט אין דער ריכטונג געגאַנגען, אויף אַזוי פיעל וואָלט זי אַלץ מעהר איהר גייסט בעוויזען אין איהרע נאָכאַהמונגען, זי וואָלט אַלץ מעהר און מעהר געענדערט דעם מאָדעל, וואָס די געזעלשאַפט, ביי וועלכע זי נעהמט איבער, האָט פאַר איהר געצייכענט, און אַט אַזוי וואָלט זיך אַלץ מעהר געשטאַרקט אין איהר דאָס געפיהל פון איהר יש, — און דאָס אַסימילאַציע־געפאַהר וואָלט אינגאַנצען פערשוואונדען.

אַט אַזוי פלעגט געהן דער נאָכאַהמונגס־פּראָצעס אין די אַמאָליגע יאָהרען, אויף אַזאַ אופן האָבען די רוימער די גריכישע ציוויליזאַציע איבערגענומען, און אין דער נייער צייט, די רוסען ביי די מערב־פעלקער. אי די, אי יענע האָבען אָנגעהויבען מיט התבטלות פאַר דעם פרעמדען כח־רוחני, און דעריבער — מיט דער נאָכאַהמונג פונ'ם פרעמדען לעבען, טראַכטען און רעדען, און טהון, מיט אַלע זייערע תגים; און פאַטריאָטען, ווי קאַטאָן דער רוימער, וואָס האָבען זיך געפרובט פערצוימען לגמרי דעם וועג פאַר דער נאָכאַהמונגס־שטרעמונג, האָבען נאָר צייטענווייז רואה ברכה געווען, און די רעטונג זייערע איז געווען נאָר אַ רעטונג אויף אַ ווײַלע; ביז עס האָבען זיך קלוגערע פאַטריאָטען געפונען און האָבען אָנגעהויבען צו פיהרען די נאָכאַהמונג אויף דעם וועג פון קאָנקורענץ, צו פערקערפערען דעם כח־רוחני, וואָס איז די סבה פון התבטלות, אינ'ם אייגענעם לעבען פון זייער פאָלק, — דאַמאָלסט איז די התבטלות

פון זיך אַליין פערשוואונדען געוואָרען, און די נאָכאַהמונג האָט נאָך פערשטאַרקט דאָס געפיהל פונ'ם נאַציאָנאַלען יש.

און דעריבער איז דאָס יודישע פאָלק לעבען געבליבען אין גלות. און עס האָט זיך נישט אויסגעמישט צווישען די פעלקער, טראָץ דער נייגונג צו נאָכאַהמונג, וואָס הערשט אין איהר שטענדיג.

נאָך אין דער עפּאָכע פון די נביאים האָבען אונזערע עלטערען זיך אויסגעלערנט צו פעראַכטען די קראַפט פון פויסט אין שעצען נאָר די גייסטיגע קראַפט. און דעריבער האָבען זיי אויך שפּעטער קיינמאָל קיין התבטלות נישט געהאַט פאַר דער שטאַרקער האַנד פון זייערע פייניגער. נאָר אַ וועלכע עס איז גייסטיגע קראַפט, וואָס זיי האָבען דערזעהען אַ מאָל אינ'ם לעבען פון די פרעמדע פעלקער, האָט געקאָנט גורם זיין, זיי זאָלען התבטלות בעקומען און נאָכ־ציהען זיך אָהן אויפהער נאָך יענעם לעבען. און, ווייסענדיג דאָס, האָבען די מנהיגים פון פאָלק געסטאַרעט זיך דעריבער צו דער־ווייטערען איהם אינגאַנצען פונ'ם גייסטיגען לעבען פון די פרעמדע פעלקער און נישט צו דערלאָזען צו קיין שום נאָכאַהמונג. אָט דאָס דערווייטערען, אַ חוץ וואָס עס האָט גורם געווען, אַז פיעל זאָלען מיט איינמאָל „פורץ גדר" זיין, האָט לויט דעם מצב, אין וועלכען יודען געפינען זיך צווישען די פעלקער, אויך נישט שטענדיג גע־קאָנט פערווירקליכט ווערען. און ווען די טעג פון דערנעהענטערען זיך זענען אָנגעקומען און זיך אָהן אויפהער געצויגען, דאַמאָלסט האָט זיך כסדר אַרויסגעוויזען, אַז גאָר אומזיסט איז געווען די זאָרג פון די פּאַטריאָטען און זייער סטאַרען זיך אינגאַנצען אָבצוזונדערען די יודען איז געווען לחלוטין נישט נויטיג. וואָרום נישט נאָר אַ נייגונג, נאָר אויך גרויסע פעהיגקייטען פערמאָגט אונזער פאָלק צו נאָכאַהמען. וואָס אַ יוד טהוט נאָך — טהוט ער עס גוט נאָך, און גאָר אין אַ קליינער צייט דערגרייכט ער צו דער מדרגה, ער זאָל קאָנען שוין זיך מסגל זיין אָט יענעם „פרעמדען גייסטיגען כח", פאַר וועלכען ער האָט התבטלות געהאַט; און דאַמאָלסט געפינט ער שוין געלעהרטע, וואָס לערנען איהם, ווי אַזוי זיך צו בענוצען אָט מיט דער קראַפט, כדי זיין אייגענער גייסט זאָל זיך קאָנען בעשיטצען; דאָס התבטלות ווערט דאַמאָלסט ווי פון זיך אַליין

פערשוואונדען, און די נאָכאַהמונג ציהט אַרויף אויף זיך די פאָרם פון קאָנקורענץ און פערשטאַרקט נאָך מעהר דאָס געפיהל פונ'ם יודישען יש.

נאָך אַ שטיק צייט איידער עס האָבען זיך העלעניסטען בעוויזען אין ארץ־ישראל, וואָס האָבען געוואָלט מבטל זיין דאָס יודענטום צוליעב דער גריכישער ציוויליזאַציע, האָבען זיך די יודען אין עגיפטען מתקרב געווען צו די גריכען און צו זייערע לעבענס־פאָרמען, צו זייער גייסט און קולטור, אין דאָך געפינען מיר נישט, אַז עס זאָל זיך ביי זיי אַ גרויסע בעוועגונג דערוועקען צו אַסימילאַציע; אדרבא, זיי האָבען זיך בענוצט מיט זייערע גריכישע ידיעות צו מאַכען זעהבאַר דורך זיי דעם אייגענעם גייסט פונ'ם יודענטום, וויזען זיין שענקייט פאַר דער גאַנצער וועלט און אַראָבוואַרפען דורך איהם דעם הויכען פרעסטיזש פון דער גריכישער ציוויליזאַציע. דורך דער נאָכאַהמונג, אַלזאָ, וואָס די ערשטע סבה איהרע איז געווען התבטלות פאַר דעם פרעמדען גייסטיגען כח, האָט זיך זיי איינגעגעבען צו מסגל זיין זיך אָט דעם כח און איבערצוגעהן דאַמאָלסט פון התבטלות צו קאָנקורענץ.

ווען אָט יענע שבעים זקנים, וואָס האָבען איבערזעצט די תורה אין גריכיש פאַר די עגיפטישע יודען, וואָלטען אינאיינעם מיט דעם אויך געווען איבערזעצען פלאַטאָנ'ען אין העברעאיש פאַר די ארץ־ישראל יודען, כדי צו מאַכען די גייסטיגע קראַפט פון די גריכען פאַר דעם קנין פון אונזער פאָלק אין זיין לאַנד און אין זיין שפּראַך, דאַן איז גלויבליך, אַז אויך אין ארץ־ישראל וואָלט געווען די התבטלות אין קאָנקורענץ איבערגעהן, און נאָך מעהר צום גונסטען פון דער ענטוויקלונג פונ'ם יודישען פאָלקס־גייסט, און ממילא וואָלטען זיך נישט געווען בעוויזען דאַמאָלסט אין אונזער פאָלק „בוגדים מרשיעי ברית“, פערעטער און רשעים, און מען וואָלט אפשר קיין חשמונאים נישט בעדאַרפט האָבען און עס וואָלטען שוין אויך נישט געווען אָט די אַלע גייסטיגע פאָלגען, די הויפּט־סבה פון וועלכע עס ליעגט אַלץ אין יענער צייט, און ווער ווייסט, צי די גאַנצע היסטאָריע פון דער מענשהייט וואָלט פאַר זיך דאַמאָלסט גאָר אַנ'אַנדער וועג נישט אויסגעקליבען.

די זקנים אָבער יענע האָבען עס נישט געטהון, און גאָר ערשט שפּעטער, אין אַ שטיק צייט אַרום, אין דער צייט פון דער

אַראַבּישער ציוויליזאַציע, איז דער גייסטיגער כח פון די גריכען געוואָרען אונזער פאָלקס־קנין, אין זיין אייגענער שפּראַך, שוין אָבער נישט אין זיין אייגען לאַנד, און דאָך, אַפּילו אין יענער צייט, אויף אַ פרעמדען באָדען, איז גאָר אין אַ קורצער צייט דאָס התבטלות אין קאָנקורענץ איבּערגעגאַנגען, און וואונדערבּאַרע מעשים האָט די נאָכאַהמונג אין דער פאָרם בּעוויזען. די שפּראַך, די ליטעראַטור, די רעליגיע — אַלע האָבּען זייער יוגענד בּענייט און צוזאַמען האָבּען זיי געאַרבּייט דאַרויף, אַז דער אייגענער גייסט פון'ם יודענטום זאָל זיין ריכטיגען אויסדריק פאַר זיך געפינען דורך דעם נייעם גייסטיגען כח. און אָט דער נייער כח איז אויף אַזוי פיעל צוזאַמענגעשמאָלצען געוואָרען מיט דעם יודישען וועזען, אַז די חכמים פון יענער צייט האָבּען גאָר נישט געקאָנט גלויבּען, אַז פרעמד איז זיי דער גייסט, און אַז עס איז מעגליך, אַז די יודען זאָלען האָבּען עקזיסטירט ווען עס איז אָהן איהם, און האָבּען זיך דאָס האַרץ נישט געקיהלט בּיז זיי האָבּען אַ אַלטע לעגענדע געפונען, אין וועלכער עס דערצעהלט זיך, אַז סאָקראַט און פּלאַטאָן האָבּען זייער חכמה געלערנט פון די נביאים און אַז די גאַנצע חכמת־יון איז אַרויסגעגנבה'ט פון די יודישע ספרים, וועלכע זענען פערלוירען געגאַנגען אין דער צייט פון'ם חורבן.

און פון דאַמאָלסט אָן האָט ווידער אונזער פאָלק איבּער־געלעבּט צוויי תקופות איינע נאָך דער צווייטער: איינע אַ דויערנדע, פון פאָלשטענדיגען דערווייטערען זיך, און איינע אַ קורצע, פון פאָלשטענדיגער התבטלות. איצט יעצט אָבּער דערנעהנטערט זיך אַליין מעהר אונזער פאָלק צו דער איבּערצייגונג, אַז נישט אין זיי איז די הילף זיינע, נאָר אינ'ם דריטען וועג, וואָס ליעגט אין דער מיטען: דער וועג, וואָס פיהרט צום פערפאָלקאָמען פון'ם נאַציאָנאַלען יש דורך דער קאָנקורענץ־נאָכאַהמונג.

די סימנים פון אָט דער איבּערצייגונג האָבּען זיך בּעוויזען נישט נאָר אין דער לעצטער צייט, ווען דער יודישער „נאַציאָנאַליזם" האָט פאַר זיך אַ בּעזונדער אייגענע פאָהן געשאַפען, נאָר אויך נאָך מיט אַ היבּשע צייט פריהער, פון איין זייט דערמיט, וואָס עס איז בּע־שאַפען געוואָרען אַ ספּעציעלע ליטעראַטור אין די איראָפּעאישע שפּראַכען וועגען דעם יודישען גייסט און זיין ווערטה, און פון דער צווייטער זייט דערמיט וואָס עס איז אַ פּראַקטישע בּעוועגונג

אויסגעוואַקסען דאַמאָלסט צו רעפאָרמירען די אויסערליכע פאָרם פון יודענטום. אויף אָט דער פראַקטישער בעוועגונג האָבען אמת פועל, און בתוכם אויך איינינע פון די רעפאָרמאַטאָרען אַליין אויך, געקוקט, ווי אויף אַ האַסטיגען טריט צו דער אַסימילאַציע. עס איז אָבער אַ טעות. ווען די התבטלות דערגרייכט שוין צו אַזאַ מדרגה, אין וועלכער די בעזיצער איהרע פיהלען שוין מעהר נישט קיין שום אינערליכע פערבינדונג מיט דער ירושה פון די עלטערען, און ווילען באמת, אַז זייער געזעלשאַפט זאָל זיך אינגאַנצען בעפרייען פון דער ירושה, דורך דעם, וואָס זיי זאָלען זיך אויסמישען אין אַ פרעמדער געזעלשאַפט — דאַמאָלסט פיהלען זיי שוין אויך מעהר נישט קיין בעדערפעניש, צו דערהויבען אָט די שיטה צו דער מדרגה פון פאָלקאָמענהייט, וואָס איז נויטיג פאַר איהר, לויט זייערע בעגריפען, נאָר אדרבא, זיי זענען מעהר נוטה, לאָזען זי, ווי זי איז, ביז זי וועט פון זיך אַליין נישט בלייבען, און ביז דאַן, ווען דער צופאַל ברענגט זיי נאָר צו טהון די מעשים פון זייערע עלטערען, טהוען זיי עס, פערקעהרט, דוקא מיט התבטלות, נאָר די התבטלות איז גאָר פון אַנ'אַנדער מין, זי איז אַ געמאַכטע, נישט קיין נאַטירליכע, אויף אַ ווײַלע, גלייך ווי נישט זיי טהוען עס, נאָר דער גייסט פון די אָבות האָט עס זיך מתלבש געוועזען אין זיי אין דער צייט און טהוט אָט יענע מעשים אויף דעם אייגענעם אופן, וואָס ער פלעגט זיי אַמאָל טהון.

גייגער זאָגט אַ קאַטעגאָרישע מיינונג אַרויס, אַז דער, וואָס שרייבט העברעאיש היינטיגע צייטען, האָט כלל נישט זיין אייגענעם גייסט, דאָס, וואָס ער שרייבט מיט זיין פען, נישט ווילענדיג לעבט ער דאַמאָלסט אין אַנ'אַנדער וועלט, אין דער וועלט פונ'ם תלמוד און פון די רבנים, און ציהט זיך נאָך זיי מיט זיינע מחשבות. און אָט די מיינונג איז ווירקליך אַ ריכטיגע בנוגע צום רוב פון אונזערע הכמים אין מערב (ווי עס קאָן עדות זאָגען דאַרויף זייער סגנון), ביי וועלכע עס איז שוין לגמרי איבערגעריסען געוואָרען די פערבינדונג, וואָס צווישען דער שפראַך פון זייערע עלטערען און צווישען זייער אינדיווידועלען יש. די העברעאישע שריפטשטעלער אָבער, וואָס אין צפון און אין ארץ־ישראל, ביי וועלכע די שפראַך איז נאָך עד היום אַ טייל פון זייער וועזען, פיהלען בשעת זיי שרייבען, פערקעהרט, אַ בעדערפעניש, אַז אַלעס, וואָס זיי שרייבען זאָל דיקטירט

ווערען פון זייער אייגענעם אינערליכען גייסט, און בעמיהען זיך דעריבער אויסצובעסערען די שפראך און צו דערהויבען זי צו דער מדרגה פון דער געווינשטער פאלקאמענהייט, כדי זייער גייסט זאל זיך קאנען גראם מתלבש זיין אין איהר, ווי דער גייסט פון די עלטערען האט זיך מתלבש געווען אין איהר אין זייער צייט.

און ווען מיר זעהען, אלזא, אז אט דער גייגער אליין מיט זיין סיעתא טהוען אויך די אייגענע ארבייט, וואס מיר, זיי גיבען אוועק אלע זייערע יאהרען און כחות אויף אויסצובעסערען לויט זייערע בעגריפען נאר איין אנדער טייל פון דער ירושה פון די עלטערען און קאנען זיך דאך נישט בעגנוגענען מיט דעה, וואס די עלטערען בעגנוגענען זיך דארטען,—איז דאס דאך פאר אונז א נייעת ער בעווייז, אז דא איז דאס ארט פונ'ם לעבענס-קוואל פון זייער יודישען יש, וועלכער איז נאך נישט אבגעשטארבען אינגאנצען ביי זיי אין הארצען, ער איז נאר איינגעשרומפען געווארען, און אז זייער אמת'ער און אינערליכער פערלאנג (צי זיי זענען זיך מודה אין דעם פאר זיך און פאר אנדערע, צי ניין), איז: ברענגען צו טע-טיגקייט דעם אייגענעם גייסט דורך די אייגענע דרכים, מיט וועלכע עס בענוצט זיך דאס פאלק, פון וועלכען מען נעהמט איבער צום גונסטען פון זיין גייסט".

פאר אסימילאציע האט אלזא אונזער נאציע נישט וואס מורא צו האבען אויך אין דער צוקונפט. זי האט אבער זעהר פיעל וואס מורא צו האבען פאר התפרדות, פאר צושפאלטונג. ווארום מחמת דער כאראקטער פון דער ארבייט פון אונזער פאלק, וואס זיי ארבייטען אויף צו פערפאלקאמען זייער נאציאנאלען יש, הענגט אב אין יעדען ארט פונ'ם כאראקטער פונ'ם גייסטיגען פרעמדען כח, וואס הערשט אין יענעם ארט, און וועלכער רופט ארויס ביי איהם די קאנקורענץ-נאכאהמונג, — קאן מען מורא האבען דעריבער, אז די דאזיגע ארבייט זאל זיך נישט צובערקלען, זי זאל נישט אוועק-געהן אין פערשיעדענע ריכטונגען, ענטשפרעכענד די פערשיעדענע גייסטיגע קרעפטען אין פערשיעדענע לענדער, ביז מיט דער צייט וועלען שוין די יודען אינגאנצען אויפהערען צו זיין איין פאלק, נאר בעזונדערע, אבגעטיילטע שבטים, ווי עס איז געווען אין זיינע ערשטע קינדערשע יאהרען.

און אָט די מורא האָט אויף וואָס אָנצושפּאַרען זיך אויך אין דער פּראַקטיק. אָט אין די צפון־לענדער, למשל, האָבען די יודען געקראָגען זייער ערשטע בילדונג פון זייערע ברידער אין דייטשלאַנד.

דער אָביעקט פון דער התבטלות, און אינאיינעם מיט איהם אויך דער צענטער פון דער נאָכאַהמונג, איז געווען פאַר זיי דאַמאָלסט נישט דער פרעמדער מאָראַלישער כח פון דעם אָרט, אין וועלכען זיי האָבען זיך געפונען, נאָר דער כח־רוחני פון זייערע ברידער אין דייטשלאַנד, און דעריבער האָבען זיי אין אַלעם פאָלשטענדיג נאָכגעטהון די לעצטע, נישט רעכענענדיג זיך כלל דערמיט, וואָס זיי געפינען זיך אין אַנ׳אַנדער אָרט און אין אַנ׳אַנדער לאַגע, גלייך ווי זיי וואָלטען אויך זיין פאָלשטענדיגע דייטשען אין אַלע הינזיכטען. אין אַ צייט אַרום אָבער, ווען די יודען אין די צפון־לענדער האָבען זיך שוין איינגעלעבט מיט דער „השכלה“ אין אַ געוויסער מאָס און האָבען דערפיהלט אין זיך די נייע קראַפט, זענען זיי פון התבטלות אין קאָנקורענץ איבערגעגאַנגען שוין אויך אפילו בנוגע צו זייערע בעציהונגען צו די דייטשע יודען און האָבען אָנגעהויבען צו ענדערען די פאָרמען פון די לעצטע לויט דעם גייסטיגען כח פון די לענדער, אין וועלכע זיי וואָהנען. — און די פראַנצויזישע יודען דיענען נאָך היינט אויך אַלס אָביעקט פון התבטלות און נאָכאַהמונגס־צענטער פאַר אונזערע ברידער, וואָס אין מזרח. אויך דאָרטען אָבער איז אָט דער מצב נאָר אַ צייטווייליגער, ביז די לעצטע וועלען דערפיהלען אין זיך דעם נייעם כח. — און אָט אַזוי זעהען מיר, אַז וואָס מעהר קרעפטיגער און רייכער עס ווערט וועלכעס עס איז טייל פון אונזער פאָלק, אַלץ מעהר ווערט עס בעפרייט פון צו זיין אונטערגעוואָרפען אונטער דער מאַכט פונ׳ם צווייטען טייל, וואָס האָט געדיענט פאַר איהם אַלס צענטער, אַרום וועלכען זיינע נאָכאַהמונגען האָבען זיך פריהער אַרומגעדרעהט, און דעריבער פערגרעסערט זיך אַלץ מעהר די סכנה פון צושפּאַלטונג.

אויך אָבער פון אָט דער סכנה איז אַ רעטונג פאַרהאַן, אָבער מאַקי נאָר איינע. אַזוי ווי אינ׳ם מצב פון „ווערדען“ דערגרייכט די געזעלשאַפט די צונויפשמעלצונג פון איהרע בעזונדערע אינדיווידואומען, נישט קוקענדיג אויף זייערע אינדיווידועלע בייגונגען, דורך דעם צענטראַלען מענשען, וואָס געפינט זיך

אין איהר, — אט אזוי איז אויך איינ'ס מצב פון צושפאלטונג קאן די נאציע דערגרייכען די צונויפשמעלצונג פון איהרע בעזונדערע טיילען, נישט קוקענדיג אויף זייערע ארטיגע נייגונגען, דורך א צענטראלען ארט, וואס איז בכח אן און פאר זיך, נישט צוליעב וועלכען עס איז זייטיגען צופאל, וואס בעדארף מיט דער צייט פערשווינדען, „צוציהען צו זיך אלע הערצער“, גורם זיין, אז די צושפרייטע טיילען פונ'ם פאלק זאלען אלע האבען אין איין גלייכער מאס התבטלות פאר איהם, אזוי, אז די רעזולטאטען פון דער נאכאהמונג'ס־קאנקורענץ פון זיי אלע זאלען אין איהם געפינען זייער שמעלץ־קעסעל און פעראייניגט ווערען דורך איהם.

און אויב אין דער צייט פון דער ערשטער צושפאלטונג, נאך אין די קינדערשע יאהרען פון אונזער פאלק, איז גענוג געווען די גבורה פון דוד'ן מיט דער חכמה פון שלמה'ן צו בעשאפען פאר איהם אט אזא צענטר, איז איצט, אויף דער עלטער, וועלען שוין נישט העלפען, נישט די גבורה פונ'ם גבור, נישט די חכמה פונ'ם חכם און נישט דאס עשירות פונ'ם גביר אויף צו בעשאפען אט אזא נייעם צענטר, און צי זיי ווילען, צי ניין, מוזען די אלע, וועמען עס איז געוואונשט די איינהייט פון אונזער נאציע, אונטער־געבען זיך סוף־סוף דער היסטארישער נויטווענדיגקייט און אויפהויבען די אויגען זייערע צו מזרח, צום ארט פונ'ם אלטען נאכאהמונגס־צענטר.

דער כהן און דער נביא.

די מעכאַניק לערנט אונז, אַז דאַמאָלסט, ווען עס טרעפען זיך צוזאַמען צווי בעוועגליכע כחות, וואָס יעדערער פון זיי שלעפט אין אַנאַנדער זייט, איינער קיין צפון למשל, און דער צווייטער קיין מזרח — בעשאַפען זיי פון זיך אַ נייעם בעוועגליכען כח, אַ פשרה׳דיגען, וועלכער ציהט זיך נישט אַהער און נישט אַהין, נאָר ער דרעהט אין איין פונקט, אין מיטעל־פונקט. דאַמאָלסט, ווען די מענשען זענען געוועהנט געווען צו־צושרייבען יעדען בעוועגליכען כח אויך אַ בעוועגענדען ווילען, האָבען זיי אַודאַי אויך אָט די ערשיינונג געמוזט ערקלערען דערמיט, וואָס אָט די צווי עקסטרעמע זעלבשטענדיגע כחות האָבען סוף־כל־סוף אַ פשרה געמאַכט צווישען זיך. זיי האָבען מיט זייער אייגענעם גוטען ווילען גלייך אַיינגעשטימט, אַז יעדער איינציגער פון זיי זאָל זיך בעגנוגענען מיט ווייניג, כדי עס זאָל בלייבען אַנ׳אָרט אויך פאַר דעם צווייטען. יעצט, אָבער, ווען מיר קאָנען שוין אונטערשיידען צווישען אַ מעכאַנישען בעוועגליכען כח און צווישען אַ בעוואוסטזיניגען בעוועגליכען כח, ווייסען מיר שוין אויך, אַז נישט בעוואוסטזיניג און נישט מיט זייער אייגענעם ווילען בעשאַפען דאָ די עקסטרעמע כחות זייער „פשרה“, נאָר, פערקעהרט. יעדער איינציגער פון זיי טהוט זיך טאַקי דוקא נאָר זיין זאַך אַליין, אַלע זיינע קרעפטען שטרענגט ער אָן, ער זאָל אַפילו אויף קיין האָהר פון זיין ריכטונג נישט אָבטרעטען, אַ דאַנק אָבער טאַקי אָט דער אָנשטרענגונג פון זיי ביידע, קומט שוין בּמילא אַרויס אָט די דריטע ריכטונג, די מיטעלמעסיגע ריכטונג, וועלכע איז אמת אַ טאָכטער פון יענע צווי, זי איז אָבער דאָך נישט ענהליך, נישט צו דער ערשטער און נישט צו דער לעצטער.

ווי עס איז בעוואוסט, איז אַפילו די ריכטונג פון דער שטערען־בעוועגונג נישט אָבהענגיג נאָר פון דער שטעלונג, אין וועלכער יעדער איינציגער פון די שטערען געפינט זיך בנוגע צו דער זון, נאָר, אַ חוץ דעם, אויך פון דער ווירקונג, וואָס זיי ווירקען איינער אויף דעם אַנדערען, דורכמאַכענדיג זייער קורס. אָט דאָס, וואָס יעדער איינציגער פון זיי שטרעבט צו בעוועגען זיך דוקא אין אַ געוויסער ריכטונג, צווינגט יעדען פון זיי, ער זאָל דוקא פערקריכען אַ ביסעל אין דער זייט פון דעם וועג, וועלכער איז איהם געוואונשט, אין וועלכען ער וואָלט געגאַנגען, ווען ער וואָלט זיין אַ „הולך יחידי“. און ווען מיר וואָלטען אַלוא זוכה זיין, ווי סאָקראַטעס אין זיין צייט, צו הערען מיט אונזערע אויערען די „הימעל־האַרמאָניע“, וואָלטען מיר אפשר הערען נאָר אַ שטענדיג אַרומאַמפערען זיך אין די „עולמות העליונים“. מיר וואָלטען הערען, ווי יעדער איינציגער שטרענגט אָן זיין לעצט ביסעל כחות דורכצושלאָגען פאַר זיך אַ וועג, לויט זיין אייגענעם ווילען און פערלאַנג, און וויל בשום ענין ואופן גאָר נישט מבטל זיין פון זיין אייגענעם ווילען צוליעב דעם ווילען פון זיינע חברים; היות אָבער אַלע טהוען דאָס אייגענע, קאָן שוין במילא קיינער פון זיי נישט רעאַליזירען זיין אייגענעם ווילען פאָלקאָם. און אָט אויף אַזאַ אופן ווערט בעשאַפען די אויסערליכע האַרמאָניע פון זיך אַליין דורך דעם אָנטייל פון זיי אַלע, אָבער אָהן דער הסכמה אַפילו פון איינעם פון זיי. און נאָך מעהר, ווען, למשל, בדרך־נס וואָלטען איינינע פון זיי פלוצלונג געוואָרען גרויסמוטהיג, ווי מיר רופען עס אָן, אַזוי, אַז זיי וואָלטען קאָנען אַרויסגעהן אויף אַ ווייַלע פונ'ם ענגען קרייז פון זייערע אינטערעסען און ווילען, כדי אַרומצונעהמען און צו פערשטעהן אויך דעם ווילען פון אַנדערע, פאַר וועלכען זיי וואָלטען מאַכען אַ ברייטען און גראַמען וועג, דאַמאָלסט וואָלטען אין איין מאָמענט אַלע מעשה־בראשית חרוב ונחרב געוואָרען און עס וואָלט ווידער אַמאָל אַ תהו ובהו פון דער וועלט ווערען.

און ווען דאָס אויג וואָלט האָבען רשות צו קאָנען זיך איינקוקען אויך אין דעם, וואָס ווערט אָבגעטהון אין דער טיעפעניש פונ'ם „קליינעם וועלטעל“, אין דער מענשליכער נשמה, וואָלטען מיר דאָרטען אויך בעמערקט די אייגענע ערשיינונג.

די יודישע חכמים, וואָס האָבען אויף אַלעם געקוקט דורך

„מאָראַל־שפּאַקולען", האָבען קאָנסטאַטירט אינ'ם לעבען פון דער מענשליכער נשמה, נאָר צוויי „זעלבשטענדיגע כחות": דער יצר־טוב און דער יצר־הרע. און אַט די מלחמה צווישען אַט די ביידע קעמפּפענדע כחות ציהט זיך איבער דעם גאַנצען מענשליכען לעבען אָהן אויפהער און אָהן רחמנות, און עס איז גאָר קיין שום מעגליכקייט נישט פאַרהאַן, צו אויסגלייכען זיי, היות יעדער איינציגער וויל דוקא ערווערבען אַלעס, צו וואָס ער שטרעבט, פאָלקאָם, ביז צום לעצטען פּינטעלע. דער יצר־הרע איז אַבסאָלוט שלעכט, ער האָט אין זיך אפילו קיין איין גוטען פונק נישט; ביז צו דער עלטער לאָקערט ער אַלץ אויף דעם מענשען, ער רעדט איהם אָן צו פערשיעדענע שלעכטע מעשים און דערוועקט אין איהם נידעריגע תאוות. זיין גאַנצער צוועק איז, צופיהרען דעם מענשען ביז צום לעצטען שטאַפּעל פון זינד און שמוץ. ער ווייסט אַבסאָלוט נישט פון קיין שום רחמנות. דאַגעגען איז דער יצר־טוב — אַבסאָלוט גוט. ער קאָן נישט פערליידען דאָס שלעכטס, אין וואָס פאַר אַ פאָרם און אין וואָס פאַר אַ מאָס און צוליעב וואָס פאַר אַ צוועק עס זאָל נישט זיין. ער האָט פיינד אַלע „הבלי עולם הזה", אפילו די גאָר נויטיגסטע, וויל אַן און פיר זיך זענען זיי דאָך נאַרישקייטען, און זיין גאַנצע אַרבייט און מיה בעשטעהט דערין, ער זאָל אַלץ העכער און העכער אויפהויבען דעם מענשען, ביז ער זאָל ווערען אינגאַנצען אַ רוחני.

„יקוב הדין את ההר" — דאָס איז אַלזאָ דער כלל, אין וועלכען עס האַלטען זיך, אי דער יצר־טוב, אי דער יצר־הרע, יעדער ביי זיין זייט. נאָר צוליעב דעם אַליין טאַקי, וואָס זיי ביידע האַלטען זיך אין איהם, קאָן קיינער פון זיי נישט „דורכלעכערען דעם באַרג". עס ווערט נאָר בעשאַפען דורך זייער ווירקען אַ „מיטעלמעסיגע ריכטונג", וועלכע דערגרייכט נאָך אַמאָל צו דער מדרגה פון אַ געוויסער האַרמאָניע און לאָזט נישט דעם ערשטען און נישט דעם לעצטען חרוב צו מאַכען די וועלט דורך אַ צו־גרויסען בויג טהון זיך אין איין זייט. און איינמאָל — דערצעהלט אַ שענע יודישע לעגענדע — האָבען די צדיקים געכאַפּט דעם יצר־הרע און מען האָט איהם אַריינגעזעצט אין תפיסה, אַזוי, אַז דער יצר־טוב איז געווען דער איינציגסטער בעל־הבית איבער דער וועלט גאַנצע דריי טעג, „האָט מען געזוכט אַנ'איי פון אַ טאָג און מ'האָט נישט געפונען".

און די געלעהרטע פון אייראָפּא אין אונזערע יאָהרען, וועלכע

קוקען אויף דער מענשליכער נשמה שוין מיט גאנץ אנדערע אויגען, געפינען אין איהר, ווירקליך, א סך מעהר, ווי צוויי כחות, דאס ווירקען אבער פון אט די כחות שטעלען זיי זיך אויך פאר אויף דעם זעלבען אופן. איינער א פראנצויזישער געלעהרטער בעטראכט די מענשליכע נשמה, ווי א געזעלשאפט, וועלכע בעשטעהט פון א אונגעהויערע צאהל בעזונדערע אינדיווידואומען: איינדריקען, בעגריפען, געפיהלען, נייגונגען, יעדער איינציגער פון וועלכע לעבט זיך זיין בעזונדער לעבען און שטרענגט אן אלע זיינע קרעפטען, צו פערברייטערען אליין מעהר און מעהר די גרעניצען פון זיין ממשלה, צו צוציהען צו זיך אלעס, וואס שטימט מיט זיין כאראקטער און צו פערטרייבען פון זיך אלעס, וואס קאן זיך איהם שטעלען געגען, און איבערהויפט — אנידערצולעגען זיין איינציג שטעמפעל אויף דעם גאנצען לעבען, נישט זארגענדיג כלל פאר דער עקזיסטענץ פון זיינע חברים. אפילו אויף איין טריט וויל ער נישט אבטרעטען צוריק צוליעב זיי, זאל זיך עס אפילו פאדערען אויף איין ווייל. אויב ער טהוט עס יא, טהוט ער עס נאר דערפאר, וואס ער ווערט ארויסגעשטויסען מיט גוואלד פון זיין פאזיציע דורך איינעם פון זיינע חברים, וועלכע פיהרען אויך די אייגענע פערביטערטע מלחמה פאר זייער פאלקאמענער עקזיסטענץ. און אויך דאן איז ער זיך נאך נישט מיאש אינגאנצען און וויל זיך נישט בעגנוגענען מיט ווייניגער. ער שטעהט און קוקט ארויס, אנשטרענגענדיג אלע זיינע קרעפטען, אויף א שעת־הכושר, ער זאל ווידער קאנען קומען צו זיך, כדי ער זאל ווידער אלעס צו זיינע פיס לעגען. און אט די דאזיגע ארבייט פון דער גאנצער מחנה גייסטיגע כחות, וועלכע לעבען און ווירקען אין אונזער נשמה, וועלכע זענען אזוינע מסוכנע נישט קיין פערגינערס, וואס יעדער איינציגער פון זיי שטרעבט צו זיין א יחיד אויף זיין וועלטיל, — אט די ארבייט אליין בעשאפט עס אינים מענשען א ברייט, פיעל־זייטיג און פיעל־פארביג לעבען, אין וועלכען עס נעהמען אנטהייל אלע כחות, טראץ־דעם, וואס אפילו קיין איינער פון זיי בעקומט נישט אפילו א העלפט פון זיין בעגעהר. און עס טרעפט, אז אין א שטיק צייט ארום, נאך פיעל פערשיעדענע וואנדלונגען אין פערשיעדענע זייטען, הויבט אן צו הערשען א געוויסע שטענדיגע הארמאניע צווישען זיי אלע, אזוי, אז די קאמפראמיס־בעוועגונג געהט כסדר אין איין בעשטימטען וועג, וואס דאס מאכט

שוין אונמעגליך, אַז אַ וועלכער עס איז כח זאָל פּלוצלונג אַרויסברעכען זיך אויף יענער זייט גרענעץ, אין וועלכען ער איז געווען פערשלאָסען געגען זיין אייגענעם ווילען. און דאַן בעמערקען מיר אין׳ם מענשען׳ס נשמה, אָט יענע מאָראַלישע האַרמאָניע, וועלכע ציהט אונז אַזוי צו צו זיך מיט איהר אויסערליכער שענקייט, און צו וועלכער עס פלעגען שטרעבען די גריכישע פילאָזאָפען, אין וועלכע עס האָט אַזוי שטאַרק געלעבט דאָס געפיהל פון שענקייט, און האָבען אין איהר געפונען דעם תכלית פון דער מענשליכער שלימות.

דאָס פיעל־זייטיגע און דאָס פיעל־פאַרביגע, וואָס מיר געפינען אויף דער וועלט, איז, אַלזאָ, מעהר נישט, ווי אַ פשרה׳דיגער רעזולטאַט, וואָס פאָלגט אַרויס פון דער צוזאַמענשטויסונג, וואָס קומט פאָר צווישען וועלכע עס איז זעלבסטשטענדיגע כחות, דאַמאָלסט, ווען אָט די לעצטע אַליין, זענען, פערקעהרט, איינפאַך און אַבסאָלוט איינזייטיג, און נאָר דורך דער שטרעבונג פון יעדען איינציגען פון זיי צו זיין אייגענער זייט, וועלכע ער דערגרייכט אָבער קיינמאָל נישט — קומט במילא אַרויס אָט די קאָמפּראָמיס־ריכטונג אָדער די שטענדיגע האַרמאָניע.

פון דעם דאָזיגען כלל ווערט נישט אויסגעשלאָסען אויך דאָס לעבען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט אין אַלע זיינע צווייגען, אַפילו אין די העכסטע פון זיי: די מאָראַלישע און די שכלי׳דיגע.

יעדער איינציגער פון די אַלע גרויסע וועלט־געדאַנקען, וועלכע האָבען דערגרייכט צו דער מדרגה פון אַ ווירקענדען כח אין לעבען, האָט תמיד צום אָנהויב פערמאָגט פיעל מענשען, וועלכע האָבען אויסשליעסליך נאָר איהם געדיענט מיט אַלע קרעפטען פון זייער גוף און נשמה. אָט יענע מענשען קוקען אויף דעם גאַנצען לעבען נאָר אין צוזאַמענהאַנג מיט אָט יענעם געדאַנק, וועלכען זיי זענען איבערגעגעבען. זיי שטרעבען צו מתקן־עולם זיין נאָר לויט זיינע פאָדערונגען, נישט אָבטרעטענדיג קיין שום פלאַץ פאַר די אַלע איבעריגע לעבענס־כחות, וועלכע זענען זייער גאָט נישט אונטערגעוואָרפען. זיי רעכענען זיך אויך נישט מיט די נאַטור־געזעצען, וועלכע שטערען זיי אין זייער אַרבייט. זיי ווייסען נאָר איינס — „יקוב הדין את ההר“: עס לעבע דער פּרינציפּ! און חאָטש דער באַרג בלייבט,

אמת, נישט דורכגעלעכערט, ווארום נישט די אלע אנדערע ווירקענדע לעבענס־כחות, ווי אויך נישט די נאטור־געזעצען דערשרעקען זיך פאר זייער עקשנות, דאך געהט נישט אוועק זייער ארבייט אינגאנצען לאבוד: דער נייער כח ווערט פערוואנדעלט דורך זייער ארבייט, דורך זייער טריישאפט, מיט וועלכער זיי דיענען איהם, אין א זעלבשטענדיגען כח, וועלכער ציהט מיט זיך דאס לעבען אין א געוויסער בעשטימטער זייט, ווי עס טהוען אלע אנדערע כחות, יעדער שלעפט אין זיין זייט. אויף אזא אופן מוז די הארמאניע, וואס הערשט אינ'ם געזעלשאפטליכען לעבען, אט די הארמאניע, וועלכע איז א רעזולטאט פון דעם, וואס די אלע ווירקענדע כחות אין לעבען קומען אין צוזאמענשטויס, מוז אלזא זיך ענדערען מעהר אדער ווייניגער דורך דעם, וואס עס קומט צו א נייער כח. — און היות קיין שום כח אין דער וועלט דערגרייכט קיינמאל נישט צו דער מדרגה פון פאלקאמען און אבסאלוטען זיג, דעריבער מוזען די אנהענגער פון אט יענעם נייעם געדאנק כסדר ארומגעהן ארום איהם. זיי מוזען איהם כסדר היטען. אויב אבער — וואס טרעפט אפטמאל — די אנהענגער פונ'ם נייעם געדאנק ווערען פלוצלונג „גרויסמוטהיג“, צוזעהענדיג, אז דער נייער געדאנק האט שוין געמאכט א געוויסען רושם אויף דעם לעבענס־גאנג; אויב זיי אליין הויבען שוין אויך אן אנערקענען, אז מען קאן נישט איבערבויגען אלע מיט אמאל אויף איין זייט, און זיי ווערען דעריבער שמחים בחלקם, זיי בענוגענען זיך מיט אט יענער מוזבארער „פשרה“, וועלכע האט זיך פון זיך אליין פורמירט דורך דער צוזאמענשטויסונג פון די פערשיעדענע קעמפפענדע כחות — דאן ווערען זיי אליין אפשר מעהר בעליעבט יעצט אויף דער מענשליכער געזעלשאפט, וועלכע געפינט אין זיי שוין מעהר נישט קיין דיסאנאנס פאר דער אלגעמיינער הארמאניע, ווי פריהער, ווען זיי האבען אויף קיין שום פשרות נישט געוואלט געהן. אינאיינעם מיט דעם הערט אבער אויך אויף דער געדאנק, וועלכען זיי דיענען, צו זיין א זעלבשטענדיגער כח, אויך די ווירקונג, וואס ער האט שוין געהאט אויף דעם לעבען, ענדערט זיך און פערקלענערט זיך דורך דער ווירקונג פון די אנדערע אלטע און נייע כחות, וועלכע געפינען זיך שטענדיג אויף זייער פאסטען און יעדער איינציגער פון זיי שטרעבט צו בויען זיין עקזיסטענץ אויף דעם חורבן פונ'ם צווייטען, דאמאלסט, ווען ער האט אנגעוואהרען זיינע

איבערגעגעבענע אפוטרופסים, וועלכע זאלען איהם היטען און זאלען שטרעבען צו פערגרעסערען די גרענעצען פון זיין ווירקונג אויף דעם חשבון פון אנדערע.

און אט דער אונטערשיעד, וואס מיר קאנסטאטירען צווישען די צוויי מינים איבערגעבענקייט א וועלכען עס איז געדאנק, אט דער אונטערשיעד האט עם אבגעטיילט אין די אלטע תקופות פון אונזער געשיכטע צווישען די כהנים און די נביאים.

דער נביא איז שטענדיג „איינזייטיג". א געוויסע מאראלישע אידעע בעהערשט אלע פיברען פון זיין נשמה. זי בעהערשט איהם אינגאנצען מיט אלע זיינע חושים און געפיהלען אזוי, אז ער קאן זיך אפילו אויף קיין רגע נישט מסיח דעת זיין פון איהר; אויף אלעם אין דער וועלט קוקט ער נאר דורך די שפאקולען פון זיין געדאנק. זיין גאנצע שטרעבונג, זיין גאנצער בעגעהר איז נאר צו קאנען רעאליזירען פאלקאם זיין אידעאל אין אלע לעבענס=ערשײנ־גען. אט פאר דעם אידעאל קעמפפט דער נביא אלע זיינע יאהרען, ווי וויט ער קאן נאר. אהן רחמנות לעגט ער אלע זיינע כחות אוועק צוליעב אט דעם צוועק, אהן שום רחמנות און אהן שום רעכנונג. ער רעכענט זיך כלל נישט מיט די לעבענס=בעדינגונגען און מיט די פאדערונגען פון דער אלגעמיינער הארמאניע. ער געדענקט כסדר נאר דאס, וואס וואלט בעדארפט זיין, לויט די פאדערונגען פון זיינע אייגענע איבערצייגונגען, וואס בעלעבען זיין הארץ, נישט דאס, וואס איז מעגליך לויט דעם אלגעמיינעם אויסערליכען צושטאנד. — דער נביא איז דעריבער א אריגינעלער, זעלבשטענדיגער כח. זיין ווירקען לעגט ארויף א געוויסען שטעמפעל אויף דעם חאראקטער פון דער אלגעמיינער הארמאניע, דאמאלסט, ווען ער אליין שלעפט זיך כלל נישט צוזאמען אט מיט דער הארמאניע, נאר ער בלייבט תמיד איבער אינדיווידועל, פערשלאסען אין זיינע אייגענע גרעניצען און געהט זיך כסדר אין איין זייט. ער קאן בשום אופן נישט איבערטראגען וועלכען עס איז בויג אין אנ'אנדער זייט. היות אבער, ער קאן קיינמאל נישט דערגרייכען פאלקאם זיין בעגעהר, דעריבער איז ער שטענדיג מלא כעס, שטענדיג געהט ער ארום מיט א פערוועהטיגט הארץ. אלע זיינע יאהרען איז ער א „איש ריב ואיש מדון" פאר דער גאנצער וועלט: מיט יעדען קריעגט ער זיך און הרג'עט זיך. און נאך מעהר, אט יענע „פיעלזייטיגע"

קאַרליקעס, וועלכע זענען אַ פּראָדוקט פון דער אַלגעמיינער האַרמאָניע, בעוואַרפען איהם מיט שטיינער תמיד און שרייען איהם נאָך: „אויל הנביא, משוגע איש הרוח!“, זיי מאַכען איהם פאַר אַ משוגע'נעם און שפּעטען און לאַכען אָב פון זיין „בעגרענעצטקייט“ און עקסטרעמיגקייט, נישט ווייסענדיג, אַז זיי מיט זייער גאַנץ פּיעלזייטיג לעבען זענען מעהר נישט, ווי דער טוידטער, אומבעוועגליכער באָדען, וועלכער נעהמט איין אין זיך די לעבענס-השפּעה, וואָס פליעסט אַרויס פון דער צוזאַמענשטויסונג, וואָס קומט-פאָר צווישען די ווירקונגען פון אָט די בעגרענעצטע ריזען.

אַנדערש אָבער איז דער כהן. ער בעווייזט זיך אויף דער סצענע ערשט נאָכדעם, ווען דער נבואה האָט זיך שוין איינגעגעבען דורכצושלאָגען אַ וועג פאַר איהרע אידעען, צוציהען אַ ביסעל צו זיך די „מיטעלמעסיגע ריכטונג“ און צו בעשאַפען אַזוי אַרום אַ נייע „אַלגעמיינע האַרמאָניע“ צווישען די ווירקענדע כחות. אין חאָטש ער, דער כהן, דיענט אָט יענע אידעען, חאָטש ער וואָלט אויך וועלען, אַז זיי זאָלען עקזיסטירען וואָס פעסטער און לענגער, ער איז אָבער נישט קיין ריעז און נישט האָבענדיג ביי זיך אין האַרצען אָט יענע דרייסטקייט, וועלכע איז נויטיג אויף קאָנען אַרויסציטרעטען אין אַ שרעקליכען קאַמפף געגען דער נויטווענדיגקייט און געגען דער ווירקליכקייט, איז ער מעהר נוטה אָנצובויגען דעם קאָפּ פאַר דער נויטווענדיגקייט און כורת-ברית זיין מיט דער ווירקליכקייט. איידער איבערצובלייבען אין דער בעגרענעצטקייט פונ'ם נביא און פאָדערען פונ'ם לעבען דאָס, וואָס עס קאָן בשום אופן נישט געבען, פערברייטערט ער זיין מיינונג און זיין קוק אויף דער בעציהונג, וואָס קאָן און בעדאַרף זיין צווישען לעבען און צווישען זיין געדאַנק, און וויל נישט דאָס, וואָס בעדאַרף זיין, נאָר דאָס, וואָס קאָן זיין: נישט די אידעע אַליין מיט איהרע אַלע דעטאַלען און בעשטימטקייט, נאָר אָט יענע צוזאַמענגעשטעלטע „האַרמאָניע“, וועלכע איז רעאַליזירט געוואָרען אַ דאַנק דעם, וואָס יענער כח האָט זיך צונויפגעגאָסען מיט אַנדערע כחות — ווערט עס די פאָהן פונ'ם כהן, וועלכע ער היט און פאַר וועלכער ער קעמפּפט שוין נישט געגען דער ווירקליכקייט, נאָר, פערקעהרט, אינ'ם נאָמען פון דער ווירקליכקייט געגען אַלע, וואָס שטעלען זיך געגען איהר. דער כהן-געדאַנק איז שוין נישט אַלזאָ מעהר קיין זעלבשטענדיגער כח, נאָר אַ צו-

פעליגע צונויפמישונג פון פערשידענע כחות, צווישען וועלכע עס איז קיין שום אינערליכע בעציהונג נישט פאראן, א חוץ דעם, וואס זיי האבען זיך צופעליג בעגעגענט צוזאמען און געראנגעלט זיך אויפ'ן לעבענס-פעלד א געוויסע צייט און נאכדעם זענען זיי געצוואונגען געווען דורכדעם צו פעראייניגען זייער ארבייט אין איין מיטעלמעסיגער ריכטונג. דער לעבעדיגער געדאנק, דער אבסאלוטער, וואס שטרעבט איינצושלינגען אלעס און צו געוועלטיגען איבער אלעס, וואס פערניכטעט און בענייט די אויסערליכע פארם פונ'ם לעבען און ער אליין ווערט נישט געענדערט, — אט דער אריגינעלער געדאנק ווערט בטל אינאיינעם מיט זיינע נביאים, און עס איז פון איהם מעהר נישט געבליבען, ווי דער כח פון זיינע מעשים, איבערפלעכליכע שפורען, וואס האט זיך איהם איינגעגעבען איבערצולאזען אויף די פערשידענע פארביגע לעבענס-פארמען, וועלכע האבען געהערשט אין זיין צייט; און די כהנים רינגלען ארום אט די אלטע פארם און לעגען אוועק אלע זייערע כחות אויף איינצוהיטען זי אינגאנצען, ווי זי איז, צוליעב אט יענע נבואה'שע שפורען, וואס זיי האבען אויף איהר איבערגעלאזט.

אויך די אומות-העולם האבען געהאט אין פערשידענע צייטען נביאים, וועלכע זענען ארומגעגאנגען אויף דער וועלט, ווי לעבעדיגע קערפער-געדאנקען, און נאכדעם, וואס זיי האבען עטוואס א בויג געגעבען די „מיטעלמעסיגע ריכטונג" אין דער זייט מעהר אדער ווייניגער, האט אויפגעהערט זייער נבואה, און דער רעזולטאט פון איהר ווירקונג איז איבערגעגעבען געווארען צו די כהנים, זיי זאלען איהם איינהיטען אויף אייביג. מעהר אבער ווי אויף אלע אנדערע פעלקער האט די נבואה געוירקט אויף די יודען אין די אמאליגע יאהרען. ביי אונז איז דאמאלסט די נבואה געווען נישט אלס צופעליגע ערשיינונג, נאר א שטענדיגע, זי האט זיך געצויגען אין א משך פון פיעל דורות אהן אויפהער, גלייך, ווי זי וואלט זיין א אינדיווידועלע אייגענשאפט פונ'ם יודישען פאלק, וועלכע איז דורכגעשטעמפעלט דורך זיין נאציאנאלען גייסט.

דער הויפט-געדאנק פון דער יודישער נבואה איז געווען:

די ממשלה פון דער אבסאלוטער גערעכטיגקייט אין דער גאנצער נאטור; דארטען, פון אויבען אויפ'ן הימעל דורך גאט, וועלכער האלט שטענדיג א גערעכטע מאס אין דער האנד און משפט אלע זיינע בעשעפעניש'ען מיט גערעכטיגקייט, און פון אונטען — דורך דעם מענשען, וועלכער איז בעשאפען געווארען מיט דעם צלם אלהים און בעדארף זיך דעריבער לערנען פון די מדות פון זיין בעשעפער און העלפען איהם כביכול אין דער הנהגה פון דער וועלט, די זאל געפיהרט ווערען מיט גערעכטיגקייט. אט דער דאזיגער געדאנק מיט אלע זיינע פערשידענע רעליגיעזע און מאראלישע צווייגען איז געוועזען די לעבענס־נשמה פון די יודישע נביאים, נאר אין איהם האבען זיי אלעס געזוכט און געפונען, און א חוץ איהם האט ביי זיי קיין שום זאך קיין שום ווערטה נישט געהאט. דארטען, וואו די גערעכטיגקייט איז פארהאן, דארטען איז אויך די שענהייט, דאס גוטס, דאס קלוגשאפט, דער אמת פארהאן, און א חוץ איהר — האבען זיי אלע קיין שום ווערטה נישט. און ווען דער נביא האט דערזעהען, אז דער מענש אדער די השגחה־העליונה איז בעגאנגען א גזל־משפט, האט ער נישט געקלערט פיעל וועגען די סבות, וואס ברענגען דערצו, ער האט נישט געוואלט נושא פנים זיין דעם הכרח און דן זיין די, פון וועלכע עס פליעסט ארויס דאס שלעכטס, לכף־זכות. אינאיינעם מיט דעם איז ער אויך קיינמאל אין קיין יאוש נישט אריינגעפאלען, ער האט קיינמאל נישט אנגעהויבען צו צווייפלען אינ'ם כח פון דער גערעכטיגקייט און אין דער מעגליכקייט פון זיין נצחון. ער האט זיך נאר געערגערט, פראטעסטירט, אויסגעגאסען דאס הארץ זיינס מיט ווי פייער ברענענדיגע ווערטער. און איז ווייטער אין זיין וועג געגאנגען, צו קעמפפען פאר זיין אידעאל, זייענדיג איבערפולט מיט האפנונג, אז, סוף כל סוף, אין פיעל צייט ארום אדער זאל אפילו זיין „באחרית הימים“, וועט דאך די גערעכטיגקייט הערשען איבער דער גאנצער וועלט. „גערעכט ביזט דו גאט“ — דערין קאן דער נביא נאר נישט צווייפלען, חאטש ער זעהט דאך מיט זיינע אייגענע אויגען, אז „דער וועג פון די רשעים איז א גליקליכער“; ווארום דאס געפיהל פון דער מאראלישער נויטווענדיגקייט, אז די גערעכטיגקייט מוז פארט ענדליך אויף דעם כסא הכבוד אויפגעזעצט ווערען, געוועלטיגט איבער איהם נאך א סך שטארקער ווי דאס, וואס ער זעהט מיט זיינע אויגען; —

„דאָך וויל איך זיך מיט דיר אויסטענה'ן“ — שרייט אויס אָהן שום פחד און מורא די ערדישע גערעכטיגקייט צו דער הימעלשער גערעכטיגקייט. אט די דאָזיגע „טענות“ מאַכען איהם גרינגער אַ ביסעל איבערצוטראָגען זיינע וועהטאָגען, און ער הויבט זיך אָן אַרבייטען ווייטער זיין אַרבייט. ער הויבט ווייטער אָן „צו לעבען מיט דעם כח פון זיין גלויבונג“.

און אט די נביאים פון דער גערעכטיגקייט, דער מעכטיגער גייסט פון וועלכע עס האָט זיי געשטעלט העכער פון פאָלקס-און מדינות-גרענעצען, אט די נביאים, וועלכע האָבען געפּרעדיגט משפט און צדקה פאַר דער גאַנצער מענשהייט, האָבען פון דער צווייטער זייט אויך נישט אויפגעהערט צו בלייבען טריישע אמת׳ע קינדער פון זייער פאָלק. זיי האָבען אויך געקוקט אויף זייער פאָלק, ווי אויף אַ אתה בחרתנו פאָלק, און ווען מיר הערען זיי רעדען וועגען די יודען, קאָנען מיר, ווירקליך, מיינען, אַז אויף דער גאַנצער וועלט עקזיסטירט פאַר זיי קיינער נישט אַ חוץ יודען. דער אַלגעמיינער אידעאַל אָבער, וועלכען זיי דיענען, ווירקט אָבער אויך אויף זייער נאַציאָנאַליזם, אַזוי, אַז אויך ער קומט אויס נאָר אַ פאָרטזעצונג פון זייער גרונד-געדאַנק. וואָרום ביי זייער גאַנצען שטאַרקען גלויבען אינ׳ם נצחון פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט, איז דאָס, וואָס זיי רעדען אַזוי אָפט וועגען דעם „קץ הימים“ — דיענט פאַר אַ בעווייז, אַז נישט איינמאָל האָט דער „רוח הקודש“, וואָס ביי זיי אין האַרצען, אַ טראַכט געגעבען, וואָס פאַר אַ גרויסע און שווערע אַרבייט עס שטעהט נאָך פאַר די מענשען, ביז זיי זאָלען קאָנען צוגעהן צו אָט דער מדרגה, אַז נישט איינמאָל האָבען זיי זיך געזאָגט, אַז מען קאָן זיך נישט בענוגענען אָט אין דער אַרבייט מיט איינצעלנע און בעזונדערע אַרבייטער, וועלכע אַרבייטען יעדער פאַר זיך, אין פערשיעדענע צייטען און ערטער, און מיט הפסקות אין מיטען; נאָר עס איז נויטיג, אַז עס זאָל זיך איין חברה אַ גאַנצע געפינען, וועלכע זאָל פון דור צו דור, אָהן אויפהער, שטענדיג אַרבייטען לטובת פון דעם כח הצדק און זאָל איהם שיצען פון די אַלע אַנדערע כחות, וואָס געוועלטיגען איבער דער וועלט; וועלכע זאָל מיט איהר גוטען ווילען נעהמען אויף זיך אָט די קנעכטשאַפט, אויף איביג איבערצובלייבען אונטער דער ממשלה פון איין-איינציגען געדאַנק און פיהרען צוליעב איהם אַ שטענדיגע מלחמה

מיט דער וועלט־פיהרונג. און די וויכטיגע און גרויסע אפּוטרופּסות איבער דעם כח הצדק האָבען די נביאים (ווי דער שטייגער זייערע איז שטענדיג געווען, צו קוקען אויף זייער אינערליכען בעגעהר גלייך ווי ער עקזיסטירט שוין אויך אין דער אויסערליכער וועלט) געפונען ביי זייער קליין פאָלק, וועלכען זיי האָבען אַזוי ליעב געהאַט. זייער נאַציאָנאַלער אידעאַל איז געווען נישט אַ „ממלכת כהנים“, נאָר — „מי יתן כל עם ה׳ נביאים“, אַז צווישען דער סומירטער הארמאָניע פונים מענשליכען לעבען בכלל זאָל זיך דאָס גאַנצע יודישע פאָלק אויסשטיילען אַלס זעלבשטענדיגער כח, אַלס כח הצדק, פונקט ווי זיי, די נביאים אַליין, האָבען זיך אויסגעטיילט אין זיין נאַציאָנאַלען לעבען בפרט.

נאָר, ווי יעדער אָריגינעלער, זעלבשטענדיגער כח, האָט זיך אויך דער דואַליסטישער נבואה׳שער געדאַנק — דער אַלמענשליכער און דער נאַציאָנאַלער — צוזאַמענגעטראָפען אין דער פּראַקטישער וועלט מיט אַנדערע כחות, וועלכע האָבען פערהאַלטען זיין ענטוויקלונג און האָבען איהם נישט געלאָזען בעוועגען זיך פריי, און די פאָלגען פון אָט דער צוזאַמענשטויסונג איז דאָ אויך געווען דאָס, וואָס דאָס ווירקען פון אַלע כחות האָבען זיך צונויפגעמישט אין איין נייער סומירטער הארמאָניע — אין דער נבואה׳שער געדאַנק איז פערוואַנדעלט געוואָרען אַזויערנאָך אין דער טעאָריע פון די כהנים.

פריהער, כל־זמן די נבואה האָט נישט אויפגעהערט אינגאַנצען, האָבען זיך דעריבער די נביאים געקריגט מיט די כהנים נאָך אַ סך מעהר, ווי מיט דעם גאַנצען פאָלק. וואָרום זיי, די אָנהענגער פונים לעבעדיגען געדאַנק, וועלכען זיי האָבען אַרויסגעשעפּט פון זייער טיעפען הארצען און נאָר דורך איהם אַליין האָבען זיי געגלויבט צו בעהערשען די גאַנצע נאַטור, האָבען זיך נישט געקאָנט בענוגענען אָט מיט די שוואַכע שפּורען, וואָס זייער אידעע האָט איבערגעלאָזט אין לעבען; נאָך מעהר, זיי האָבען אויף די שפּורען געקוקט נאָך, ווי אויף אַ מחיצה, וואָס טיילט אָב זייער געדאַנק פון פאָלק. — אָט די התנגדות אָבער, וואָס איז געווען צווישען די נביאים און צווישען די כהנים, האָט, סוף־כל־סוף, אויפגעהערט אינאיינעם מיט דער נבואה, און בראש פון פאָלק האָט זיך געשטעלט די „כהונה“ (חאָטש נישט שטענדיג האָט זי זיך אָט מיט דעם נאָמען אָנגערופען) אַליין אַלס איינציגע פערטרעטערין פונים נבואה׳שען גע-

דאַנק, וועלכער האָט דאָן שוין נישט געקאָנט אַליין זיך בעשעצען און פאַרטזעצען זיין אַרבייט, לויט זיין אייגענעם בעגעהר, היות ער האָט שוין נישט געהאַט, ווער עס זאָל איהם אויף זיינע אייגענע פלייצעס טראָגען.

און דעריבער, ווען עס איז געקומען די צייט פאַר אָט דעם דאָזיגען געדאַנק, אין זיין אַלגעמיינעם טייל, צו פערלאָזען די גרענעצען פון יודישען פאָלק און ווערען אַ ווירקענדער כח אין לעבען פון דער גאַנצער וועלט, האָט דאָס כהנים־יודענטום נישט געקאָנט בעגלייטען איהם אויף זיין וועג און איינהיטען איהם אין זיין אידעאַלער ריינקייט צווישען די פיעלע פערשידענע כחות, וועלכע האָבען געווירקט דאַמאָלסט אינים געזעלשאַפטליכען לעבען. נאָר אַ קליינעם מאָמענט האָט ער זיך בעוויזען אַלס אָריגינעלער כח, באַלד אָבער האָט זיך ווי אַ טראָפּען וואַסער, וואָס פאַלט אַריין אין אַ גרויסען ים, צונויפגעמישט דאָרטען זיין ווירקונג מיט די טויזענטער אַנדערע ווירקונגען, וועלכע זענען געקומען פון פערשידענע זייטען. און היות דאָ זענען די קעמפפענדע מיט איהם כחות געווען אין אַ סך אַ גרעסערער מאָס, ווי דאָרטען אַמאָל אין זיין אייגענער היים, דעריבער איז דאָ אויך די ווירקונג זיינע געווען פיעל בעדייטענד קלענער. — —

ווען עס וואָלטען יעצט אויפשטעהן די יודישע נביאים פון זייערע קברים און וואָלטען זעהן די רעזולטאַטען, וואָס זייער אַרבייט האָט געבראַכט אויף דער וועלט, וואָלטען זיי קיין שום סבה נישט האָבען צו זיצען רוהיג און פרעהען זיך מיט זייער נצחון. פערקעהרט, יעצט, נאָך אַ לאַנגער פראַקטיק פון טויזענטער יאָהרען, וואָלטען זיי נאָך מעהר פיהלען די נויטווענדיגקייט פון דעם, אַז עס זאָל זיך געפינען „אַ בעזונדער שטענדיגער טרעגער" פאַר זייער אַלגעמיינעם געדאַנק, זיי וואָלטען דעריבער זיך נאָך מעהר איבערגעגעבען צו זייער נאַציאָנאַלען געדאַנק, און מיט נאָך אַ מעהר הייסען געפיהל, ווי אַמאָל, וואָלטען זיי ווידער אָנגעהויבען צו שרייען: „מי יתן כל עם ה' נביאים".

אַזאַ מין אויסרוף הערט מען אפילו אויך יעצט פון אונזערע מערב־רבנים און געלעהרטע, די אָנהענגער פון דער געוויסער טעאָריע וועגען דער „יודישער מיסיאָן" צווישען די פעלקער. נאָר־

לויט דעם אַלעם, וואָס מיר האָבען פריהער געזאָגט, טיילט זיך אָב די נבואה'שע תעודה פון ווייערער מיט דריי זאַכען:

ראשית, איז דער גאַנצער ענין פון דער נבואה'שער מיסיאָן נישט צו ענטדעקען וועלכען עס איז נייעם טעאָרעטישען אמת און פערשפּרייטען איהם אויף דער וועלט ביז אַלע זאָלען איהם אָנערקענען און דאַן ווערט די מיסיאָן פערענדיגט, — נאָר שטויסען אַלץ ווייטער און ווייטער דאָס פּראַקטישע לעבען צו דער זייט פון דער אַבסאָלוטער גערעכטיגקייט, נישט האָבענדיג די מעגליכקייט צו דערגרייכען ווען עס־איז אַ פאָלקאָמען נצחון.

צווייטענס, היות אָט דאָס שטויסען איז דאָך אַ פּראַקטישע אַרבייט, נישט קיין טעאָרעטישע, פאָדערט זי דעריבער, אַלס מוזבאַרע בעדינגונג, כדי עס זאָל מעגליך זיין אָט די אַרבייט, אַז די כנסת־ישראל זאָל דוקא זיין נישט צושפּרייט און צוזייהט צווישען אַלע פעלקער, נאָר, פערקעהרט, אַז אַלע איהרע קרעפטען זאָלען זיין פעראייניגט און קאָנצענטרירט, אַלענפאַלס — אַ בעדייטענדער טייל איהרער, אין איין אָרט, וואו זי זאָל קאָנען פיהרען איהר לעבען ענטשפּרעכענד איהר כאַראַקטער און איהרע אינדיווידועלע אייגענשאַפטען.

דריטענס, היות אָט דאָס שטויסען דאָס פּראַקטישע לעבען אין דער זייט פונ'ם צדק המוחלט האָט קיין שום האָפנונג נישט, אַז עס זאָל פאָלקאָם מנצח זיין די אַלע איבעריגע כחות, וועלכע ציהען דער געזעלשאַפט אין אַנדערע זייטען, דעריבער וועט זי, ווי אויך איהרע אָנהענגער, קיינמאָל נישט אונטערגעהן. זי וועט אייביג עקזיסטירען, סיידען נאָר דער מענש וועט אויפהערען צו זיין אַ מענש און דאָס לעבען זיינס וועט אויפהערען צו זיין אַ מענשליך לעבען, סיידען נאָר, ווען מיר וועלען שוין צוקומען צו דער מדרגה פון „צדיקים יושבים ועטרותיהם בראשיהם ונהנים מזיו השכינה“.

צוויי וועלטען.

די היפנאָזישע ערשיינונגען לערנען אונז, אז ביי געוויסע בעדינגונגען קאָנען מיר פערשלעפערען דעם מענשען מיט א בעזונדער־ארט שלאָף, און, ווען מיר הייסען איהם דאמאלסט, אז אין א בעשטימטער צייט נאָך זיין אויפוואכען זאָל ער טהון וועלכע עס איז מעשים, וואָס זענען אפילו געגען זיין נאטור און ווילען, איז ער ווירקליך נאָכדעם מקיים אין דער בעשטימטער צייט אלץ, וואָס מ'האָט איהם געהייסען, נישט וויסענדיג כלל, אז ער איז געצוואונגען דערצו דורך דעם ווילען און פערלאנג פון אנ'אנדער מענשען. ער גלויבט באמונה שלמה, אז נאָר זיין אייגענער געדאנק, אז זיין אייגענער פרייער ווילען דיקטירט עס איהם צו טהון דאָס, וואָס ער טהוט. ער איז זיכער, אז ער בעדארף דורכאויס טהון דאָס אלעס, וואָס ער טהוט, איבער פערשיעדענע טעמים, וואָס דער דמיון זיינער קלערט שוין אויס פון זיינעטוועגען, אבי די זאך זאָל ביי איהם רעכט ווערען.

א עהנליכע צו אט דער ערשיינונג, וואָס אין איהר אויבענדערמאָהנטער פאָרם רופט זי ארויס ביי אונז פערוואונדערונג, געפינען מיר באמת ביי יעדען מענשען און אין אלע צייטען, אָבער נישט אין אזא רעליעפער פאָרם, און דעריבער רופט זי ביי אונז קיין פערוואונדערונג נישט ארויס. יעדער קולטורעלער מענש, וואָס ווערט געבוירען, וואקסט און לעבט אין וועלכער עס איז ארגאניזירטער געזעלשאפט, געפינט זיך כל־ימיו אינ'ם צושטאנד פון אט יענעם פערהיפנאָטיזירטען מענשען, וועלכער איז אָהן זיין וויסען אונטערגעוואָרפען אונטער דעם ווילען פון אנדערע. די געזעלשאפט, וואָס

ארום איהם, פערהיפנאטיזירט איהם שוין אין זיינע קינדערשע יאהרען. אין דער פארם פון ערציהונג בינדט זי איהם אן אויפ'ן האלז גאנצע פעקלעך פון פערשיעדענע פפליכטען, וועלכע בעגרעניצען שוין פארויס אלע בעוועגונגען פון זיין גייסט אין דער צוקונפט און בעשטימען שוין איינמאל פאר אלע מאל, אין וואס פאר א פארם עס זאלען זיך האלטען זיין שכל אין הארץ, זיינע נייגונגען און שטרעבונגען. און נאכדעם, ווען ער ווערט שוין אויך עלטער, בענייט אין איהם די געזעלשאפט אהן אויפהער און דורך פערשיעדענע מיטלען אט די היפנאטישע ווירקונג איהרע. די שפראך און די ליטעראטור, די רעליגיע און די עטיק, די געזעצען און די מנהגים — אט דאס אלעס דיענט אלס מיטעל פאר דער געזעלשאפט, דורך וועלכען זי שלעפערט איין דעם איינצעלנעם מענשען. זי חזר'ט מיט איהם אויף אזוי פיעל איין איהרע פערלאנגען און פאדערונגען, אז ער קאן זיך בשום אופן נישט אויסדרעהען פון זיי.

און וויל די געזעלשאפט אליין, וואס ווירקט אויף איהרע איינצעלנע אינדיווידואומען, איז דאך נישט קיין בעזונדער בעשעפעניש, וואס שטעהט אויסער זיי, זי עקזיסטירט דאך און ווירקט נאר אין זיי און דורך זיי, איבערגעבענדיג איינער דעם צווייטען איהרע פאדערונגען, ווירקענדיג איינער אויף דעם צווייטען אין איהר גייסט דורך טהאט אוןווארט, — דעריבער קאן מען מיט רעכט זאגען, אז טיעף, טיעף אין הארצען פון יעדען אינדיווידואום פון דער געזעלשאפט זיצען טויזענדער בעהאלטענע היפנאטיזארען, וועלכע פאדערען פון איהם שטרענג: „אט אזוי און אזוי זאלען זיין דיינע מיינונגען, אט אזוי און אזוי זאלען זיין דיינע טהאטען", — און ער הער'ט דאס אלעס, נישט וויסענדיג גאר, אז ער הערט עס, ער דענקט און ווירקט, ווי עס ווערט איהם געבאטען. ער געפינט אויך ריכטיגע בעווייזען צו זיינע מיינונגען און ריכטיגע מאטיווען פאר זיינע מעשים, און פיהל'ט גאר נישט, אז נאר דער גייסט פון אנדערע טראכט פון זיין מוח ארויס און בעוועגט זיינע הענד, דאמאלסט, ווען זיין אייגענעם גייסט, זיין אינערליכען „איך" זעהען אפטמאל גאר אינגאנצען פרעמד אט יענע אלע געדאנקען און מעשים. דאס קול פון זיין אייגענעם אינערליכען „איך" ווערט פערשריען דורך דעם רעש פונ'ם אויסערליכען „איך", וועלכען די געזעלשאפט האט אויף איהם ארויפגעצויגען.

און ווייל די געזעלשאַפט בעשאַפט דאָך פאַר זיך נישט אין יעדען דור נייע גייסטיגע גיטער, נייע לעבענס־פאָרמען — דאָס אַלעס שאַפט פאַר זיך די געזעלשאַפט נאָך גאָר אין די יונגע יאָהרען איהרע, דורך די לעבענס־בעדינגונגען, און נאָכדעם ענטוויקלען זיי זיך אַליין מעהר און מעהר אין אַ משך פון פיעל דורות, ביז זיי נעהמען אָן די פאַסענדסטע, בעשטימטע פאָרם, און פון דאַמאָלסט אָן ווערען זיי שוין איבערגעגעבען בירושה פון איין דור צום צווייטען אָהן פרינציפּיעלע ענדערונגען, — דעריבער קאָן מען נאָך מעהר זאָגען, אַז אויך די גאַנצע געזעלשאַפט אין יעדען דור איז מעהר נישט ווי אַ מיטעל, מיט וועלכען עס בענוצט זיך דער ווילען פון די שוין פערגאַנגענע דורות, און דער עיקר היפּנאָטיזאָרען, וואָס געוועלטיגען אונבעגרענעצט איבער דעם גייסט פונ'ם איינצעלנעם מענשען און פון דער געזעלשאַפט, זענען אַלזאָ די מענשען פון דער גאָר ווייטסטער פערגאַנגענהייט, אויף די קברים פון וועלכע עס האָט שוין מיט הונדערטער און טויזענדער יאָהרען צוריק גראָז געוואַקסען. זייער שטים הערט זיך נאָך היינט, און אַלץ, וואָס זיי האָבען געהייסען, ווערט אָבגעהיט און געטהיין דורך דעם איינצעלנעם מענשען אָדער דורך דעם גאַנצען דור מיט פיעל ליעבשאַפט און מיט גרויס דרך־ארץ, נישט וויסענדיג אַפילו, וואו איז דער גרענעץ צווישען איהם און צווישען זיי, צווישען דעם, וואָס געהער איהם, און צווישען דעם, וואָס געהער זיי.

ווען מיר הערען אַלזאָ, ווי מענשען רעדען שענע פראַזען וועגען דער טיעפער „אינערליכער איבערצייגונג“, וואָס ביי זיי אין האַרצען, לויט וועלכער זיי אורטיילען וועגען אמת און שקר, גוטס און שלעכטס, שען און מיאוס, — האָבען מיר רעכט צו דענקען דאַמאָלסט, אַז, ווען מיר וואָלטען קאָנען אַנאַליזירען אָט די איבערצייגונג, כדי צו געפינען די יעניגע עלעמענטען, פון וועלכע זי איז צוזאַמענגעשטעלט, וואָלטען מיר ס'רוב אין איהר געפינען נאָר פערשיעדענע היפּנאָזען פון פערשיעדענע היפּנאָטיזאַטאָרען אין פערשיעדענע צייטען, וועלכע האָבען זיך אַ דאַנק דער קאָמבינירונג פון פערשיעדענע סבות אינ'ם געזעלשאַפטליכען לעבען צוזאַמענגעטראָפען אינאיינעם אין די נשמות פון די דאָזיגע מענשען, האָבען אַרויפגעצויגען אויף זיך די פאָרם פון זייער „איך“. — דאַמאָלסט, למשל, ווען דער בעוואוסטער גייסטליכער „מאָרטאַראָ“ שיט שוועבעל און

פּעך אויף דעם קאָפּ פון די גענגער פונ'ם קאַטאָליציזם, און געטריבען פון זיין טיעפער „אינערליכער איבערצייגונג" כטאַרעט ער זיך איבערצייגען אויך יענעם אין איהר גערעכטיגקייט און אמת, — האָבען מיר רעכט צו דענקען דאַמאָלסט, אַז ווען די קאַטוילישע גלחים וואָלטען איהם נישט געווען אַרויסחאַפּען אין זיין קינדהייט פון זיין יודישער מוטער'ס הענד און איהם נישט געווען אונטערוואַרפען מיט גוואַלד אונטער דער מאַכט פון געוויסע היפּנאָטיזאַטאָרען פריהערדיגע און שפּעטערדיגע, וואָלט זיין אינערליכע איבערצייגונג געווען צוזאַמענגעשטעלט שוין גאָר פון אַנדערע עלעמענטען, און אַנדערע היפּנאָטיזאַטאָרען, גאָר אַנדערע פון די, וואָלטען שוין רעדען יעצט פון זיין האַלז פונקט מיט דער אייגענער היץ.

ווען די יאָהרען זענען כתיקונן, ווען די מענשליכע געזעלשאַפט פון דער געגענוואַרט געהט אין אַלע הינזיכטען אין דעם אייגענעם וועג, וועלכען עס האָבען אויסגעטראָטען פאַר איהר איהרע עלטערען אין דער פערגאַנגענהייט, דאַמאָלסט טהוען זיי ביידע, דער עבר און דער עתיד, בשותפות איין אַרבייט: זיי חזר'ען איין מיט דעם איינצעלנעם מענשען די געזעלשאַפטליכע געבאָטען אויף דער אייגענער און זעלבער שפּראַך און מיט די אייגענע און זעלבע ווערטער. און דעריבער קאָן דאַמאָלסט דער איינצעלנער מענש לעבען זיכער און רוהיג אין זיין היפּנאָזישען צושטאַנד, ער קאָן זיך כל ימיו אַרומדרעהען אינ'ם שמאָלען קרייז, אין וועלכען זיי האָבען איהם ביידע אַריינגענומען, און דאָך האַלטען זיך פאַר אַ פרייען מענשען, נישט וויסענדיג און נישט פיהלענדיג כלל אַז יענע אייזערנע קייטען, אין וועלכע ער איז געבונדען.

נישט שטענדיג אָבער זענען די יאָהרען כתיקונן. עס טרעפט (צוליעב פערשיעדענע סבות, וואָס דאָ איז נישט דאָס אָרט צו רעדען וועגען זיי), אַז פּלוצלונג טהוט פון ערגעץ־וואו אַ בלאָז אַ נייער ווינד אין דער לופט פון דער געזעלשאַפט, וועלכער ברענגט אַריין אין איהר נייע געדאַנקען און שטרעבונגען, וועגען וועלכע די פריהערדיגע דורות האָבען גאָר נישט געוואוסט. אַז די פרעמדע געסט קלאַפּען זיך אין די טהירען פונ'ם מענשליכען האַרצען, עס זאָל זיי אַריינלאָזען צו זיך, אין באַלד געהען זיי ענטקעגען פון אַלע קעמערלעך פונ'ם האַרצען די „אַלטגעזעסענע", „די קינדער פון דער

פערגאַנגענהייט", וועלכע זענען זיי בוחן ובודק, מיט וואָס פאַר אַ כונות זענען זיי עס געקומען: שלום שליסען אָדער אַ מלחמה פערפיהרען, און אויב זיי געפינען אין זיי נישט קיין שום חסרון, נאָר דאָס, וואָס זיי זענען ניי, ערלויבען זיי, חאָטש, אמת, נישט שטענדיג מיט איבעריגען גרויסען חשק, אַריינצוגעהן און זיצען במנוחה ערגעץ אין אַ פערוואָרפען ווינקעל, אַזוי, אַז זיי זאָלען נישט קאָנען שטערען זיי, די „אַלטגעזעסענע", פון זייער אַרבייט און הערשונג. און די ערשטע צייט זענען די געסט ווירקליך מקיים זייער הבטחה, זיי זיצען זיך אָבגעזונדערט אין אַ ווינקעלע און נעהמען נישט קיין שום אָנטייל אינ'ם פיהרען פונ'ם אינערליכען לעבען. ביסלעכווייז אָבער פערגרעסערען זיי אַליין מעהר דעם פלאַץ, וואָס זיי פערנעהמען, די וואָרצלען זייערע ווערען קרעפטיגער אין די צווייגען זייערע צעוואַקסען זיך, אַזוי, אַז אין אַ צייט אַרום ווערען זיי אַליין שוין אויך בעלי-כח, הערשער און דיקטאַטאָרען. זיי ווערען די בעלי-בתים פון דער געגענוואַרט. דאַמאָלסט ווייזען זיי זיך אַרויס פון זייערע בעהאַלטענע ערטער, טרעטען אַרויס אויף דעם לעבענס-פלאַץ מיט זייער גאַנצער קראַפט אין פראַכט, און דאַן געפינענדיג זיך אינ'ם נייעם מצב, בעגעגענען זיי זיך ווידער-אַ-מאָל מיט די בעלי-בתים פון דער פערגאַנגענהייט.

אָט דאָס בעגעגעניש פון די צוויי פערשידענע טיפען „בעלי-בתים" ברענגט אַ מאָל דערצו, אַז זיי זאָלען שליסען צווישען זיך ברידערשאַפט און חברשאַפט, ווען זיי פיהלען ביידע, אַז זיי קאָנען ברענגען נוצען איינער דעם צווייטען (ווי עס האָבען כורת-ברית געוועזען צווישען זיך די לעהרע פון היפנאָטיזם און דאָס גלויבען אין ספיריטיזם אין די הערצער פון געוויסע געלעהרטע מענשען). מעהר שכיח איז אָבער, אַז די רעזולטאַטען פון אָט דעם בעגעגעניש זאָלען זיין רק שנאה און מחלוקת. דאָס טרעפט דאַן, ווען פלוצלונג ברעכט-אויס אַ אינערליכע סתירה צווישען זיי בנוגע צו זייערע הויפט-חאַראַקטעריסטישע שטריכען און שטרעבונגען, אַ אינערליכע סתירה, וועלכע מען האָט נישט איינגעזעהען אין דער צייט פונ'ם ערשטען בעגעגעניש, ווען די געגענוואַרט איז נאָך געוועזען קליין און אונבעדייטענד, און די גרונד-שטריכען פון איהר חאַראַקטער זענען נאָך נישט געוועזען ענטוויקעלט ווי געהעריג.

צום גליק פונ'ם מענשען, איז דער שטייגער פון אט דער סתירה אויסצוברעכען אפען ערשט נאכדעם, וואס זי ווערט פריי־ דער פערענדיגט אינגאנצען אין דער שטיל, איך וויל אט וואס זאגען: נאכדעם, ווי די געגענווארט האט שוין לאנג בעוויזען נישט נאר זיך אליין איינצעווארצלען אין הארצען, נאר אויך אונטער־ צוגראבען זיך שטילערהייד, נישט וויסענדיג אליין דערפון, טיעף, טיעף אונטער די ווארצלען פון יענער פערגאנגענהייט, זיין שונא, און ערשט דאן, ווען דער עבר איז שוין ארומגעגראבען פון אלע זייטען און האט שוין נישט אויף וואס אנצושפארען זיך, ערשט דאן עפענט דער מענש זיינע אויגען אויף און דערזעהט אלעס, וואס איז שוין לאנג אפגעטהון געווארען אין איהם אהן זיין וויסען, ער דערזעהט פלוצלונג א חורבה, וואס האלט ביים איינפאלען אויף דעם ארט, אויף וועלכען, לויט ווי ער האט געגלויבט ביז יעצט, עס איז א פעסטער בנין געשטאנען, און חאטש עס טהוט איהם זעהר וועה, דאס הארץ צוועהענדיג דאס אלעס, דאך מוז ער אנער־ קענען און מודה זיין, אז דאס, וואס איז שוין פון אונז אוועק־ געגאנגען, קאנען מיר שוין נישט צוריק־קעהרען. און אט אזוי ווערט ער ענדליך געטרייסט בעל־כרחו, און זיינע אינערליכע וואונדען ווערען גאר אין א קורצער צייט פערהיילט.

אט אזוינע ערשיינונגען געפינען מיר פיעל אינ'ם לעבען פון די ציוויליזירטע פעלקער, און זיי זענען עס צומיינסטען דאס, וואס מיר רופען אן דער „גייסט פון דער צייט", אינ'ם נאמען פון וועל־ כען מיר רעדען און וועמען מיר שרייבען צו פערשיעדענע ענדערונ־ גען אין לעבען פון דער געזעלשאפט. אט דער גייסט איז א פראדוקט פון די קליינינקייטען, וואס דער הוה איז מחדש, וועלכע בעריהרען נישט תחלת די שיטה פונ'ם עבר, און דעריבער שלאגען זיי זיך דורך א וועג. באלד אבער, ווי זיי דרינגען שוין אין הארצען אריין און ווערען דארטען בעלי־בתים, געהען זיי שוין נישט צוריק, ווען אפילו עס קומט זיי אויס צו בעגעגענען זיך אויף זייער וועג מיט איינינע בעלי־בתים פונ'ם עבר, וואס שטעהען זיי אלס שטן, נאר, אדרבא, ביסלעכווייז זויגען זיי אויס דעם מארך פון יענע, ביז זיי ווערען „עצמות יבשות". און דאמאלסט איז שוין גענוג, אז עס זאל א קליין ווינדטעל א בלאז געבען, אויף צו דערוויטערען זיי אינגאנצען, מיט איין מאל, פונ'ם לעבענס־וועג.

אט אזוי פירט עס זיך, ווען דאס לעבען ענטוויקעלט זיך פון זיך, אהן א פלוצלונגדיגען שטויס פון דרויסען. עס טרעפט אבער א מאל, בעזונדערס אין פיעל־וויכטיגע פראגען, אז קלוגע מענשען, וואס קאנען זיין רואים את הנולד, בעמערקען און מאכען אויך יעדען אויפמערקזאם אויף דער סתירה, וואס צווישען עבר און הוה אין וועלכען עס איז לעבענס־צוויג, נאך איידער עס האט זיך איינגעגעבען דעם הוה אבשוואכען פערבארגענערהייד דעם כח פונ'ם עבר. אט די „סודות־אויסזאגער" זענען שטענדיג די עקסטרעמע עלעמענטען; די, וואס זייער לעבענס־וועג האט זיי גורם געווען, אז זייער „אינערליכע איבערצייגונג" אין דעם ענין זאל זיין צוזאמענגעשטעלט נאר בלויז פון די פערגאנגענהייטס־עלעמענטען אדער בלויז פון די געגענווארטס־עלעמענטען. זיי ביידע לערנען א גזירה־שוה פון זיך אויף דער גאנצער געזעלשאפט און זעהען דעריבער אין איהר נאר א האלבע זאך: נאר דעם כח פונ'ם עבר אדער נאר דעם כח פונ'ם הוה; און אזוי ווי זיי אליין האבען גיך אבגעשטויסען איינעם צוליעב דעם צווייטען, אזוי גלויבען זיי, וועט אויך נישט שווער זיין ארויסצוטרייבען דעם אינגעווינשטען עלעמענט אויך פונ'ם געזעלשאפטליכען לעבען דורך דעם, וואס זיי וועלען אנווייזען אויף דער סתירה, וואס צווישען איהם און צווייטען עלעמענט.

און צי עס קומט די בעוועגונג מצד פון דער פערגאנגענהייטס אנהענגער, צי מצד פון דער געגענווארטס אנהענגער, צורודערט זי די געזעלשאפט, צווינגענדיג זי צו זוכען א ענטפער אויף דער פראגע: „ווער זאל וועמען דאס ארט אבטרעטען?", דאמאלסט, ווען זי איז אין אמת'ן מיט זיי ביידע צוזאמענגעבונדען און קאן קיינעם פון זיי פון זיך נישט אבשטויסען. צייטענווייז פרובט זי אמת מיט גוואלד איינצושטילען דאס קול פון דעם אדער פון יענעם, וואס שרייט פון איהר טיעפען הארצען ארויס, צייטענווייז פרובט זי לעבען א שטיק צייט נאר לויט דעם בעפעהל פון איינעם פון זיי; באלד אבער רופט זיך אויך דער צווייטער אן, און די געזעלשאפט מוז איהם שוין דאמאלסט אויסהערען, זי קאן זיך שוין נישט פערקוקען די גרויסע פראגע, וואס פאדערט מיט גוואלד א תשובה פאר זיך, איז אלזא דאמאלסט: ווי אזוי קאן מען דיענען גלייכצייטיג אט די ביידע געטער, וואס קאנקורירען צווישען זיך?

און וואס מאכט נישט די נויט! פאר אזא שווערע פראגע

אַפילו געפינט זיך אויך אַ תשובה. די געלעהרטע פון דער געזעלשאַפט הויבען אָן אויסצוגלייכען און פערשידענע קאָמפּראָמיסען מאַכען צווישען דעם עבר און הוה, זיי בעפוצען דעם עבר אין אַ נייער פאָרם אָדער זיי פערדעקען מיט אַ מאַסקע דעם פנים פון צווייטען, זיי זאָלען איינער דעם צווייטען נישט קאָנען זעהן אין אמת'ן געשטאַלט. און חאָטש די נייע פאָרם, אין וועלכער דער עבר טהוט זיך אָן, קאָן נאָר בדוחק צודעקען דאָס נאַקעטע לייב פונ'ם עבר, חאָטש די מאַסקע פונ'ם הוה איז אויך דורכאויס מיט לעכער, דאָך בעגנוגענט זיך די געזעלשאַפט אויך מיט דעם ביסעל, אַלס צייט־מיטעל, וואָס שאַפט פאַר איהר רוה אויף אַ געוויסער צייט און גיט איהר די מעגליכקייט צו געוועהנען זיך ביסלעכווייז צו דינען ביידע געטער גלייכצייטיג, ביז עס וועט אָנקומען די געווינשטע צייט, ווען זי וועט שוין נישט בעדאַרפען אָנצוקומען צו קיין שום פערמיטלער צווישען זיי. וואָרום אַ דאַנק דעם הרגל קאָן דער מענש ווירקליך צוקומען צו אַט דעם משונה'דיגען און וואונדערבאַרען צושטאַנד: אמת, דער ריס, וואָס ביי איהם אין דער נשמה, ווערט נישט פערנייהט, עס ווערט אָבער ווי אַ מחיצה דאָרטען אַנידערגעשטעלט, וועלכע שיידט דעם עבר פונ'ם עתיד אָב, אַזוי, אַז יעדער איינציגער פון זיי ווירקט נאָר אין זיינע גרעניצען, נישט שטערענדיג דעם צווייטען, ער זאָל זיך אויך קאָנען טהון זיין אַרבייט אויף זיין אָבגעזונדערטען פּלאַץ.

היינטיגע יאָהרען — זאָגט אַ אַמעריקאַנער פילאָזאָף — איז זיך אונז אַפילו גאָר שווער פאָרצושטעלען דעם געוואַלדיגען איינדרוק, וואָס האָט געמאַכט דאָס פּלוצלונגדיגע דערוויסען זיך, אַז די ערד אונזערע איז כלל נישט דער מרכז־הבריאה, דער צענטער פון דער נאַטור, און אַז דער מענש איז מעהר נישט, ווי אַ בירגער פון איינע פון די קלענסטע און פינסטערסטע פינטעלעך פון דער וועלט־מאַטעריע. אין די אויגען אָבער פון קופּערניקוס איז אויסגעקומען, אַז אַט די נייע לעהרע צעוואַרפט די גאַנצע רעליגיע ביז צום פונדאַמענט, וואָרום אויב די וועלט איז ווירקליך איבערפולט מיט ערשיינונגען, וואָס האָבען נישט קיין שום שייכות צום מענשען און צו זיין לעבען, איז דאַן קיין אָרט נישטאָ פאַר דעם אייביגען גליק, וואָס די רעליגיע זאָגט צו איהרע אָנהענגער, וועלכע האַלט זיך אינגאַנצען נאָר אויף דעם געדאַנק, אַז דאָס ציעל פון דער גאַנצער

נאטור און פון דער שטענדיגער השגחה איז נאר דאס, אז די מענשהייט זאל צוקומען גאך ביז צו דער העכסטער מדרגה פון פאלקאמענהייט. און ווען מיר דערמאהנען זיך אין דעם, פערשטעהען מיר, אז לויט דער לאגיק און חאראקטער פונ'ם ענין, האבען די גייסטליכע, די פארשטעהער פון דער אמונה, געמוזט פערפאלגען מיט שרעקליכען כעס גאליליי'ען און ברונא'ן און זייער גלייכען. אינאיינעם אבער מיט דעם זעהען מיר נאך אנ'אנדער ערשיינונג, וועלכע פערדיענט מיר זאלען זיך אבשטעלען א ביסעל אויף איהר, און אט וואס פאר א ערשיינונג: חאטש די אסטראנאמיע האט זיך אויף פעסטע יסודות אנידערגעשטעלט, טראץ דעם וויעדער־שטאנד פון די גייסטליכע, זענען אבער אויך די יסודות פון דער רעליגיע איבערגעבליבען גאנץ און פעסט, זיי זענען נישט חרוב געווארען דורך דעם ערפאלג פון דער נייער אסטראנאמישער טעאריע. „דאס הייסט נישט, אז ענדליך האט פאר זיך געפונען א ענטפער אט יענע פראגע, וואס האט פריהער פשוט רוהען נישט געלאזט דעם מענשען, דאס הייסט נאר, אז די פיעלע יאהרען, וואס זי האט איבערגעלעבט, האבען זי נאר אונקרעפטיג געמאכט".

פריהער, ווען די גייסטליכע האבען ענטדעקט די שרעקליכע סתירה, וואס צווישען עבר און הוה, און אין דער נשמה פון די מענשען, וואס האבען געלעבט אין יענעם דור, האבען זיך, ווי שונאים, געשטעלט איינער געגען דעם צווייטען צוויי שטארקע כחות, דאמאלסט האט געמוזט די געזעלשאפט זוכען וועלכע עס איז תשובה אויף יענער פראגע, „וואס האט געשטערט די רוה פונ'ם מענשען"; און דעריבער זענען דאן באמת גאנצע ספרים געשריבען געווארען, דאס ציעל פון וועלכע איז געווען „צו בעדעקען מיט א מאסקע דעם עבר אדער דעם הוה". מיט דער צייט אבער האט זיך די מענשליכע נשמה צוגעוועהנט צו זעהן אין זיך אט די „צוויי בעזונדערע וועלטען", און ווערענדיג צוגעוועהנט צו זיי ביידע, פיהלט זי שוין מעהר נישט קיין צער, הערט שוין מעהר נישט איהר מנוחה געשטערט צוליעב דער סתירה, וואס צווישען זיי, און ממילא געפינט זי שוין דאמאלסט נישט קיין שום בעדערפעניש צו פעראייניגען זיי דורך קינסטליכע מיטלען. זי לאזט יעדער איינציגער פון זיי צו פערנעהמען פלאץ און

געוועלטיגען אין איהם, לויט׳ן איינענעם בעגעהר, און קיינע פון זיי איז שוין נישט מסיג גבול דער צווייטער.

די רעזולטאַטען פון אָט דער ענדערונג און זייער גאַנצער פאָלקאָמענהייט געפינען מיר ביי מענשען, ווי דער איטאַליענישער סעקי, וועלכער איז געווען גלייכצייטיג אַ אויסגעצייכענטער אַסטראָנאָם און אַ פאַנאַטישער גלח, און אויף דער פראַגע, ווי אַזוי פעראייניגט ער אין זיך אָט די צוויי געגענגעזעצטע אייגענשאַפטען, פלעגט ער ענטפערען: „ווען איך בין זיך עוסק מיט אַסטראָנאָמיע, פערגעס איך, אַז איך בין אַ גלח, און דאַמאָלסט ווען איך בעשעפטיג זיך אַלס גלח, פערגעס איך די אַסטראָנאָמיע“.

עס טרעפט אונז אָבער אויך אינ׳ם אַלטעגליכען לעבען צו בעגעגענען אָט אַזאַ זעעלע-צושטאַנד, מיר געהען אָבער איבער פארביי איהם אונאויפמערקזאַם. וויפיעל מאָל זעהען מיר, ווי מענשען אַמפערען זיך, דער ערשטער דרינגט אוים מיט ראיות, אַז די אָדער יענע אַנשויאונגען און מנהגים זענען שוין נישט גילטיג פאַר דער נייער צייט, און דער צווייטער אויף דעם אָרט פון סותר זיין די ראיות, בעגנוגענט זיך מיט אַ קורצען ענטפער: „עס איז שוין אַנ׳אַלטע טענה“. מענשען אָבער פון געזונדען פערשטאַנד וואונדערען זיך און לאַכען זיך אוים פון אַזאַ ענטפער און פרעגען ווייטער: „און דעריבער ווייל עס איז אַנ׳אַלטע טענה, איז שוין תש כחה, ווערט זי שוין אָן איהר קראַפט?“ און לאָגיש בעטראַכטען די זאַך, האָבען זיי אָהן צווייפעל זעהר רעכט. דאָס פסיכישע לעבען האָט זיך אָבער זיינע בעזונדערע געזעצען, וועלכע ווילען כלל נישט זיין אונטערגעוואָרפען אונטער דער השפעה פון די לאָגיק-געזעצען. און בעטראַכטענדיג די זאַך מצד פון אָט די געזעצען, פון די פּסיכאָלאָגישע, האָט רעכט דער צווייטער, חאָטש ער פערשטעהט אַליין נישט על-פי-רוב די אמת׳ע כונה פון זיין ענטפער. און די כונה איז אָט וואָס: וועגען אָט דער סתירה, וואָס צווישען עבר און הוה, ווייסט מען שוין פון לאַנג, און דאָך האַלטען זיי זיך ביידע, איז דאָך אַ סימן, אַז די מענשען האָבען זיך שוין פון לאַנג צוגעוועהנט צו זעהן זיי געהן צוזאַמען, חאָטש עס עקזיסטירט אַ אינערליכע סתירה צווישען זיי, און דעריבער קאָן שוין זייער בעגעגענען זיך אינאיינעם נישט שאַדען קיינעם פון זיי.

די גלחים אין דער צייט פון קופערניקוס און גאַליליי׳ען, וואָס זייער עיקר התנגדות צום הוה איז געווען נאָר צוליעב דער עקזיסטענץ אינ: עבר, האָבען אַלוא זעהר גוט געטהון דערמיט, וואָס זיי האָבען זיך געאיילט ברענגען זיי ביידע צו אַ אָפענעם קאַמפף, דאַמאָלסט ווען דער כח פונ׳ם עבר איז נאָך שטאַרק געווען. און חאָטש עס האָט זיך זיי נישט איינגעגעבען צו פערטרייבען דעם הוה אינגאַנצען, ווי זיי האָבען געוואָלט, זייער עיקר ציעל אָבער האָבען זיי ערריכט: דער עבר איז איבערגעבליבען נישט געריהרט ביים זייט פונ׳ם הוה, טראָץ דער סתירה, וואָס צווישען זיי.

און דערפון קומט אַרויס, אַז די אָנהענגער פונ׳ם צווייטען עקסטרעם, די אָנהענגער פונ׳ם הוה, וואָס ווילען די פערניכטונג פונ׳ם עבר, בעדאַרפען זיך סטאַרען, ענטשפּרעכענד זייערע ציעלען, וואָס זיי שטעלען זיך, פונקט פערקעהרט, אָבצולעגען אויף וואָס ווייטער און ווייטער די צייט פון דעם אָפענעם קאַמפף, כדי דער הוה זאָל קאָנען דערווייל שטילערהייד אָבטהון זיך זיין אַרבייט, וואָס בעשטעהט אין אָבצושוואַכען דעם כח פונ׳ם עבר, וועלכער איז טיעף אין די הערצער איינגעוואָרצעלט, אויף וויפיעל עס איז נויטיג צו זיין פאָלשטענדיגער מפלה. און אויב זיי טהוען נישט אַזוי, נאָר זיי סטאַרען זיך נאָך פון זייער זייט אויך, וואָס פריהער צו ענטדעקען דעם ריס, וואָס איז אין דער נשמה פון דער געזעלשאַפט, איידער עס ווערט נאָך גענוג בּרייט, האָפענדיג צו מאַכען דורך דעם וואָס גיכער אַ סוף מיט דעם עבר, האָפענדיג אַראָבצוּוואַרפען איהם פון זיין קעניגליכען טראָהן פאַר דער צייט, — זענען זיי זיך טועה אין חשבון, און נישט נאָר זייער האָפנונג ווערט נישט ערפילט, נאָר מיט די מעשים זייערע מאַכען זיי, אַז דער עבר זאָל נאָך מעהר מאריך ימים זיין. מיט זייערע הענד אַליין בויען זיי אַ פעסטונג אַרום איהם, ער זאָל פונ׳ם הוה זיין געשטיצט, דערמיט, וואָס זיי געוועהנען צו די געזעלשאַפט בעגעגענען כסדר דעם עבר מיט דעם עתיד צוזאַמען און קוקען אויף דער סתירה, וואָס צווישען זיי, ווי אויף אַנ„אַלטע טענה“.

און אין דעם זענען נכשל געוואָרען די בעסטע קינדער פון אונזער פאָלק אין די לעצטע דורות, און ביז יעצט האָבען זיי זיך נאָך נישט געחאַפּט דערויף און ווערען נאָך ווייטער נכשל.

די שנאה צו יודען איז איינע פון די שטאַרקסטע פערגאַנ־

גענהייטס-היפּנאָזען, וועלכע זענען איינגעוואָרצעלט געוואָרען טיעף, טיעף אין הארצען פון די איראָפּעאישע פעלקער. ירושלים און רוים, די רעליגיע און דאָס לעבען, וועלכע האָבען ציזאַמען אַ היפּנאָטישען שלאָף אַרויפגעוואָרפען אויף די באַרבאַרען, די בעהערשער פון איראָפּאַ, און האָבען זיי תּורה ומצוות מרבה געווען, האָבען אויך בשותּפות די מצוה געטהון, און האָבען זי דורך פערשידענע אופנים איבערגעגעבען צו אָט די יורשים זייערע. און די שפּעטערדיגע דורות האָבען נאָך אויך פון זייער זייט מוסיף געווען צו שטאַרקען זי און אײַנצוחזר'ען זי מיט זייערע קינדער נאָך זיי, ביז זי איז ווירקליך געוואָרען אַ „מין פּסיכישע קרענק, וואָס געהט איבער פון טאַטעס צו קינדער". איך מיין נישט דערמיט צו זאָגען, אַז פון תּחלת אָן איז די שנאה צו יודען אַ פּאַטאָלאָגישע ערשיינונג געווען; אדרבא, אין אַ משך פון פיעל דורות, ביז צום סוף פון דעם מיטעלאַלטער, האָט די שנאה צו יודען געקאָנט דיענען אַלס סימן, אַז די איראָפּעאישע געזעלשאַפט איז געזונד, היות זי איז געווען זעהר גוט צוגעפּאַסט צו די אידעען און געפיהלען, וואָס האָבען געהערשט דאַמאָלסט אויף דער וועלט — און וואָס הייסט אַ געזונדטע געזעלשאַפט, אויב נישט די, אין וועלכער מיר בעמערקען פאָלשטענדיגע האַרמאָניע אין אַלע איהרע לעבענס-פאָרמען? — אין דער נייער צייט אָבער, זינד עס זענען געבוירען געוואָרען און עס האָבען זיך ענטוויקעלט די הומאַנישע אידעען און געפיהלען, און די געזעלשאַפט האָט שוין אויך אָנגעהויבען אײַנצוריכטען איהר לעבען לויט זייערע פאָדערונגען, פערדיענט שוין ווירקליך די שנאה צו יודען בעטראַכט צו ווערען אַלס קרענק, וואָרום זי געהט דאָך געגען אַלע יסודות, וואָס די געזעלשאַפט רעכענט זיי פאַר דעם וויכטיגסטען באַזיס, אויף וועלכען זי האַלט זיך.

ווי עס זאָל נישט זיין אָבער דער טיטול, מיט וועלכען מיר וועלען קרוינען די שנאה צו יודען, דער עיקר איז דאָס, וואָס אָט די שנאה, אָט דער היפּנאָז פונם עבר, איז איבערגעבליבען מיט איהר גאַנצער קראַפט, און נישט נאָר זי אַליין, נאָר אויך אַלע איהרע פּראַקטישע רעזולטאַטען, אפילו דאַן, ווען דער הוה האָט זיך שוין גוט בעפעסטיגט אויף זיין פּאָזיציע און האָט פערשפּרייט זיין אונבעגרענעצטע ממשלה איבער פיעל לעבענס-צווייגען, אַז קיין שאָטען אפילו פון דער פערגאַנגענהייט איז דאָרטען נישט געבלי-

בען. דאס איז א סימן, אז די ווארצלען פונ'ם עבר זענען געלעגען זעהר טיעף אין הארצען, אזוי טיעף, אז דער הוה האט נאך נישט בעוויזען צו קומען צו זיי, אז ער האט נאך נישט בעוויזען אבצושוואכען איהם בעהאלטענערהייד.

ווען די גדולים פון אונזער פאלק, וואס האבען געקעמפפט פאר דער יודישער עמאנסיפאציע אין אנהויב פונ'ם פערגאנגענעם יאהרהונדערט, וואלטען געוועזן נעדמען אין אכט אט יענעם סימן, וואלטען זיי זיך געוועזן בעוואפענט מיט סבלנות, אט מיט דעם אייביגען כלי-זיין פון אונזער פאלק, און וואלטען געוועזן אויסגעווארט, ביז דער הוה וועט זיך פון זיך אליין נאך מעהר פערשפרייטען און נאך מעהר פערשטארקען, און פון זיך אליין מיט אייגענע כחות, אהן שום גערודער פון מלחמה, וועט ער אונטערגראבען די ווארצלען פון אט דעם עבר אויך און וועט פערוואנדלען זיינע פראקטישע רעזולטאטען אין אויסגעטריקענטע ביינער, און שוין ערשט דאן וועט קומען די גינסטיגע צייט ארויפצעווארפען זיך אויף דעם נשאר פון די טרוקענע ביינער מיט א קאמפף, כדי צו דערווייטערען זיי לגמרי פונ'ם לעבענס-וועג. יענע גדולים אבער פון אונזער פאלק זענען געווען נאר בעלי-הוה אליין, און פון זיך האבען זיי אויף דער געזעלשאפט גע'משפט. ביי זיי איז שוין מעהר קיין פלאץ נישט געווען פאר רעליגיעזען פאנאטיזם אין נאציאנאלען האס, דעריבער האבען זיי געגלויבט, אז דער עבר איז שוין פון לאנג אבגעשוואכט געווארען אויך אין די הערצער פון דער איבעריגער געזעלשאפט, און אויב זי איז איהם נאך אונטערגעווארפען בנוגע צו די יודען, איז דאס מעהר נישט, ווי א לאגישער טעות, ווארום זי בעמערקט נאך נישט די סתירה, וואס צווישען אט דעם עבר און צווישען צייטס-גייסט; בעדארף מען אלזא נאר ענטדעקען די סתירה, וועלען זיך שוין באלד אלע שווארצע שאטענס צולויפען און עס וועט ווערען ליכטיג אין דער יודישער וועלט.

און אין אמת'ן איז טאקי די געזעלשאפט תחלת ווי צו דער וואנד צוגעשפארט געווארען און האט קיין ענטפער נישט געקאנט געפינען אויף די טענות און פאדערונגען פון די יודען, וואס זענען פלוצלונג פון דער געטהא ארויס און האבען אנגעהויבען צו רעדען אינ'ם נאמען פונ'ם הומאנישען הוה, מיט וועלכען זי בעריהמט זיך

און דעריבער האָט זי טאַקי, ווירקליך אָנגעהויבען „איינצושטילען מיט גוואַלד דאָס קול פונ'ם עבר, וואָס רייסט זיך פון איהר טיעפען האַרצען", און האָט מסכים געווען, מעגליך, אַז מיט אַ שטילען זיפץ, אַריינצונעהמען אויך זיי, די יודען, כאָטש זי האָט זיי אינערליך פיינד, אין כלל פונ'ם גרויסען אידעאַל: „פריי־הייט, גלייכהייט און ברודערשאַפט". אָט דער קינסטליכער צושטאַנד אָבער האָט נישט געקאָנט פיעל מאריך ימים זיין, צו שטאַרק איז נאָך דער עבר געווען, און וואָס מ'האָט זיך אַלץ מעהר געשטאַרקט איינצושטילען איהם, האָט ער אויך מיט אַלץ מעהר כח געריסען זיך פון טיעפען האַרצען אַרויס, — און ענדליך האָט ער זיך טאַקי אַרויסגעריסען.

אונז אַרט אָבער גאָר נישט אויך אָט דער אָפענער אַרויס־טריט פונ'ם עבר. מיר שרייען נאָך אַלץ דעם „מן המצר" אונ־זערען, מיר רעדען נאָך אַלץ אינ'ם נאָמען פונ'ם צייטס־גייסט, און מיר טייטען אַלץ מיט די פינגער אויף דער גרויסער סתירה, וואָס צווישען איהם און צווישען דער לאַגע, אין וועלכע מיר יודען גע־פינען זיך. און אָט דורך דער אָפענער און שטענדיגער „הזכרת נשמות" אַליין צווינגען מיר די געזעלשאַפט, נישט זי זאָל דיים עבר איינגאַנצען מיט די וואָרצלען אויסרייסען — וואָס זי קאָן עס נישט טהון, ווען זי וואָלט עס אפילו וועלען טהין — מיר צווינגען זי נאָר דערצו, אַז זי זאָל זוכען קינסטליכע מיטלען, ווי אַזוי צו מאַכען שלום ביי איהר אין דער נשמה: צו געפינען עפּעס אַ מיטעל, וואָס זאָל איהר געבען די מעגליכקייט האַלטען זיך ביים אידעאַל, וואָס איז אויף איהר בעליעבט, נאָר מיט דער קליינער הוספה: „אַ חוץ יודען", וואָס דער עבר פערלאַנגט פון איהר. אָט די קינסטליכע מיטלען געפינט זי אין דער פאָרם פון אָט יענע משונה'דיגע און אונגעלומפערטע בלבולים, וואָס ווערען בענייט אויף אונז פון צייט צו צייט, טראָץ די אַלע מופתים חותכים, מיט וועלכע מ'האָט שוין טויזענדער מאָל דערוויזען זייער פאַלשקייט. אָט די בלבולים, פונקט ווי יענע חקירות פון גאַליליי און זיינע חברים וועגען דער בעציהונג פון דער רעליגיע צו דער שיטה פון קופּערניק'ען, זענען מעהר נישט ווי אַ פּראָדוקט פונ'ם פּסיכאָלאָגישען הכרח, צו פער־איינינגען, ווי עס איז, צוויי שטאַרקע כחות, וועלכע זענען געגען איינער דעם צווישען. אין דעריבער, כל־זמן די געזעלשאַפט וועט נאָך אַלץ געפינען אַ בעדערפעניש אין אַזעלכע מיטלען, כדי

צו קאָנען זיין רוהיג אויף דעם געביעט, מוזען אָט די בלבולים עקזיסטירען און תמיד בעגייען זיך, און עס איז גאָר קיין שום חכמה און קיין עצה נישטאָ צו פערניכטען זיי.

פונדעסטוועגען, אויף דעם גרונד פון דעם אַלעם, וואָס איז געזאָגט געוואָרען, קאָן מען אָבער רעכענען, אַז אָט דאָס בעדער־פעניש אין קינסטליכע מיטלען, איז מעהר נישט ווי אויף אַ צייט, וואָרום ביסלעכווייז, בּיסלעכווייז, דורך דער שטענדיגער צוזאַמענ־טרעפונג פּנים עבר און פון הוה, וואָס מיר אַליין העלפען מיט דערצו, געוועהנט זיך צו די געזעלשאַפט, אַז עס זאָלען אָט די צוויי וועלטען עקזיסטירען גלייכצייטיג אין איהר, און עס וועט נאָך קומען אַ טאָג, וואָס די סתירה, וואָס צווישען זיי, נאָכדעם „וואָס דער כח איהרער וועט אָבגעשוואַכט ווערען פון פיעל יאָהרען", וועט שוין מעהר נישט בעאונרוהיגען די הערצער שוין אַפילו אָהן שום קינסטליכע מיטלען, וועלכע זאָלען זי אַ ביסעל פערגלעטען.

און אויב אַזוי, איז דאָס כלל נישט אונפערמיידליך, אַז מיט דער צייט זאָל זיך אַלץ מעהר און מעהר פערשטאַרקען און פערשפרייטען דער „הומאַניזם", ביז ער זאָל, ווירקליך, אַרומ־נעהמען אַלע מענשען, ווייסע, שוואַרצע און געלע, ביז ער זאָל אונטער זיין שוץ נעהמען אַפילו גאָר די גרעסטע פערברעכער, ווי געוויסע קרימינאַלאָגען ווילען, און די וועלט וועט פול ווערען מיט גערעכטיגקייט און יושר, רחמנות און מיטלייד צו אַלע בעשעפענישען, אַזוי, אַז אַפילו אויף פויגעל־נעסט וועלען זיי רחמנות האָבען, — אָבער נאָר נישט אויף יודען. און אויב עס וועט עמיצער פרעגען דאַמאָלסט: „ווי קאָן עס זיין, די סתירה איז דאָך אַזוי בעמערקבאַר, אַזוי בולט?", וועלען איהם ענטפערען געלעהרטע, ווי סעקי: ווען מיר בעשעפטיגען זיך מיט הומאַניזם, פערגעסען מיר די יודען, און ווען מיר בעשעפטיגען זיך מיט יודען, פערגעסען מיר דעם הומאַניזם". און די פּראָסטע מענשען וועלען ענטפערען גאָר פּראָסט: „עס איז שוין אַן אַלטע טענה".